STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09653

ERAYNERUNGEN FUN A IDISHEN DRAMATURG

Leon Kobrin

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

לעאָן קאָברין

ערינערונגען פון א אידישען דראמאטורג

אַ פערטעל יאָהרהונדערט
אידיש טעאַטער אין אַמעריקאַ

ערשטער באַנד

אַרויסגעגעבען פונ'ם
קאָמיטעט פאַר
קאָברינ'ס שריפטען

Copyright by
LEON KOBRIN
1925

לעאָן קאָברין.

אינהאַלטס פאַרצייכנים.

פאַרוואָרט פונ'ם פאַרפאַסער — — — — — — — — — — — — — — זייט 7

„די פרייע אדישע פאָלקס-ביהנע".

יואל ענטין — מיין ערשטע באַגעגעניש מיט איהם. זיין ארבייט אין דעם דאָזי־גען פאַראיין. זיין אינטערעס צו מיינע ערשטע שאַפונגען. ווי אזוי „די פרייע אידישע פאָלקס־ביהנע" איז געשאַפען געוואָרען פון א רוסישען אַפּיציר. זייט 13

די אידישע ביהנע אין יענער צייט.

ווען הורוויץ און לאַטיינער האָבען געוועלטיגט. — דער לשון אויף דער אי־דישער ביהנע. — די אקטיארען און דער עולם אין יענער צייט. — — זייט 23

די קינסטלער-כוחות אויף אונזער דאַמאָלטיגער ביהנע.

ווי זיי האָבען זיך אַנטפּלעקט אין דער בעסערער פּיעסע, און דער אידעאַליזם פון אונזערע פּיאָנערען־אַקטיאָרען — — — — — — — — — — — זייט 33

דער איינדרוק וואָס דאָס דאַמאָלטיגע אידישע טעאַטער האָט געמאַכט אויף איזראַעל זאַנגוויל.

ווי ער האָט אויפגעפיהרט זיינע א פּיעסע אינ'ם אידישען טעאַטער. — די ענג־לישע קריטיקער און דאָס אידישע טעאַטער. — דער געלאָף פון ענגלישע דיריזֽ־טאָרען נאָך אידישע אקטיארען. „פּאַטריאַטען" אינ'ם אידישען טעאַטער. זייט 40

אַן אידעאַלער קולטור-טרעגער.

א ווייטערע כאַראַקטעריסטיק פון י. ענטין, זיין קאָמערציע מיט סיגאַרעטען און העפטען. זיינע קונדען אין די שעפּער. ווי ער האָט פאַרשלונגען מאָליער'ן ז. 49

נ. מ. שמר.

1. — ווי אזוי איך האָב זיך באַקאַנט מיט איהם.—ווי איך האָב זיך איהם פריהער פאָרגעשטעלט — — — — — — — — — — — — — — — — זייט 65
2. — ווי שמר האָט געשריבען זיינע ראָמאַנען, ווי ער האָט געענטפערט זיינע קריטיקער — — — — — — — — — — — — — — — — — — זייט 70
3. — די דעבאַטע איבער שמר'ן. די אומאַנגענעמע לאַגע, אין וועלכער איך האָט זיך דאַן געפונען — — — — — — — — — — — — — — זייט 76

מיין ערשטע פּיעסע „מינא".

ווי אזוי זי איז אַרויפגעשלעפּט געוואָרען אויף דער ווייסער וועלט און ווי אזוי צוליב איהר האָבען גאָרדין מיט זיינע פריינד פאַרלאָזען „די פרייע אידישע פאָלקס־ביהנע". — ווי אזוי מען האָט געמאַכט שלום צווישען גאָרדין'ען און מיר. —ווי גאָרדין און איך זיינען צוקריגטערהייט ארוים פאַר'ן פּובליקום. זייט 81

יעקב גאָרדין.

1. — די פּערזענליכקייט מיט'ן שטאַרקען ווילען. דער געבאָרענער פיהרער און לעהרער, זיין האַלטונג און דער איינפלוס וואָס ער האָט געהאַט. — ז. 109

2. — די טעאטער סביבה, געגען וועלכער גארדין האט געהאט צו קעמפען. — ווי אזוי מען האט אין יענער צייט גרימירט פארפאסערס „יאלדען". — זייט 114
3. — מאגולעסקא פארווערט גארדין'ען אריינצוקומען אין טעאטער, ווען מען פיהרט אויף זיין ערשטע פיעסע „סיביריא". גארדין'ס נצחון — — זייט 119
4. — ווי אזוי די אקטיארען האבען זיך געבויגען פאר גארדין'ס ווילען. — זיין קאמף געגען די „סטארס" פונ'ם אידישען טעאטער — — — — — — — זייט 124
5. — די ערציהערישע ריכטונג פון גארדינ'ס פיעסען. — דער לעהרער, וואס האט געפרעדיגט זיין לעהרע דורך זיי — — — — — — — — — — — זייט 129
6. — די ווירקונג, וואס גארדין'ס „פראזא" האט געהאט אויף די אקטיארען און אויפ'ן פובליקום — — — — — — — — — — — — — — — — זייט 132
7. — דער סך־הכל פון גארדין'ען און זיין טעטיגקייט — — — — — זייט 137

קעני ליפצין.

1. — איהר באציהונג צו גארדין'ען און איהר טאלאנט — — — — — — — זייט 145
2. — ליפצין אין דער היים, ווי זי האט זיך געגרייט צו אן אויפטריט. זייט 149
3. — נאך א פאר שטריכען פון מאדאם ליפצין'ס טאלאנט. — איהר מאן, מייקעל מינץ, א מערקווירדיגער כאראקטער. — זיין טראגעדיע — — — זייט 154

דוד קעסלער.

1. — ווי איך האב איהם געלעזען מיין „איסט סייד געטא", און די לעקציע, וואס ער האט מיר וועגען דעם געהאלטען — — — — — — — — זייט 167
2. — ווי אזוי קעסלער האט זיך פארהאלטען צו פיעסען, וועלכע ער האט נישט ליב געהאט — זייט 173
3. — ווי אזוי הויפטמאן'ס „וועבער" האבען מיר ארויסגעהאלפען, בעת איך האב געלעזען ווידער מיין „איסט סייד געטא" און ווי אזוי מען האט די דאזיגע פיעסע געשפילט — — — — — — — — — — — — — — — זייט 178
4. — קעסלער'ס בעריהמטער „חטאנ'טי". — ווי ער האט ניט פארשטאנען קיין פיעסע, ווען מען האט זי פאר איהם פארגעלייענט, און פארוואס — זייט 184
5. —אן אומאנגענעמע ערפאהרונג, וואס איך האב אמאל מיט איהם געהאט. ז. 191
6. — ווי אזוי קעסלער האט אמאל געשפילט דעם „ישיבה בחור" — — זייט 197
7. — קעסלער א מין פענאמאן, וועלכער איז פול געווען מיט קאנטראסטען. — א ווילדער זשעני — — — — — — — — — — — — — — — — — — זייט 201
8. — די קנאה פון סטארס איינער צום אנדערען, און ווי אזוי קעסלער האט זיך צוערשט באצויגען צו „יאנקעל בוילע". — — — — — — — — זייט 208
9. — דער ערשטער ערפאלג פון „יאנקעל בוילע", ווי אזוי מען האט דערהערט נעמען פון אקטיארען, וואס מען האט זיי פריהער ניט געהערט — — זייט 214
10. — ווי אזוי קעסלער האט געשפילט „יאנקעל בוילע" און ווי אזוי בעסי וויסמאן איז „אריינגעפאלען" אין דער ראל פון נאטאשא'ן — —— זייט 218

בילדער אינ'ם ערשטען באנד:

דער פארפאסער
יואל ענטין
נ. מ. שמר
יעקב גארדין
דוד קעסלער
מאדאם קעני ליפצין
מייקעל מינץ

פונ׳ם פאַרפאַסער

אין די דאָזיגע צוויי ביכער בין איך אויסען געווען צו געבען עראינערונגען — דורכאויס ניט קיין היסטאָריע — וועגען די הויפּט־שאַפער פון אונזער אַמאָליגער בעסערער אידישער ביהנע, און, ממילא, וועגען אונזער דאַמאָלסדיגען בעסערען, אַזוי גערופענעם רעאַליסטישען, טעאַטער בכלל — מיט וועלכע איך בין פּערזענליך געשטאַנען אין נאָהענטער פאַרבינדונג איבער אַ פערטעל יאָהרהונדערט אַלס דראַמאַטורג.

אויפלעבען בין איך אויסען געווען דורך די דאָזיגע עראינערונגען יענע פּיאָנירען פון אונזער אַמאָליגען בעסערען טעאַטער, יענע שאַפער, מיט׳ן אמת׳ן גאָט׳ס פונק אין זייערע נשמות, סיי פאַר זיך אַליין — ווייל אַזוי פיל טייערע און ליכטיגע מאָמענטען אין מיין גאַנץ שווערען לעבען זיינען פאַרבונדען מיט זיי! — און סיי פאַר יענע טויזענדער און טויזענדער מענשען, וואָס האָבען זיי געזעהן און פון זייער פייער זיך אָנגעצונדען און פון זייער באַגייסטערונג מיטגעריסען געוואָרען, און בפרט פאַר יענע, וואָס האָבען ניט געזעהן נישט זיי און נישט זייער טעאַטער און האָבען גאָר קיין אהנונג ניט, וואָס פאַר גרויסע שוישפּילערישע כחות אונזער אַמאָליג טעאַטער האָט פאַרמאָגט און וואָס פאַר אַ קאַמף דאָ איז געפיהרט געוואָרען ביי אונז פאַר אַ בעסערע אידישע ביהנע און וואָס פאַר אַ הויכע מדרגה די דאָזיגע ביהנע האָט אַ געוויסע צייט געהאַט דערגרייכט...

יאָ, גרויסע כחות האָט אונזער אַמאָליגע ביהנע פאַרמאָגט, גרויסע **שאַפענדע** כחות, וואָס נאָר פּיאָנערען זיינען געבענשט מיט אַזעלכע. וואָרים שווער איז דער וועג פון דעם

פּיאָנער, איבער וועלכען ער מוז דורכגעהן. פּול מיט שטיינער און דערנער איז דער דאָזיגער וועג, און אמאָל מיט טיפע גריבער און זומפּען. ניט פאַר אַ מענשען מיט געוועהנליכע כחות איז ער...

דער פּיאָנער בלוטעט ביי יעדען טראָט, און דאָך געהט ער ווייטער. ער פאַרלירט די כחות טראָפּען נאָך טראָפּען אויף די שטיינער און דערנער, און דאָך שטעלט ער זיך ניט אָפּ, ראַנגעלט זיך ווייטער מיט די שטערעגישען, קעמפּט ווייטער אויף זיין וועג, קעמפּט ווייטער...

מחמת ער איז איינער פון יענעם מין מענשען, וואָס זיי זיינען גאַנץ ווייניג פאַראַן ביי אַלע פעלקער, פון יענעם באַזונדערען מין, וועלכער איז לכתחילה געבאָרען געוואָרען, צו באַפרוכפּערען און באַלעבען מיט זיין בלוט און זיין זאַפט, מיט זיינע ליידען און זיין ליבע דאָס, וואָס איז פריהער וויסט און טויט געווען...

ניט ווייניגער שווער איז אויך געווען דער וועג פון די פּיאָנערען פון דער אידישער ביהנע און נאָר פון זייער בלוט און זייער זאַפט, פון זייערע ליידען און זייער ליבע איז ער באַפרוכפּערט און באַלעבט געוואָרען...

וויפיל זיי איז דאָס אויסגעקומען צו קעמפּען!

איז נישטאָ קיין טעאַטער, שפּילט מען אין שייערס, אין קלייטען און אין שטאַלען...

זיינען נישטאָ קיין פּיעסען, שטעלט מען פאַר אַ דיאַלאָג צווישען צוויי, צווישען דריי פאַרשוינען — פון אַ חסיד, אַ זעלנער...

זיינען נישטאָ קיין פרויען, וואָס זאָלען וועלען שפּילען טעאַטער, ווערט מען אליין אַ פרוי, שפּילט מען אליין אַן אַלטע באָבע, אַ יונג מיידעל...

לייזט זיך אויף דאָס טעאַטער אין רומעניען, פאָהרט מען נאָך רוסלאַנד שפּילען...

פאַרבאָט מען אידיש טעאַטער אין רוסלאַנד, פאָהרט מען

נאָך גאַליציע, נאָך לאָנדאָן, נאָך אַמעריקא און מען שפּילט אידיש טעאַטער...

די כחות פון דעם פּיאָנער רוהען ניט. דער גייסט צו שאַפען און צו בויען לאָזט איהם ניט רוהען, ער רייסט זיך צו אַנטפּלעקען, ווי א פאַרשפּאַרט פייער...

אויף שריט און טריט שטיינער און דערנער: באַליידיגונגען פון דער פּאָליציי אין רוסלאַנד; הונגער אין גאַליציע און אין לאָנדאָן; הונגער, שפּאָט און באַליידיגונגען די ערשטע צייט אין אַמעריקא (פון די דייטשע יאהודים) — און זיי גיבען זיך ניט אונטער, די שאַפענדע כחות פון דער אידישער ביהנע, זיי שפּילען און שאַפען אַן עולם פאַר זיך, שאַפען אַן אידיש טעאַטער.

דאָס אַלצדינג אויסצוטראָגען, דאָס אַלצדינג אויסצוקעמפען האָבען נאָר געקאָנט מענשען, וואָס זיי האָבען אין זיך געטראָגען יענע שאַפענדע כחות, וועלכע זיינען שטאַרקער איידער אַלע שטערונגען, יענע שאַפענדע ליבע, פאַר וועלכער מען ברענגט גערן קרבנות.

אָט וועגען די דאָזיגע פּיאָנערען פונ'ם אַמאָליגען בעסערען אידישען טעאַטער אין אַמעריקא זיינען מיינע ערינערונגען.

און אויך וועגען יענער צייט, ווען די פּיעסען פון בעסערען דראַמאַטורג האָבען געצונדען ביים שוישפּילער זיין קינסטלער־אַמביציע נישט־נאָר פאַר סתם טעאַטער, *נאָר פאַר דעם בעסערען טעאַטער*, און האָבען איהם געגעבען די מעגליכקייט זיינע גרויסע כחות פאַנאַנדערצואוויקלען, און ווען דאָס שפּילען פונ'ם שוישפּילער האָט באַגייסטערט דעם דראַמאַטורג און געוועקט ביי איהם דעם חשק צו שרייבען נייע פּיעסען, און ווען זיי צוזאַמען, דער דראַמאַטורג מיט'ן שוישפּילער, האָבען געשאַפען דעם אַמאָליגען היגען בעסערען אידישען טעאַטער און א באַגייסטערטען עולם פאַר איהם...

איך, וואָס אויף מיין גורל איז אויסגעפאַלען צו זיין איינער פון די פאַר שרייבער, וועלכער צוזאַמען מיט יעקב גאָרדינ'ען איז געשטאַנען אַמנאָהענסטען צו יענער ביהנע און צו יענע אונזערע

פּיאָנערען אַקטיאָרען און אַקטריסעס, וואָס יעדער און יעדע פון זיי אָהן אויסנאַם האָט געשפּילט אין מיינע פּיעסען און וואָס יעדער און יעדע פון זיי איז געווען אַ באַזונדער אינטערע־סאַנט ווערטעל, — איך האָב זיך באַמיהט ארויסצוברענגען אין די דאָזיגע עראינערונגען מיינע יענע ביהנע, אַזוי ווי איך האָב זי געזעהן, און איהרע הויפּט־שאַפער — אַזוי ווי זיי זיינען געבלי־בען לעבען אין מיין זכרון...

דערביי וויל איך באַמערקען, אַז אין די דאָזיגע עראינערונ־גען האָב איך זיך אָפּגעשטעלט בלויז אויף מענשען, מיט וועלכע איך בין פּערזענליך געקומען אין דער נאָהענסטער באַריהרונג אַלס דראַמאַטורג און, פאַרבייגעהענדיג, אויף אַ פּאָר, וואָס, הגם זיי האָבען נישט געהאַט קיין שייכות מיט דער דאַמאָלסדיגער בע־סערער אידישער ביהנע אין אַמעריקאַ, ווי, למשל, די באַריהמ־טע אברהם גאָלדפאַדען און נ. מ. שמר, — האָבען זיי אָבער אַ געוויסען אינטערעס פאַר מיר אַליין און זיכער פאַר דער לעזער אויך.

אַרונטער זיינען היינט יענע מענשען פון יענער ביהנע, פון וועלכער זיי האָבען אַמאָל געלאָזט הילכען זייער באַזעלט, פייער־דיג וואָרט, אַרונטער איז מיט זיי יענע ביהנע, נאָר די עראינע־רונג האָט זיך נאָך זיי אָפּגעשטעלט!...

זאָלען די דאָזיגע עראינערונגען, געשריבען פון איינעם, וואָס האָט העכער אַ פערטעל יאָהרהונדערט מיטגעלעבט און מיטגעליטען און מיטגעקעמפט מיט יענע פּיאָנערען פאַר אַ בעסער אידיש ביהנע, זיין אַן אויסדרוק פון טיפער ליבע און אַכטונג צום אָנדענק פון זיי און פון זייער ארבייט!...

יאַנואַר, 2 1925. ברוקלין, נ. י.

„די פרייע אידישע פאָלקס־ביהנע"

„די פרייע אידישע פאָלקס־ביהנע".

יואל ענטין, מיין ערשטע באַגעגעניש מיט איהם. זיין אַרבייט אין דעם דאָזיגען פאַראיין. זיין אינטערעס צו מיינע ערשטע שאַפונגען.

אין יענע יאָהרען פון פרעהליכער אָרימקייט און באפליגעלטען שטרעבען, ווען מיר האָבען דאָ אזוי פרעהליך געהונגערט און מיט אזא שמחה געארבייט אויף דעם שווערען, נאָך־ניט צואקערטען גייסטיגען פעלד אונזערען, האָבען מיר זיך באקאנט.

אין 1897 איז דאָס געווען. אויף א מיטינג פון דער דאָמאָלסדיגער „פרייע אידישע פאָלקס־ביהנע", אין א האָל אויף איסט בראָדוויי, דאָרט האָב איך איהם, יואל ענטינ'ען, צום ערשטען מאָל געטראָפען. ער איז געווען דער סעקרעטער פון יענעם פאראיין.

די „פרייע אידישע פאָלקס־ביהנע" — א נאָמען נאָך דער „פרייער פאָלקס־ביהנע" אין דייטשלאנד, וואָס די סאָציאַליסטישע ארבייטער האָבען דאָרט געגרינדעט, — האָט געארבייט פאר א בעסערע אידישע ביהנע.

די נשמה פון יענעם פאראיין איז געווען יעקב גאָרדין.

כמעט די גאנצע אידישע אינטעליגענץ איז דאָרט פארטראָטען געווען. אלע אידישע דאָקטוירים פון איסט בראָדוויי, מוזיקער און מאלער, ס'רוב מענשען, וואָס האָבען זיך קיינמאָל ניט אינטערעסירט ניט מיט דער אידישער ליטעראטור און ניט מיט דער אידישער ביהנע, זיינען דאָרט מיטגלידער געווען, אפילו צוויי אמת'ע רוסען אויך — דער באקאנטער רוסישער סאָציאליסט סטאלעשניקאָוו, דער ארכיטעקט פון קארנעגיע

האָל, און איינער קאָנסטאַנטינאָוויטש, אַ רוסישער מאָלער.

ווי אַזוי קומען אַזוינע מענשען, די כמעט אידישע גוים און גוי'אישע אידען, צו אַזאַ פאַראיין? וואָס פאַר אַ שייכות האָבען זיי געהאַט צו דער אידישער ביהנע?

דער תירוץ איז: דער איניציאַטאָר פון יענעם פאַראיין איז געווען אַ רוסישער אָפיצער.

דאָס האָט אַזוי פּאַסירט:

אין דער צייט פון דער אַמעריקאַניש־שפּאַנישער מלחמה זיינען דריי רוסען — אַן אָפיצער, דער מאָלער קאָנסטאַנטינאָוויטש און נאָך איינער — געקומען קעמפען פאַר די קובאַנער געגען די שפּאַניער.

נאָך דער מלחמה זיינען די דריי רוסען געקומען נאָך ניו יאָרק און האָבען זיך דאָ צוגעטוליעט צו דער רוסיש־אידישער קאָלאָניע.

יענעם ווינטער האָט גאָרדין געלעזען לעקציעס ביי די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטען איבער מאָליער, איבסען און שעקספּיר.

די לעקציעס זיינען שטענדיג שטאַרק באַזוכט געווען. די היגע אידישע אינטעליגענטען און די פּאָר רוסען האָבען מיט חשק זיי באַזוכט.

זיינען די דריי רוסען אויך צו די לעקציעס געקומען.

איינמאָל, אויף גאָרדינ'ס אַ לעקציע, האָט זיך אויפגעהויבען דער אָפיצער און געהאַלטען אומגעפעהר אַזאַ רעדע:

— מיינע הערען אידישע אינטעליגענטען, איהר לעזט דאָ פּאָר לעקציעס איבער איבסען, מאָליער, שעקספּיר, און אייער אייגענעם אידישען טעאַטער לאָזט איהר איבער אין אַזאַ זומפּ... איך האָב באַזוכט אייער אידיש טעאַטער און איך קען ניט פאַרשטעהן, ווי אַזוי דערלאָזט איהר, אידישע אינטעליגענטען, מען זאָל קאָרמענען ביי אייך אינ'ם אידישע טעאַטער מיט אַזוינע אומגעלומפּערטע זאַכען דעם עולם. האָט איהר אַזוי פאַרגעסען אייער חוב צום פאָלק, מיינע הערען — אידישע אינטעליגענטען?!

און זײן רעדע האָט אַ טיפֿען אײנדרוק געמאַכט — דער עיקר דערפֿאַר, מסתּמא, װײל דער רעדנער איז געװען אַ גוי — און תּיכף אױפֿ'ן פּלאַץ האָט זיך דער עולם אָרגאַניזירט אין אַ „פֿרײע אידישע פֿאָלקס־ביהנע", מיט'ן צװעק צו אַרבײטען פֿאַר אַ בעסערע אידישע ביהנע און צו באַקעמפֿען דעם שונד אױף איהר.

כמעט אַלע, װאָס זײנען אינ'ם האָל געװען, האָבען זיך פֿאַר־שריבען אַלס מיטגלידער. צװישען זײ: גאָרדין, דר. אינ־גערמאַן, דער מוזיקער פּאָנאַראָװ, דר. יוליוס האַלפּערין, דר. מאַקס גירזשדאַנסקי און דער דאַמאָלסדיגער ביבליאָטעקאַר פֿון עדיוקײשאָנאַל אַלײענס גראָסמאַן, װעלכער, װי מען דערצעהלט, איז שפּעטער אַװעק צוריק נאָך רוסלאַנד, האָט זיך דאָרט גע'שמד'ט און איז געװאָרען אַ „מיראָװאָי סודיא" אין אַדעס, און נאָך אַנדערע פֿון די רוסיש־אידישע אינטעליגענטען זײנען אַרײנגעטראָטען אין יענעם פֿאַר־אײן, און די צװײ רוסען סטאַלעשניקאָװ און קאָנ־סטאַנטינאָװיטש אױך.

די לעצטע צװײ האָבען זיך דאָרט געפֿיהלט הײמיש, װײל די מיטינגען זײנען געפֿיהרט געװען אין דער רוסישער שפּראַך, אַזױ אױך די דיסקוסיעס. בלױז די פּראָטאָקאָלען פֿון די מיטינ־גען זײנען פֿאַרשריבען געװען אין דער אידישער שפּראַך.

ערשט שפּעטער האָט מען דאָרט ביסלאַכװײז אָנגעהױבען צו פֿיהרען די דיסקוסיעס אין אידיש. בלױז אײן דר. אַב. קאַספּע האָט שטענדיג גערעדט רוסיש, בעת ער האָט אַ לעקציע פֿאָרגעלעזען, צי בעת ער האָט אין אַ דיסקוסיע אַנטײל גענומען, װײל אין אידיש איז איהם שטענדיג שװער געװען צו געפֿינען דעם נױטיגען אױסדרוק.

געװעהנליך, איז ער לכתּחילה אַרױסגעפֿאָהרען אױף אידיש. נאָר באַלד האָט ער זיך אַרױפֿגעכאַפּט אױפֿ'ן רוסישען װאָגען, און „פֿאַשאָל", אױך װי מיט אַ װאָגען איבער „הרודעס". װײל באמת איז דר. קאַספּע, זאָל ער מיר מוחל זײן, קײנמאָל קײן

רעדנער ניט געווען, כאָטש וויסען האָט ער געהאַט אַ סך מעהר, איידער די אַנדערע אינ'ם פאַראיין, וועלכע האָבען לייכט און גלאַט גערעדט.

גאָרדין האָט זיך געשטעלט בראש פון דעם פאַראיין, און פאַר סעקרעטער האָט מען אויסגעוועהלט ענטינ'ען, וועלכער איז צו יענער צייט געווען אַ סטודענט פון קאָלאָמביא אוניווערזיטעט.

אָט דאָרט האָב איך זיך צום ערשטען מאָל געטראָפען מיט איהם.

איך געדענק ניט, ווער עס האָט מיך דעמאָלט פאָרגעשלאָגען אַלס מיטגליד אין דער „פרייער אידישער פאָלקס-ביהנע". דוכט זיך, אַז בודיאַנאָוו (בודין), מיט וועמען איך בין דעמאָלט גאַנץ נאָהענט באַפריינדעט געווען. איך געדענק אָבער קלאָר דעם איינדרוק, וואָס דער סעקרעטער פון דעם פאַראיין האָט אָן אויף מיר געמאַכט, בעת איך האָב איהם צום ערשטען מאָל געזעהן.

וואָס טוט דאָ אָט דער קליינשטעדטעלדיגער בחור, וואָס איך וואָלט שווערען, אַז ער איז ערשט נעכטען אָנגעקומען פון ערגעץ אַ ליטווישען קליין שטעדטעל, וואו ער האָט זיינע טעג און נעכט אין אַ קלויז איבער דער גמרא פאַרבראַכט? און וואָס זיצט ער עפּעס אַזוי פאַרכמורעט און בייז?

גאָרדין רעדט דאָרט עפּעס. פאָרזיצענדער איז דר. אינגער-מאַן. אַלע קוקען אויף דער אימפּאָזאַנטער פיגור פון דעם רעד-נער, וואָס דערצעהלט מיט אַן ערנסטער מינע אַ קלוגען אַנעקדאָט, פון וועלכען אַלע לאַכען. דער רעדנער גלעט זיך די שעהנע, שוואַרצע באָרד, נעמט זי אריין אין זיין שטאַרקען פויסט פון אונטען ארויף, ווי זיין טבע איז געווען, קוקט דורכדרינגענד מיט זיינע שאַרפע אויגען אויפ'ן עולם פאַר זיך און טוט ניט אפילו קיין שמייכעל. נאָר ווען עס איז שטיל געוואָרען, פאַר-רוקט ער דיביידע גראָבע פינגער פון זיינע הענט אויבען פון ביידע זייטען וועסט, שטעלט אוים מעהר זיין מעכטיגע, ברייטע

ברוסט, און ערשט דעמאָלט טוט ער אַ שמייכעל איבער דעם וויץ, וואָס ער האָט פריהער געזאָגט. דער עולם לאַכט ווידער.

בלויז דער קליינשטעדטעלדיגער בחור לאַכט ניט און שמייכעלט ניט. ער זיצט אויף זיין שטול נעבען אַ טישעל, ניט ווייט פון דער פּלאַטפאָרם, קוקט אויף גאָרדינ'ען און הערט זיך צו מיט אַזאַ מינע, ווי דער רעדנער וואָלט איהם בלוטיג באַליידיגט.

און דער רעדנער רעדט דוקא ניט וועגען איהם, נאָר וועגען דעם רוסישען דראַמאַטורג אָסטראָווסקי'ן און דעם אידישען — לאַטיינער'ן, געדענק איך.

גאָרדין האָט אָפּגערעדט, און דאָ — דער בחור רעדט.

גאָר אַן אַנדערש מענש... האָט איינגעשטשעמעט די פּיס אין דער פּלאַטפאָרם מיט עפּעס אַ מין עקשנות, אַזוי ווי ער וואָלט געזאָגט: „אָט דאָ שטעה איך און דאָ בלייב איך!" — האָט אַ באַוועג געטאָן זיינע ביידע אָרעמס מיט צונויפגעדריקטע פויסטען, אַזוי ווי ער וואָלט זיך געגרייט צו מאַכען גימנאַסטיק, און גענומען רעדען מיט הארץ און עפּעס אַזוי פאַר'עקשנ'ט, און געמאַכט מיט די פויסטען, אַזוי ווי ער וואָלט זיינע ווערטער מיט זיי ארויסגעזעצט...

ער האָט גערעדט דוקא אין אידיש און דוקא געגען גאָרדינ'ס מיינונג איבער אָסטראָווסקי'ן, און די גאַנצע אינטעליגענץ, גאָרדין אַליין אויך, האָט איהם אויסגעהערט מיט גרויס אינטערעס.

ער האָט מיך פאַראינטערעסירט. מיר האָבען זיך באַקאַנט.

דאַן האָט זיך ארויסגעוויזען, אַז ער אַליין האָט מיך נאָך פון פריהער געקאַנט, דאָס הייסט, מיין שרייבען.

ארום יענער צייט איז דאָ ערשינען אַ מאָנאַטשריפט „דער נייער גייסט", די ערשטע צייט אונטער דער רעדאַקציע פון אַלעקסאַנדער האַרקאַווי, וואָס ד. קאַנטאָראָוויטש האָט ארויסגעגעבען. אין די ערשטע נומערען פון יענעם מאָנאַט־שריפט זיינען אָפּגעדרוקט געוועזען מיינע צוויי ערצעהלונגען: „די פידעל" און „איך בין דאַן אַלט געוועזען 17

יאָהר", האָט ענטין מיר דעמאָלט געזאָגט, אַז ער האָט אַ סך מענשען רעקאָמענדירט זיי צו לעזען, אַזוי געפעלען זיינען זיי איהם.

מיר האָבען זיך באַפריינדעט. ער איז געוואָרען אַ שטענ־דיגער בן־בית ביי מיר. דעמאָלט האָב איך זיך ערשט דער־וואוסט, וואָס פאַר אַ מענשליכע ווארימקייט און אפילו צאַרטקייט שלאָגט אונטער זיין אָפט כמורנער און אַמאָל בייזער מאַסקע.

מיין הויפט־חיונה האָב איך דאַן געצויגען פון פאַרקויפען צייטונגען, האָט ער געזוכט פאַר מיר שטענדיגע קונים צווישען זיינע באַקאַנטע און לאַנדסלייט. באַזונדערס געדענק איך איין גוטען קונה, וואָס ער האָט פאַר מיר געקראָגען. דער דאָזיגער קונה, וואָס האָט געהאַלטען אַ וואורשט־געשעפט אויף עלען און העסטער סטריט, דוקא אַן אינטעליגענטער און סימפּאַטישער איד, האָט ביי מיר באַשטעלט צוויי ענגלישע צייטונגען, וואָס איך האָב איהם געזאָלט צושטעלען יעדען אינדערפריה אַרום פינף פאַרטאָג, בעת ער האָט זיין וואורשט־געשעפט, וועלכעס איז אויך געווען אַ „לאָנטש־רום", געעפענט.

די צייטונגען האָב איך איהם אַלע מאָל פּינקטליך צוגע־שטעלט. פינף פאַרטאָג האָב איך זיך שוין געוואַרימט ביי איהם אין קראָם (דאָס איז געווען ווינטער, געדענק איך, און אָנגעטאָן בין איך אַזוי געווען, אַז די קעלט האָט געהאַט דעם פרייסטען צו־טריט צו מיר).

דעם דאָזיגען קונה מיינעם האָב איך אָפּגעהיט, ווי דאָס אויג פון'ם קאָפּ. ערשטענס, אַזאַ „קאָסטימער", אַזאַ קונד, צוויי צייטונגען אַ טאָג, פערצעהן סענט אַ וואָך, ווען די גאַנצע הכנסה מיינע פון דער קאָמערציע מיט די צייטונגען אַרום און אַרום האָט אין דער בעסטער וואָך דערגרייכט די סומע פון איין דאָלאַר מיט אַ האַלב, דאָס הייסט, אַרום צוואַנציג סענט מיט עפּעס אַ טאָג! — און צווייטענס, און דאָס איז געווען נאָך וויכטיגער פאַר מיר, איך האָב מיט דעם דאָזיגען קונה מיינעם, ווען איך האָב איהם יעדען פאַרטאָג די צייטונגען געבראַכט, געקאָנט

רעדען וועגען ליטעראטור און וועגען דער ארבייטער־באוועגונג, מיט וועלכער ער האט זיך אויך אינטערעסירט.

בין איך טאקע אפט מיט איהם דאן אפגעזעסען שעה'ן לאנג און געשמועסט וועגען די דאזיגע ענינים, וואס האבען אזוי ווייניג שייכות געהאט מיט וואורשט־און־צייטונגען־קאמערציע...

אט אין יענער צייט איז ענטין אפט געבליבען ניאנטשען מיין זוהן, וואס איז א יאהר צוויי אלט געווען. ווייל מיין ווייב איז ניט יוצא געווען מיט מיין צייטונגען־קאמערציע און איז געגאנגען ארבייטען אין א שאפ. האט עמיצער געדארפט בלייבען מיט מיין זוהן, ביז איך בין פארטיג געווארען מיט מיין קאמערציע. איז ענטין, וועלכער האט צו יענער צייט ביי מיר געטאגט און גענעכטיגט, אפט מיט איהם געבליבען.

א וואוילע ניאנקע איז ער געווען. איך דערמאן זיך: אמאל, ווען איך קום אהיים, טרעף איך איהם ביי דער קעראסינקע: ער קאכט גרייפלאך פאר מיין בן־יחיד. אן אנדערש מאל טרעף איך איהם, ווען ער קארמעט דאס קינד. שטופט איהם דאס לעפעל מיט געקעכץ אין מויל אריין און רעדט צו איהם, ווי א מאמע: „פרעס, גזלן, פרעס, קיין מארציפאנעס קען דיר דיין טאטע ניט געבען!" און אמאל טאנצט ער גאר מיט'ן קינד אויפ'ן אקסעל א חסידיש'ען טענצעל...

איך שרייב און לעז פאר איהם. איז איהם געפעלען, ווערט ער אנגעצונדען מיט התלהבות, דאן שרייט ער:

— אי, גוט, גוט! קאברין, גוט!

און טרייסעלט דערביי מיט ביידע ארעמס און טאנצט אונטער אויף די פיס, און אן אמת'ע גוטסקייט טאנצט אויך אויף זיין פנים. קיין סימן פון זיין געוועהנליכער כמארע איז דאן אויף איהם נישטא.

געפעלט עס איהם ניט — איז ער דאן אנגעבלאזען און אנגעמכורעט, און ער שרייט:

— טויג אויף כפרות, אויף כפרות, אויף כפרות! צורייסט עס, פארברענט עס, אויף כפרות!...

און עס וועט אייך ניט העלפען, ווען איהר וועט מיט איהם ארגומענטירען. ווייל האָט ער זיך עפּעס אריינגענומען אין קאָפּ, וועט איהר דאָס אפילו מיט א דובינע פון דאָרט ניט ארויס־שלאָגען.

איך שרייב דאָן מיין ערצעהלונג „יאנקעל בוילע", איז ער פון מיין ארבייט צופרידען, און גאַנץ אָפט הער איך פון איהם זיין ווארימען און התלהבות'דיגען: „גוט, גוט, אי, גוט!"

פאַר דער „פרייער אידישער פאָלקס־ביהנע" ארבייטען מיר ביידע גאַנץ איבערגעבען, ער נאָך מעהר ווי איך. גאַנץ אָפט געהען מיר ביידע ארוים מיט פּעקלאך צירקולארען אונטער די פּאַכוועס, ער אין איין גאָס, איך אין אַן אנדערער, כדי באקאַנט צו מאַכען א לעקציע פון גאָרדינ'ען, צי פון אַן אנדערען, צי אמאָל פון ענטינ'ען אליין, וועגען דראַמע און אידישען טעאַטער.

ווי האָט דאַן אויסגעזעהן די אידישע ביהנע?

די אידישע ביהנע אין יענער צייט.

די אידישע ביהנע אין יענער צייט.

ווען הורוויץ און לאַטיינער האָבען געוועלטיגט. ווי די טירען פונ׳ם טעאַטער זיינען פאַרשלאָסען געווען פאַר פּאַרפּאַסערס־יאַלדען. דער לשון אויף דער אידישער ביהנע. די אַקטיאָרען און דער עולם אין יענער צייט.

אין יענער צייט האָט די אידישע ביהנע אויסגעזעהן ווי אַן אָרימער באַלאַגאַן, וואו אַ תהו־ובהו־וועלט האָט זיך געטומעלט; וואו עס זיינען אויפגעטראָטען פאַר אַן אומאַנטוויקעלטען טעאַטער־עולם ניט קיין קינסטלער, נאָר „אַקטיאָרשטשיקעס“, לצים, קאָמעדיאַנטען, מיט צוגעקלעפּטע בערד און פּאות, אַמאָל אין לאַנגע זשופּיצעס און ס׳רוב אין בגדי מלכות, מיט בלעכענע פּאַנצירען, שווערדלאַך און גאָלדענע קרוינען פון פּאַפּיר.

די דאָזיגע אַקטיאָרען, ס׳רוב פון זיי מיט גאָט׳ס פונק אינ׳ם האַרצען, טאַלאַנטען פון ערשטען ראַנג, האָבען אָבער קיין אהנונג נישט געהאַט פון זייערע כחות, מיט וועלכע גאָט האָט זיי געבענשט, און ניט פון זייערע אויפגאַבען.

זיי האָבען קיין דרך־ארץ ניט געהאַט ניט פאַר זיך און ניט פאַר זייער פּובליקום.

די שפּראַך אויף דער ביהנע — אַז מען האָט פאַרגעשטעלט ניט קיין געבילדעטען אידען, האָט מען געמוזט רעדען קוני־לעמעל און שמענדריק־שפּראַך; און אַז מען האָט פאָרגעשטעלט אַ געבילדעטען, צי גאָר אַ פּרינץ, חלילה, אָדער אַ קיסר, האָט מען געמוזט „שפּרעכען“ דייטש. (איינמאָל אַ „דייטש“ געווען!)

פון אינדיווידועלען, כאַראַקטער־דיאַלאָג, דאָס הייסט, אַז די פאַרשיידענע פּאַרשוינען פון דער פּיעסע זאָלען רעדען זייער באַזונדערען כאַראַקטעריסטישען לשון, וואָס, אגב, לויט דעם

דאַרף, דער עיקר, געאורטיילט ווערען, נאָך מיין מיינונג, יעדע דראַמאַטישע ווערק אויף דער ביהנע — פון דעם מין איז קיין סימן ניט געווען אין די פיעסען פון די דאַמאָלדיגע צוויי הויפּט־פּאַרפאַסער הורוויץ און לאַטיינער, וואָס האָבען באהערשט די אידישע ביהנע.

פאַר זייערע פיעסען האָבען זיי געהאַט איין כלל: דאַרף דער אַקטיאָר שפּילען אַ שמש, צי אַ מלמד, צי סתם ניט קיין געבילדעטען, מוז ער, ערשטענס, זיין אַ קאָמיקער, און, צווייטענס, מוז ער רעדען קוני־לעמעל שפּראַך; און דאַרף ער שפּילען אַ העלדען־ראָלע, און אַ העלד איז דאָך, ניט שייך, אודאי און אודאי געבילדעט, מוז ער ריידען דייטש.

איך דערמאָן זיך ווי דער פאַרשטאָרבענער פּראָפעסאָר הורוויץ האָט איינמאָל פאַר מיר קריטיקירט גאָרדינ׳ען. ער האָט געהאַט אַ טבע צו רעדען אונטער דער נאָז. מאַכט ער איינמאָל צו מיר אונטער דער נאָז אומגעפעהר אַזוי:

— זיי שרייען „גאָרדין". וואָס גאָרדין? אַ דראַמאַטורג איז ער? מען רעדט ביי איהם פּראָזאַ... אויף דער ביהנע אַזאַ פּראָזאַ, ווי אויף דער גאַס... געהערט? ארויפגעבראַכט העסטער סטריט אויף דער ביהנע! אַ פּרינץ אפילו רעדט דאָך ביי איהם אַזאַ פּראָזאַ! געהערט? זיי טומלען: גאָרדינ׳ס פּראָזאַ!... שטעלט זיך פאָר, ווען גאָרדין זאָל אויפפיהרען האַמלעט, פּרינץ פון דענעמאַרק, פון שעקספּיר׳ן, וועט ער איהם אויך לאָזען רעדען העסטער־סטריט פּראָזאַ!...

פרעג איך איהם דעמאָלט:

— ווי דען זאָל האַמלעט רעדען אויף דער אידישער ביהנע?

קוקט ער מיך אָן:

— וואָס מיינט איהר — „ווי דען?" דייטש דאַרף ער רעדען! האָט איהר שוין אַמאָל געזעהן, אַז אַ פּרינץ זאָל רעדען אידיש? און איהר ווילט דאָך אויפפיהרען פיעסען, וואָס זאָלען זיין טריי צום לעבען? נו, נו, ווייזט מיר עפּעס אַ פּרינץ, וואָס זאָל רעדען פּראָזאַ אַזוי ווי אויף העסטער סטריט, — מאַכט דער „פּראָפע־

סאַר" צו מיר אין אַ טאָן פון נצחון, אַזוי ווי ער וואָלט זיכער געווען, אַז אויף אַזאַ אייזערנעם ארגומענט וועל איך איהם בשום אופן ניט קענען ענטפערען.

און, איך דערמאָן זיך, אַז ווען איך האָב איהם דעמאָלט אויף דעם געענטפערט, האָט ער מיך אונטערבראָכען:

— וואָס דרעהט איהר אַ קאָפּ! אויף דער ביהנע דאַרף מען רעדען אַ בעסערע שפּראַך, אַ שעהנערע שפּראַך, נישט קיין קוגעל־שפּראַך. מיר ווילען אויסאיידלען די שפּראַך, שעהנער זי מאַכען...

אַזוי אומגעפעהר האָט מיט מיר ארגומענטירט איינער פון די צוויי הויפּט־זיילען פון דער דאַמאָלסדיגער אידישער ביהנע. דאָס איז געווען אַ פּאָר יאָהר שפּעטער נאָך דער גרינדונג פון דער „פרייער אידישער פאָלקס־ביהנע", ווען דאָס טעאַטער פון הורוויץ און לאַטיינער האָט שוין גוט געפיהלט דעם מעכטיגען האַמער פון גאָרדינ'ען, און ווען איך אַליין האָב אויך צו איהם אַ צוטריט געקראָגען.

אין יענער צייט, ווען די „פרייע אידישע פאָלקס־ביהנע" האָט געאַרבייט, וואָלט פּראָפעסאָר הורוויץ מיט מיר ניט ארגו־מענטירט; ער וואָלט גאָר אינגאַנצען ניט געוואָלט רעדען מיט מיר. ער איז געווען צו זיכער אין זיין הערשאַפט, הגם גאָרדינ'ס איינפלוס האָט זיך שוין שטאַרק געפיהלט צווישען די בעסערע אַקטיאָרען, אויס קנאה צו אדלער'ן, וועלכער האָט דאַן גרויס אויפזעהן געמאַכט צווישען דער אידישער אינטעליגענץ אין גאָר־דינ'ס פּיעסען. אָבער הורוויץ האָט זיך פון איהם אויסגעלאַכט.

גאָרדין, פאַרשטעהט איהר מיך, האָט צו יענער צייט באַ־קומען 50 דאָלאַר פאַר אַ פּיעסע, און פּראָפעסאָר הורוויץ און לאַטיינער זיינען געווען שותפים פון טעאַטער...

פאַר זיינע אַקטיאָרען האָט הורוויץ גערופען גאָרדינ'ען, ווי איך האָב זיך שפּעטער דערוואוסט, אָדער: „דער שוואַרצער איד", מחמת גאָרדין האָט געהאַט אַזאַ פּיעסע און האָט אַליין אויסגעזעהן שוואַרץ, מיט זיין פּעך־שוואַרצער באָרד און שוואַרצע

אויגען, און, דער עיקר, מחמת ער האָט דערמיט געוואָלט געבען אַן אָנצוהערעניש, אַז גאָרדין האָט אַ שווארץ אידיש הארץ און איז אַן אַנטיסעמיט; אָדער ער האָט איהם גערופען: „יאַקאָוו מיכאַילאָוויטש לאַמטאַמדריילעם“, מחמת גאָרדין האָט מיט די אַקטיאָרען גערעדט רוסיש, און ווען אדלער האָט צו איהם גע־רעדט, האָט ער איהם אַלע מאָל אָנשטאָט „גאָרדין“ אדרעסירט: „יאַקאָוו מיכאַילאָוויטש“...

אגב, מען זאָגט, אַז דער ערשטער, וואָס האָט מיט שפּאָט אַזוי גערופען גאָרדינ׳ען, איז דוקא געווען דער פארשטאָרבענער דוד קעסלער. ניט איין מאָל האָב איך אַליין שפּעטער געהערט, בעת קעסלער איז געווען אומצופרידען פון גאָרדינ׳ען, ווי ער האָט איהם גערופען, אונטער די אויגען, „יאַקאָוו מיכאַי־לאָוויטש לאַמטאַמדריילמקע“.

אָבער צוריק צו אונזער ענין:

אין יענער צייט, ווען ענטין און מיר אַלע האָבען געאַרבייט אין דער „פרייער אידישער פאָלקס־ביהנע“, האָבען אונזערע אַקטיאָרען זיך אָפּט דורכגערעדט פון דער ביהנע מיט׳ן „האָכגע־שעצטען פּובליקום“ אינ׳ם טעאַטער, און דאָס „האָכגעשעצטעס“ פּובליקום מיט די אַקטיאָרען.

די קינסטלער אונזערע האָבען זיך ניט געשעמט ארויסצו־טראָגען פאר דעם עולם אינ׳ם טעאַטער די העסליכסטע סקאַנ־דאַלען פון הינטער די קוליסען.

אַמאָל איז ערשינען אַן אַקטיאָר פאַר דעם פּובליקום און האָט פאַר׳מסר׳ט פאַר איהם זיין אייגענע ווייב, די אַקטריסע...

ניט זעלטען האָט אַן אַקטיאָר חתונה געהאַט אויף דער ביהנע און געלאַדען דעם „האָכגעשעצטען אונד ווערטען“ פּובליקום אויף זיין חתונה, אַמאָל דורך די טעאַטער־אַפישען און דורך אַנאָנסען אין די צייטונגען אויך...

איך דערמאָן זיך, אַזאַ חתונה אויף דער ביהנע האָט אַמאָל מ. באַראַנאָוו זעהר וויציג אָפּגעקיבעצט אינ׳ם „אָווענד־בלאַט“.

די אידישע אַקטיאָרען האָט דעמאָלט אינגאַנצען געפעהלט דער קינסטלער־שטאָלץ. זיי האָבען זיך שיער געפיהלט ווי פּאַריעס, אינגאַנצען אָפּהענגיג פון דעם „האָכגעשעצטען" פּובּ־ליקום, וואָס פון זיין גנאָד האָט זיך געווענדט, צי ער, דער אַקטיאָר, זאָל האָבען מאָרגען אויף אַ מאָלצייט, אָדער ניט...

האָט טאַקע דאָס „האָכגעשעצטע פּובּליקום", ס'רוב אָהן קאָלנערס, מיט פּאַפּירענע זעקעלאַך פינאַטס אין די הענט און אַנדערע פּעקלאַך מיט עסענוואַרג, עס גוט געוואוסט און זיך פאַרהאַלטען אָהן שום דרך־ארץ צום אידישען אַקטיאָר.

מען איז געזעסען אינ'ם טעאַטער און מען האָט געקנאַקט פינאָטס און געשפּיגען די שאָלאַכץ ארום זיך, און געשיילט אָראַנדזשעס, און געטרונקען סאָדע וואַסער, און זיך דורכגערעדט, די לאַנדסלייט פון אונטען מיט די לאַנדסלייט פון דער גאַליאָרקע און פון דער גאַליאָרקע מיט די לאַנדסלייט פון אונטען, און זיי אַלע צוזאַמען מיט די אַקטיאָרען אויף דער ביהנע...

דאָס טעאַטער האָט געטראָגען אַ כאַראַקטער גיכער פון אַ שענק, אַ קרעטשמע, אָדער, אינ'ם בעסטען פאַל, פון אַ אידישער שמחה, וואו בדחנים און טענצער האָבען משמח געווען דעם פרעהליכען עולם, איידער פון אַ קונסט־טעמפּעל.

איך דערמאָן זיך, ווי איינמאָל, בעת דער גרויסער מאָגו־לעסקאָ איז געשטאַנען אויף דער ביהנע אין טהאַליא טעאַטער, באַלד ווי ער האָט דאָרט אָפּגעטאַנצט און דער עולם איז שוין מיד געוואָרען צו אַפּלאָדירען איהם, האָט זיך פּלוצים דערהערט פון צווישען פּובּליקום אַ קול:

— העי, מאָגולעסקאָ! העי, זעליגעל ממזר, טאַנץ נאָך אַ ביסעלע! אַ קרענק אויף דיר, וואָס לאָזטו זיך בעטען?!

און מאָגולעסקאָ האָט זיך ניט באַליידיגט. ער האָט אַ שמייכעל געטאָן מיט זיין באַזונדערען מאָגולעסקאָ־שמייכעל און איז טאַקע אַוועק ווידער טאַנצען...

דאָס „האָכגעשעצטעס פּובּליקום" האָט געוואָלט אַזוי!...

אויך איז אין יענער צייט אַ נייעם פּאַרפאַסער שווער געווען,

אינגאנצען אונמעגליך געווען, צוצוקומען צום טעאטער. הורוויץ און לאטיינער האָבען אַלע טירען פון טעאטער פאררוגעלט פאר א פרעמדען שרייבער, וועלכער האָט אויף זייער לשון און אויף דעם לשון פון זייערע אַקטיאָרען געהייסען „יאָלד".

איך דערמאָן זיך: איך האָב אזא ערפאהרונג געהאָט מיט מיין ערשטער פּיעסע „מינא".

„מינא", וואָס האָט א גאַנץ אינטערעסאַנטע געשיכטע און וואָס צוליב איהר איז שפּעטער אונטערגעגאַנגען „די פרייע אידישע פאָלקס־ביהנע", ווי איך וועל שפּעטער דערצעהלען, האָב איך נאָך אָנגעשריבען, ווען איך האָב געוואוינט אין פילאדעלפיא. איך האָב זי פאר קיינעם ניט געלייענט, מחמת די ארבייטער־באוועגונג און דאָס שרייבען ערצעהלונגען האָט מיך דעמאָלט מעהר אינטערעסירט, איידער דאָס טעאטער. איז די פּיעסע ביי מיר אזוי אָפּגעלעגען א פּאָר יאָהר.

אָבער איינמאָל פאַלט מיר איין: עס ליגט ביי מיר א פּיעסע, אפשר זאָל איך פּרואווען זי פאָרלייענען פאר א טעאטער?

קום איך מיט איהר איינמאָל אין דעם דעמאָלסטדיגען ווינדזאָר טעאטער, וואו הורוויץ איז געווען דער פארפאסער און דער בעל־הבית. דאָרט טרעף איך דעם פארוואַלטער פון דעם טעאטער — ע פּ ש ט י י נ ׳ ע ן. זאָג איך איהם, עפּשטיינ׳ען:

— איך האָב א פּיעסע.

קוקט ער מיך אפילו ניט אָן, נאָר פרעגט מיך אזוי כלאחר יד:

— א קאָמעדיע, צי א דראמע?

זאָג איך איהם:

— א דראמע.

מאַכט ער:

— ביי אונז שפּילט מען קאָמעדיעס און ניט קיין דראמעס.

און אַוועק.

ווייס איך, הייסט עס, אז מען שפּילט דאָרט קאָמעדיעס. און אזוי ווי איך וויל, אז מען זאָל דאָרט פאָרט אויסהערען מיין

פיעסע, געה איך שפעטער ווידער אריין און טרעף דארט ווידער דעם אייגענעם בעל־דבר, עפשטיינ׳ען, און זאג איהם:

— איך האב א קאמעדיע...

ענטפערט ער מיר שנעל און שיעור מיט כעס:

— ביי אונז שפילט מען דראמעס און ניט קיין קאמעדיעס...

זאג איך איהם:

— ס׳טייטש ?!...

און דערמאן איהם, אז ער אליין האט מיר געזאגט, אז מען שפילט ביי זיי קאמעדיעס.

ברעכט ער מיך אונטער קורץ און שארף:

— מיר שפילען דא ניט קיין פיעסען פון יאלדען. טשעפעט זיך אפ!...

און ווידער אוועק.

געה איך דערנאך מיט מיין פיעסע אין טהאליא טעאטער, וואו דער פארפאסער איז געווען לאטיינער.

און דאס מאל האב איך א בריוועל פון קראנצ׳ן צו דעם סטאר פון טהאליא טעאטער, וואס איז געווען ניט קיין אנדערער ווי דוד קעסלער.

איך האב איהם נאך ניט געקאנט.

קום איך איינמאל, צוויי מאל און א דריטען מאל אהין — קעסלער איז ניטא.

ביז גאט האט געהאלפען. איך געה צו איינמאל צום טעא־טער, זעה איך פון די טרעפ געהט ארונטער א מאן אין א פעלע־רינע, מיט א הוט מיט ברייטע ראנדען, שטייף ארונטערגערוקט איבער׳ן שטערען. דער מאן האלט אין די הענט א דין שטעקעלע, פאכעט מיט איהם, טאנצט אונטער גראציעז אין גאנג אויף די פיס און זינגט עפעס אונטער דער נאז.

שטויס איך זיך אן, אז דאס איז אן אקטיאר פון יענעם טעאטער און פרעג איהם אויף קעסלער׳ן.

שטעלט ער זיך אפ מיט א באזונדערען גראציעזען נויג,

קוקט מיך אָן מיט גרויסע, אויסדרוקספולע אויגען און ענטפערט אויף טיפע אונטערשטע טענער:

— וואָס דאַרפט איהר איהם? דאָס בין איך אליין.

זאָג איך איהם, אַז איך האָב אַ בריף צו איהם פון קראַנץ'ן.

דערהערט דעם נאָמען „קראַנץ", האָט ער זיך מסתמא אָנגעשטויסען, אַז איך בין פון די רוסישע אינטעליגענטען, און גלייך ארויסגעשאָסען:

— גאָוואָריטע פאָ רוסקי?...

מילא, רייד איך צו איהם אויף רוסיש.

איך דערלאַנג איהם קראַנצ'ס בריף, קאָן ער דאָרט עפּעס ניט ארויסקריכען. און אפשר האָט ער קיין געדולד ניט געהאַט צו לעזען איהם ווייטער, און פרעגט מיך, וואָס ער וויל פון איהם. ערקלער איך איהם. מאַכט ער:

— ווי הייסט אייער דראַמע?

זאָג איך איהם:

— מינאַ...

— מינאַ? וואָס איז דאָס — אַ נאָמען? אה, איהר מיינט מאָניע?...

— ניין, מינאַ הייסט די פרוי, די העלדין, — זאָג איך.

צולאַכט ער זיך הילכיג און פרעהליך און זאָגט:

— אָשיבקאַ, בראַט, אָשיבקאַ! מיסטער קראַנץ האָט אַ טעות געהאַט. איך שפּיל ניט קיין ראָלען פון פרויען. זעהט מאַגולעסקאָ'ן...

האָט צוגעלעגט זיין דין שטעקעלע צום ראַנד פונ'ם הוט און גראַציעז אוועקגעטאַנצט ווייטער.

אַזוי שווער איז דעמאָלט געווען פאַר אַ נייעם שרייבער צוצוקומען צום טעאַטער.

די פּיעסע איז ביי מיר ווידער געבליבען ליגען און איך האָב אָן איהר כמעט פאַרגעסען, ביז איך בין אריינגעטראָטען אין דער „פרייער אידישער פאָלקס־ביהנע" און זיך דאָרט באַקאַנט מיט ענטינ'ען.

די קינסטלער־כוחות אויף אונזער דאַמאָלטיגער ביהנע.

די קינסטלער־כוחות אויף אונזער דראמאַלטיגער ביהנע.

ווי זיי האָבען זיך אַנטפּלעקט אין דער בעסערער פּיעסע און דער אידעאַ־ליזם פון אונזערע פּיאָנערען־אַקטיאָרען. ווי זיי האָבען געקעמפּט פאַר אַ בעסערע ביהנע.

אָבער יענע ביהנע, יענער באַלאַגאַן האָט אויך פאַרמאָגט גרויסע קינסטלער־כחות, אַ סך גלויבען און אידעאַליזם...

אמת, די דאָזיגע כחות זיינען נאָך טיף פאַרזונקען געווען אין דער באַלאַגאַנשטשינע פון לאַטיינער און הורוויץ; האָבען זיי זיך אָבער אַמאָל ארויסגעריסען פון דאָרט און זיך באַוויזען אין מענשליכע געשטאַלטען און אין מענשליכע האַנדלונגען, האָט מען געזעהן ארטיסטען, וואָס האָבען הערצער געצונדען און געמאַכט ציטערען.

און ארויסגעריסען די דאָזיגע כחות פון דער באַלאַגאַנ־שטשינע און געלאָזט זיי דערפיהלען דעם ארטיסט אַליין און זיינע צושויער האָט שטענדיג די בעסערע פּיעסע. דערמיט איז זי אָהן שום ספק געווען אַ שאַפענדע.

שווער איז געווען דער בעסערער פּיעסע אריינצודרינגען אין די פעסטונגען פון הורוויץ און לאַטיינער. אַ מורא'דיג. שווערען קאַמף איז איהר אויסגעקומען צו פיהרען. זי איז אָבער סוף כל סוף דאָך אַהין אריינגעדרונגען.

די צייט, ווען אונזערע פּיאָנערען האָבען דאָ געאַרבייט, איז דאָס געווען, יענע גאָלדענע צייט, ווען זיי האָבען געשאַפען די אידישע ארבייטער באַוועגונג, די יוניאָנס, די אידישע פּרעסע און די אידישע ליטעראַטור.

און דער דאָזיגער שאַפונגס־גייסט פון אונזערע פּיאָנערען האָט זיך אויך דורכגעבראָכען אין אידישען טעאַטער. דער ער־שטער, וואָס האָט געוואַגט ארויסצוטרעטען אין גאָרדינ׳ס פּיעסען, וואָס צו דעם האָט זיך געפאָדערט אַ באַזונדערער מוט — ווי איך וועל דאָס שפּעטער ווייזען אין מיינע קאַפּיטלאַך וועגען יעקב גאָרדין — איז געווען יעקב אַדלער. און דער ערפאָלג, וואָס ער האָט אין זיי געהאַט ביי דער דאַמאָלסטדיגער אידישער אינטעליגענץ, דער כבוד, וואָס זיי האָבען איהם פארשאַפט, נ י ט ד אָ ס ג ע ל ט, האָט געצונדען די קינסטלער־אַמביציע אפילו ביי די אַקטיאָרען פון הורוויץ און לאַטיינער׳ס באַלאַגאַן און געוועקט אויך אין זיי דעם פארלאַנג, צו באַווייזען זיך פאַר דער וועלט אין אַ „מענשליכער״ ראָל, אין אַ „כבוד־פּיעסע״, אַזוי ווי אַדלער...

און איז אַן אַקטיאָר, אפילו פון יענע, דאַן ארויסגעטראָטען אין אַ „מענשליכער״ ראָל, דאָס הייסט אין אַ בעסערער פּיעסע, האָט זיך כמעט אַלעמאָל, ווי איך האָב שוין באַמערקט, אַ נייע גרויסע קראַפט פאַר דעם עולם אַנטפּלעקט, אָפט אַ קינסטלער פון ערשטען ראַנג, וואָס איז ביז דעמאָלט געלעגען באַגראָבען אין דעם תהום פון הורוויצ׳ס און לאַטיינער׳ס אומגעלומפּערטע נאַ־רישקייטען.

יאָ, וואָס פאַר אַן אויסערגעוועהנליכע קרעפטען עס האָבען זיך דאַן כסדר אויפגעדעקט פאַר אונז אויף דער אידישער ביהנע, אַ דאַנק דער בעסערער פּיעסע, וועלכע האָט שטענדיג געגעבען אונזערע אַקטיאָרען און אַקטריסעס די מעגליכקייט צו שפּילען!

יעקב אַדלער, קעסלער, טאָמאַשעווסקי, דער לעצטער אין „דבורה׳לע מיוחסת״ און „פאַרלאָרענער גן־עדן״; מאָשקאָוויטש, טאָרנבערג, בלאַנק, דער לעצטער אין חאַצקעל דראַכמע פון „גאָט, מענש און טייפעל״; פיינמאַן, אין ראָלען פון בעסערע פּיעסען; בערנשטיין, אין שמאי פון דעם אידישען קעניג ליער״ און אין אַנ־דערע ראָלען פון בעסערע פּיעסען; י. קאַצמאַן און נאָך אַנדערע

אקטיארען, — אַט זיי אַלע האָבען זיך דעמאָלט אנטפּלעקט, נאָר אַ דאַנק די בעסערע פּיעסען.

אפילו מאָגולעסקאָ, וואָס ער, דער זשעני, האָט געקאָנט שאַפען ראָלען פון כמעט גאָרנישט, וועלכע זאָלען מיט לעבען און הומאָר שפּריצען — אפילו ער אַליין, האָט די פילפארביגקייט און די פילזייטיגקייט פון זיין טאַלאַנט אויפגעדעקט דער עיקר אין ראָלען פון בעסערע פּיעסען.

אין לייזער בדחן פון „גאָט, מענש און טייפעל“, אין מאָטקע באַס פון דער „איסט סייד גהעטאָ“ און שפּעטער אין שלמה הוץ פון „דעם אומבאַקאַנטען“, האָט מאָגולעסקאָ די שענסטע שטרי־כען פון זיין טאַלאַנט געוויזען.

היינט די אַקטריסעס פון יענער צייט, וועלכע האָבען זיך אין די בעסערע פּיעסען אנטפּלעקט.

סערא אדלער, מיט פינף און צוואַנציג יאָהר צוריק — אַן אַקטריסע, וואָס איהר יעדע באַוועגונג אויף דער ביהנע איז געווען פול מיט טאַלאַנט און שענקייט, און יעדעס וואָרט, וואָס זי האָט דאָרט ארויסגערעדט, איז געווען קינסטלעריש־אמת און קינסטלעריש־איבערצייגענד.

קעני ליפּצין, האָט זיך אָפּט, טראָץ איהר קלאַסיש־מעלאָדעקלאַמאַטאָרישען טאָן, אין איהר שפּילען דערהויבען ביז צו דער אמת׳ער טראַגעדיסטין. וואָלט זי געווען ביי די אומות העולם אויף דער ביהנע, וואָלט זי זיכער דאָרט פאַרנומען איינעם פון די ערשטע פּלעצער צווישען די באַריהמטע אַרטיסטקעס פון דער קלאַסישער טראַגעדיע.

דינע פיינמאַן, וואָס נאָך ביז היינט הילכט מיר אין די אויערען איהר שווישטשענדיגער קול פון פאַניע טאַראַ־טוטיע אין גאָרדין׳ס „סיביריאַ“.

בעסי טאָמאַשעווסקי, וואָס אין דער ראָל פון דעם שווינדזיכטיגען ברודעריל אין „דבורה׳לע מיוחסת“ און אין

דער שטיפערין רוטקע פון די „צוויי שוועסטער“ האָט זי גע־וויזען, אַז זי איז אַ טאַלאַנט פון ערשטען ראַנג, פּונקט ווי גאָר אין די לעצטע יאָהרען אין „מינקע“ פון „דעם דאָקטאָר׳ס ווייבער“, ווי זי האָט די דאָזיגע ראָל די ערשטע צייט געשפּילט.

מאַדאַם ווילענסקי און עמאַ פינקעל — מיט פינף־און־צוואַנציג יאָהר צוריק סובּרעטינס מיט אמת׳ן טאַלאַנט, וועלכע האָבען אַמאָל אין פרעהליכקייט און קאָמיזם אויף זייער באַזונדערען אופן קאָנקורירט מיט מאַגולעסקאָ׳ן.

מאַדאַם בינאַ אַבּראַמאָוויטש, די אַקטריסע, וואָס שיינט נאָך היינט אַזוי אַרויס אין וואָס זי זאָל ניט אויפטרעטען און וועלכע דערמאָנט אַזוי אָפט מיט איהר טאַלאַנט אָן יענער גאָלדענער צייט פון אונזער ביהנע, ווען די אַנדערע טאַלאַנטען, וואָס האָבען צוזאַמען מיט איהר געשפּילט, זיינען געוועזען פון איהר גרויס און פון איהר טעמפּעראַמענט, און אייניגע צווישען זיי נאָך גרעסער.

מאַדאַם עפּשטין, מרס. מאַנע, מרס. נאָדאַלסקי — אַלץ אַקטריסעס, וואָס יעדע פון זיי האָט אַרויס־געוויזען טאַלאַנט אין אַ גרעסערער אָדער קלענערער מאָס אין די בעסערע פּיעסען.

און צולעצט די אַמאָליגע בערטאַ קאַליש, איידער זי איז אַוועק אויף דער ענגלישער ביהנע — יענע קאַליש פון אַמאָל, מיט איהר קול, אין וועלכען העלע, זילבּערנע גלעקלאַך האָבען גע־קלונגען, און מיט איהר גאָלדענער דיקציע, און מיט איהר גאַנצער געשטאַלט, פול מיט גראַציע און חן, — זי, וועלכע איז לכתחילה געקומען נאָך אַמעריקאַ אַלס פּרימאַדאָנאַ פאַר לאַטיינער׳ס און הורוויץ׳עס פּיעסען און איז אויך דערנאָך באַריהמט געוואָרען נאָר דורך דער בעסערער פּיעסע.

און מיט וואָס פאַר אַן ערנסטקייט די טאַלאַנטפולסטע צווי־שען זיי האָבען זיך באַצויגען אין יענער צייט און נאָך יאָהרען שפּעטער, ביז גאָרדינ׳ס טויט, צו דער בעסערער פּיעסע.

איך געדענק נאָך, ווי אדלער האָט געשפּילט אין זיין קליי־נעם טעאַטער אויף דער בויערי, פאַר אַ פּאָר מנינים מענשען, וואָס דאָס רוב פון זיי איז אַהין אריין אויף זיין צעטעל אין רוסיש „סוואָבאָדני ווכאָד" (פרייער איינטריט), וועלכען ער האָט אַ טבע געהאַט צו געבען יעדען איינעם, וואָס האָט נאָר רוסיש גערעדט...

אָפט האָט ער אויף רענט ניט געהאַט פאַר דעם טעאַטער, ניט געהאַט קיין סענט פאַר די אַקטיאָרען, וואָס האָבען מיט איהם געשפּילט, בעת אין די טעאַטערס פון הורוויץ און לאַטיינער זיינען דוקא מענשען געקומען פון אַלע עקען; ער האָט אָבער די בעסערע פּיעסע ניט פאַרראַטען; זיין קינסטלער־אַמביציע איז שטאַרקער געווען פון זיין פּראַקטישער אויסגערעכענטקייט.

און איך געדענק ווי מאָשקאָוויטש און טאָרנבערג, און אַ געוויסע צייט אַפילו מ א ק ס ר אָ ז ע נ ט א ל, האָבען וואָכען לאַנג, שפּילענדיג דאָן מיט אַדלער'ן אין זיין קליינעם טעאַטער, ניט געקראָגען אַפילו גענוג אויף סיגאַרעטען פאַר זייער ארבייט; און הגם זיי זיינען שוין געווען באַליבט ביים פּובליקום און גע־קאָנט אריינטרעטען אין די אַנדערע טעאַטערס אויף אַ סך בע־סערע קאָנדיציעס, האָבען זיי בעסער געהונגערט, איידער צו געהן שפּילען הורוויץ'ס שונד. (ערשט שפּעטער האָט ראָזענטאַל זיך פאַרנומען אויפ'ן אַנדערען וועג).

אפילו באָרים טאָמאַשעווסקי, וועלכער איז צו יענער צייט געווען דער הויפּט־סטאַר פון לאַטיינער'ס און הורוויץ'ס פּיעסען און וועלכער איז געוואוינט געווען צו שפּילען פאַר געפאַקטע היי־זער, נאָך פון די צייטען פון אַזוינע פּיעסען, ווי „אַלכסנדר קראָנ־פּרינץ פון ירושלים", אפילו ער, געדענק איך, האָט מיט אַ יאָהר אָדער צוויי שפּעטער, בעת ער האָט אויפגעשטעלט גאָרדינ'ס „דבורה'לע מיוחסת", זיך אַזוי היינגעריסען מיט זיין שפּי־לען אין יענער פּיעסע, האָט אַזוי דערפּיהלט זיינע כחות אין דער ראָל פון דעם שלאָסער אין יענער פּיעסע, אַז ער איז צו־

פרידען געווען זי צו שפּילען פאַר דעם קלענסטען עולם, אבי אין איהר צו שפּילען...

און פון יענער צייט אָן, אגב, האָט ער גענומען זוכען די בעסערע פּיעסע, איז אין איהר אויפגעטראָטען און האָט אין איהר גרויסען ערפאָלג געהאט, ביז מיט עטליכע יאָהר צוריק...

איך דערמאָן זיך אויך, ווי נאָך שפּעטער האָט טהאליא טע־אטער קאָמפּאניע — קעסלער, מאדאם קאליש, מאשקאָוויטש, טאָרנבערג, פיינמאַן, בלאנק, מאדאם ווילענסקי, מאדאם פיינ־מאַן, און נאָך אנדערע, וועלכע איך געדענק ניט — מאדאם אבראמאָוויטש, דאכט זיך אויך — אָט די דאָזיגע קאָמפּאניע פון כמעט אויסגעוועהלטע קינסטלער, האָט געשפּילט „גאָט, מענש און טייוועל" פאַר ז ע כ צ י ג ד אָ ל א ר „איינגאמע" סוכות... זיי האָבען געשפּילט די דאָזיגע פּיעסע פאַר כמעט א פוסטען טעאטער, בעת אנטקעגען זיי, אין ווינדזאָר טע־אטער, האָט מען געשפּילט הורוויץ'עס א פּיעסע, וואָס האָט גע־צויגען איבערגעפּאַקטע הייזער...

זיי האָבען זי אָבער ניט אוועקגעוואָרפען, זיי האָבען זי ווייטער געשפּילט, ווייל זייער קינסטלערישער „איך" האָט דאָס פון זיי געפאָדערט...

דער איינדרוק וואָס דאָס דאמאָלטיגע אידישע
טעאטער האָט געמאכט אויף איזראַעל זאַנגוויל.

דער איינדרוק וואס דאָס דאמאלסדיגע אידיש טעאַטער האָט געמאכט אויף איזראעל זאנגוויל.

ווי ער האָט אויפגעפיהרט זיינע אַ פּיעסע אינ׳ם אידישען טעאטער. די פּרוכטבאַרקייט פון דער בעסערער טעאטער־פּיעסע. די ענגלישע קריטיקער און דאָס אידישע טעאטער. דער געלאף פון ענגלישע דירעקטאָרען נאַך אידישע אַקטיאָרען. „פּאַטריאָטען" אין דעם אידישען טעאטער.

ס׳רוב פון די מענשען, וואָס רעדען און שרייבען היינט וועגען אידישען טעאטער, זיינען דאָ ניט לענגער פון 10-15 יאָהר. זיי האָבען קיין אהנונג ניט, וואָס אונזער בעסערע ביהנע איז פריהער געווען; ווי אזוי און וואָס פאר אַרטיסטען עס האָבען אויף איהר געשפּילט, און וועלכע פּיעסען, ליטעראַרישע און שפּילעוודיגע, פון יענער צייט ליגען היינט — א סך פון זיי שוין אַרומגעריסענע און אַרומגעצופּטע און אינגאַנצען צע־קאַליעטשעטע פון שונד־הענט — אויף די פּאָליצעס אין אונזערע טעאטער־געביידעס, אין אונזערע אויסערליך שעהנע און רייכע טעאטער־געביידעס, פון וואנען דער לעצטער סימן פון אמאָליגען קינסטלערישען שפּילען און פון דער אַמאָליגער ליטע־ראַרישער טעאטער־פּיעסע איז היינט פארשוואונדען.

זיי ליגען דאָרט אויף די פּאָליצעס אלס זכרון פון יענער רוהמפולער צייט, ווען מען האָט דאָרט אמת׳דיגען טעאטער גע־שפּילט, פּונקט ווי דער נאָמען פון אונזער פארשטאָרבענעם גרויסען קינסטלער דוד קעסלער איז היינט אַ רוהמפולער זכרון אויף א געוויסען טעאטער. וואו... מען האָט אַמאָל אויך טעאַטער געשפּילט...

ניין, יענע מענשען, וועלכע זעהען אונזער טעאטער ערשט פאר די לעצטע צעהן־פופצעהן יאָהר, האָבען איהם אין זיין גלאַנץ ניט געזעהן. זיי האָבען איהם שוין געטראָפען אין א צושטאַנד פון שטענדיגען דעגענערירען, פון ארונטערזינקען אַלץ טיפער און טיפער.

דער דאָזיגער פּראָצעס פון זינקען איז פון צייט צו צייט פארהאַלטען געווארען אויף א ווײַלע פון א בעסערער פּיעסע, וועלכע האָט אריינגעגעבען פרישע בלוט און כחות דעם דעגענערירענדיגען טעאטער, אָבער נ אָ ר א ו י ף א ו ו י י ל ע, מחמת דער אַלגעמיינער דעמאָראַליזאציע און דער הפקרות פון אונזער ג א נ צ ע ן היגען גייסטיגען לעבען, וואס האָט זיך געמוזט אפּ־רופען אויפ'ן אידישען טעאַטער אויך...

אין יענער רוהמפולער צייט פון אונזער ביהנע האָבען אזוינע אמעריקאנער צייטונגען, ווי די „ניו יאָרק טיימס", „סאָן" און אַנדערע, אין זייערע זונטאָג־אויסגאַבען, געדרוקט ארטיקלען איבער דער גרויסער קונסט אין דעם אידישען טעאַטער, וואָס זיינען געשריבען געווען פון אזוינע פּראָמינענטע טעאטער־קריטיקער ווי זשאַן קאָרבין, נאָרמאַן האפּגוד און האטשקינס האפּגוד. ב. ריטשארדס האָט אין יענער צייט אויך אָפט געשריבען איבער'ן אידישען טעאַטער אין די ענגלישע צייטונגען. און איך דערמאָן זיך ווי דער „טעלעגראַף" האָט אָפּגעגעבען א גאַנצע זייט פון זיינער א זונטאָג־אויסגאַבע פאר ריטשארד'ס אַן ארטיקעל איבער אידישען טעאטער און פאר בילדער פון געוויסע אידישע אַקטיאָרען און אַקטריסעס. אזא נאָמען האָט דעמאָלט דער אידישער טעאַטער געהאַט.

אין יענער צייט האָט אויך א פּראָפעסאָר פון קאָלאָמביא אוניווערסיטעט געבראכט זיינע סטודענטען און באריהמטע אמערי־קאַנישע שריפטשטעלער אין טהאַליע טעאַטער, צו זעהן דאָרט א פאָרשטעלונג פון „גאָט, מענש און טייפעל", געשפּילט פון טאָמאַשעפסקי־ בערג, מאָשקאָוויטש, קעסלער, בלאַנק, מאַדאַם קאַליש און אַנדערע, און דערנאָך וועגען דער פּיעסע און דעם שפּילען לעקציעס געלייענט אין אוניווערסיטעט.

אויך אין יענער צייט האָט ישראל זאַנגוויל אמאָל באזוכט פּיפּעלס טעאטער, בעת טאָמאַשעווסקי און מרס. טאָמאַשעווסקי און מאדאם אבראַמאָוויטש און דער פאַרשטאָר־בענער פיינמאַן און מרס. פיינמאַן און נאָך אנדערע האָבען געשפּילט מיין פּיעסע „צוויי שוועסטער", וואו מרס. טאָמאַשעווסקי האָט אזוי וואונדערליך געשפּילט די ראָל פון דער יונגער רוטי'ן און וואו די אנדערע האָבען זיך אזוי אויסגעצייכענט, אז זאַנגוויל האָט דערנאָך עפענטליך ערקלערט אין דער ענגלישער פּרעסע, אז די בראָדוויי־ער מענעדזשערס און אַקטיאָרען זאָלען געהן אויף דער בויערי, צו זעהן וואס דאָס מיינט גוטע פּיעסען און גוט שפּילען.

ער איז אזוי באַגייסטערט געוואָרען פון דעם אידישען טעאטער ,אז ער האָט געגעבען טאָמאַשעווסקי'ן אויפצופיהרען זיין פּיעסע „די קינדער פון דער געטאָ", וועלכע איך האָב דאַן פאַר איהם איבערזעצט.

איך דערמאָן זיך, ווען איך האָב זאַנגוויל'ן אָפּגעגעבען די איבערזעצונג, האָט ער מיר דאַן געזאָגט ,אז ער איז מקנא די אידישע דראַמאַטורגען, וואָס זיי האָבען אַרטיסטען מיט אמת'ן גאָט'ס פונק אין זייערע נשמות...

יאָ, פאַר אונזערע אַקטיאָרען אין יענער צייט האָט ער אונז, אידישע דראַמאַטורגען, געמאָגט טאַקע מקנא זיין.

ווי אזוי ער האָט געהאַלטען פון אונזער טעאטער און פון אונזערע אַקטיאָרען באַווייזט נאָך דער פאַקט, וואָס ער האָט ניט דורכגעלאָזען קיין איין פּראָבע פון זיין פּיעסע, איז פּונקט צו דער מינוט יעדען אין־דער־פריה אין פּיפּעלס טעאטער געקומען, האָט זיך אוועקגעזעצט אין פּאַרטער און פון דאָרט געמאַכט באַמער־קונגען צו די אַקטיאָרען, וועלכע האָבען געמאַכט פּראָבע אויף דער ביהנע.

אין יענער צייט האָבען די אידישע אַקטיאָרען אזא שם געהאַט, אז ענגלישע טעאטער־דירעקטאָרען האָבען געפּרואווט אוועקנעמען קעסלער'ן פון דער אידישער ביהנע, און אויף א קורצער צייט טאַקע איהם אוועקגענומען אויך, און טאָרנבערג'ן

האָט מען אוועקגענומען אויף א פּאָר יאָהר, און מאַדאַם קאַליש האָט מען אוועקגענומען אויף אַ לאַנגער צייט, און יעקב אַדלער'ן האָט מען אנגאזשירט צו שפּילען „שיילאָק" אויף דער ענגלישער ביהנע, וואו ער האָט זיין ראָל געשפּילט אין אידיש און די איבעריגע אין ענגליש. און מאָשקאָוויטש, וועלכער איז איינער פון יענע אקטיאָרען און ווייט-ווייט ניט דער בעסטער, שפּילט היינט אויף דער ענגלישער ביהנע און איז פאררעכענט אַלס איינער פון די בעסטע ענגלישע אקטיאָרען.

דערפאר זאָג איך, אז די מענשען וואס זיינען דאָ ניט לענגער פון 10-15 יאָהר, האָבען אונזער בעסערע ביהנע קיינמאָל ניט געזעהן. זיי האָבען ניט געפיהלט אויף זיך דעם כשוף פון יענע גרויסע קרעפטען, וואָס אונזער ביהנע האָט אמאָל פארמאָגט און וועלכע האָבען זיך אנטפּלעקט אין דער בעסערער, שפּילעוודיגער טעאטער-פּיעסע.

יענער שפּילען און יענע פּיעסען האָבען אויך געשאפען דעם אמאָל באקאנטען טיפּ פון א „פּאַטריאָט", וואס ער, דער דאָזיגער טיפּ, אמאָל א פארשפּאָטעטער און קיינמאָל ניט פארשטאנענער, איז לויט מיין מיינונג — איך האָב איהם געקאָנט — דער שעהנ־סטער אויסדרוק פון באגייסטערונג און ליבע, ארויסגעפלאַמט פון דער תמימות'דיגער פאָלקס-נשמה צו דעם קינסטלער, וואָס האָט זי מיט באגייסטערונג אָנגעצונדען.

ער, וואס דער אַקטיאָר איז געווען זיין גאָט, פאר וועמען ער איז בפּועל ממש בארייט געווען זיך מקריב צו זיין; ער, וואָס דער ערפאָלג פון זיין אקטיאָר אין אַ פּיעסע איז געווען זיין העכסטער גליק, און דער דורכפאַל — זיין טיפסטער אומגליק; — ער, וועלכער האָט געקאָנט אָפּשטעהן שטונדען-לאנג אין דרויסען הינטער אַ פענסטער פון א רעסטאראן שפּעט נאָך האַלבע נאכט, כדי צו קוקען און הנאה האָבען פון דעם, וואָס זיין אַקטיאָר זיצט דאָרט און עסט, צי טרינקט — ער, אָט דוקא דער דאָזיגער פּאַטריאָט, איז דער שטארקסטער באוויז, ווי מען האָט דעמאָלט געשפּילט. זיין תמימות'דיגע נשמה, וועלכע איז ניט געשטערט

געווען פון ניט קיין פארדייעטע פּאָפּוגאַי־טעאָריעס און סתם פרעטענזיעס וועגען קונסט, האָט פריי אויפגענומען דעם אויפ־ריכטיגען שפּילען פון דעם אַקטיאָר און איז פון איהם באגייסטערט געווארען.

ניט איין מאָל האָב איך געזעהן ווי אזא פּאטריאָט איז געווען אמת־פארצווייפעלט, ווען זיין אקטיאָר איז ארויסגעטראָטען אין א שונד־פּיעסע.

יאָ, ניט אומזיסט איז דאַן זאנגוויל געווען אזוי באגייסטערט פון דעם אידישען טעאטער; ניט אומזיסט האָבען די פיין־שמעקער צווישען די ענגלישע קריטיקער דאַן געשריבען מיט אזא ענטציקונג וועגען אידישען טעאטער; און ניט אומזיסט איז דער פּראָפעסאָר פון קאָלאָמביא אוניווערסיטעט מיט זיינע סטודענטען געקומען דאַן זעהן קונסט אין אידישען טעאטער; און ניט אומזיסט האָבען די טעאטער־דירעקטאָרען פון דער אמעריקאנישער ביהנע געזוכט די אידישע אַקטיאָרען פאר זייערע טעאטער; און ניט אומזיסט זיינען דעמאָלט געווען אזוי פיל באגייסטערטע „פּאַט־ריאָטען” ארום די אידישע טעאטערס.

וואָרים אויסערגעוועהנליכע כחות האָט דאָס אידישע טעאטער דאַן פארמאָגט, יענע כחות, וואָס גאָט האָט באשאפען, וואָלט איך געזאגט, ספּעציעל פאר פּיאָנירען...

און א סך פון די דאָזיגע כחות זיינען כמעט שטענדיג געווען פאראייניגט אין איין טעאטער און האָבען זיך אָפט געוויזען אין איין פּיעסע.

אין יענער צייט, ווען מען איז געקומען, למשל, צו א פאָר־שטעלונג אין פּיפּעלס טעאטער — וועמען האָט מען דאָרט געטראָ־פען? ווער פון אונזערע אקטיאָרען און אקטריסעס האָט דאָרט אָפט אין א פאָרשטעלונג געשפּילט?

רעכענען מיר אויס: אַדלער, מרס. אַדלער, מאָגולעסקאָ, טאָמאַשעווסקי, בעסי טאָמאַשעווסקי, מאַקס ראָזענטאַל, מרס. פּאולינא עדעלשטיין, וועלכע איז געווען א באגאבטע מוטער־ראָליסטין, סאָבינא וויינבלאַט, די היינטיגע מאַדאַם ראָזענטאַל, א

פעהיגע סוברעטין אין יענער צייט, און נאָך אנדערע, אָן וועלכע איך קען זיך ניט דערמאָנען.

איז מען געקומען אין טהאַליע טעאטער — ווער האָט דאָרט געשפּילט ?

מענער : דוד קעסלער, מאָשקאָוויטש, טאָרענבערג, פיינמאַן, בלאנק, טאבאטשניקאָוו און נאָך א צוויי־דריי.

דאַמען : מאַדאַם קאַליש, מאַדאַם אבראמאָוויטש, מאַדאַם פיינמאַן, מאַדאַם ווילענסקי און אנדערע.

האָט מען טאַקע דאָרט געזעהן פאָרשטעלונגען, וואָס האָבען געמוזט באַגייסטערען.

די שוישפּילער, מיט זייער שפּילען, האָבען עלעקטריזירט איינער דעם אנדערען אויף דער ביהנע, איינער האָט דעם אנדערען אָנגעצונדען און זיי אלע אינאיינעם — דעם עולם אין טעאטער. אָן עלעקטרישער שטראָם ממש האָט זיך געטראָגען פון די אקטיאָרען צו דעם עולם און פון דעם עולם צו די אקטיאָרען.

וואָס פאר א וואונדערליכער קוואַל פון די פארשיידענסטע פארבען און נואַנסען האָט זיך דאַן אנטפּלעקט אין דעם טאַלאַנט פון דעם אידישען שוישפּילער, בעת ער איז אויפגעטראָטען אין א בעסערער טעאטער־פּיעסע, וועלכע האָט איהם געגעבען א מעג־ליכקייט צו שפּילען, דאָס הייסט, צו לעבען אויף דער ביהנע !...

אמת, עס האָט געפעלט דאָרט רעזשי, די קינסטלער־האַנט האָט כמעט שטענדיג געפעלט אין דער אויפפיהרונג פון דער פּיעסע, אָבער די קינסטלער־נשמה איז דאָרט געווען אין דעם שפּילען פון דער פּיעסע, דער קינסטלער־טעמפּעראַמענט, דאָס קינסטלער־בלוט און דאָס קינסטלער־פייער, וואָס האָט געגלויכטען און געוואַרעמט און פאַר׳שיכור׳ט...

דער יום־טוב׳דיגער מלבוש האָט געפעלט אויפ׳ן גוף, אָבער אין דער נשמה איז דער יום־טוב געווען...

אפשר האָט מען צו־הויך געשריען, אָבער. אין יענעם געשריי האָט כמעט שטענדיג א לעבעדיג מענשליך האַרץ געשריען.

* * *

ווי דער לעזער האָט מסתמא באַמערקט, האָב איך יעדעס מאָל,

אז איך האָב דערמאָנט אונזער בעסערע פּיעסע, זי באַצייכענט אַלס ט ע א ט ע ר־פ י ע ס ע.

זי איז געווען אַ טעאַטער־פּיעסע, מחמת, ווי איך האָב פריהער באַמערקט, זי האָט באַפּרוכפּערט אונזער ביהנע, האָט אין איהר אַריינגעגעבען דראַמאַטיש בלוט און אַ דראַמאַטישע נשמה און שטענדיג געגעבען אַ מעגליכקייט דעם אַקטיאָר צו שפּילען, צו לעבען אויף דער ביהנע.

גאָרדינ'ס פּיעסען, למשל, מיט אַלע זייערע גרויסע פעהלערען, האָבען אָבער איין גרויסע מעלה געהאַט: זיי זיינען געווען ט ע א ט ע ר־פ י ע ס ע ן. זיי האָבען אָנגעפילט די ביהנע מיט באַוועגונג, קאַמף, קאָליזיאָנען, קאַטאַסטראָפען — קורץ, מיט דראַמאַטישען ביהנען־לעבען.

שטרייכט אויס אין גאָרדינ'ס פּיעסען 75 פּראָצענט פון זיינע חכמות און אַפאָריזמען, וואָס זיי זיינען דער הויפּט־חסרון אין זיינע שטיק, וועלען זיינע דראַמען דערפון ניט ליידען, זיי וועלען נאָך אַ סך דערפון געווינען. פאַרוואָס? ווייל חוץ די ווערטער און די ווערטלאַך איז דאָרט שטענדיג פאַראַן די דראַמאַטישע נשמה, די ד ר א מ א ט י ש ע א י ד ע ע, דער דראַמאַטישער סוזשעט, דער דראַמאַטישער קאָנפליקט, וואָס ווערט, ליידער, צו אָפט געשטערט פון די חכמות און אַפאָריזמען.

צי פרואווט גאָר שפּילען זיינע פּיעסען אין פּאַנטאָמינע, אָדער אויפ'ן לייוועגט, וועלען זיי אַלץ בלייבען דראַמען. פאַר אונזערע אויגען וועט זיך פאַנאַנדערוויקלען אַ קאַמף; דראַמאַטישע סיטור־אַציעס און קאָליזיאָנען צווישען מענשען וועלען אונז פאַרכאַפּען, וואָס וועלען אונזער מיטגעפיהל אויפוועקען און אונז צווינגען צו פאַרטראַכטען זיך.

אוריאל מזיק, סאַפאָ, מירעלע אפרת, צלאל ראַפּאָפּאָרט, פריד־לענדער, עטעניו און אַזוי ווייטער — יעדע פון זיי איז אַ ד ר א־מ א ט י ש ע פ י ג ו ר.

יעדע פון זיי וויל עפּעס, זוכט עפּעס, שטרעבט צו עפּעס, קעמפט און באַקעמפט עפּעס.

צוגעגעבען די אַלע גרויסע חסרונות פון גאָרדינ'ס 'פּראָזאַ", זיינע צוגעטראַכטע ווערטלאַך און חכמות, איז זיין אוריאל מזיס דאָך אַ גרויסע ביהנען־פיגור, דער בייזער גייסט פון פאַרדאַרבען און שלעכטס. אפילו שטומערהייט, אָ ה ן ש ו ם ו ו ע ר ט ל א ך, וואָלט ער דאָס פאַרבליבען. אזוי זיינען די אַנדערע ביהנען־געשטאַלטען, ווי סאַפאָ, מירעלע אפרת, פרידלענדער און אזוי ווייטער. מחמת די ווערטער ביי די דאָזיגע פיגורען זיינען ניט דער עיקר, נאָר דער א י נ נ ע ר ל י כ ע ר כח, וואָס צווינגט זיי צו קעמפען, דער דראַמאַטישער ווילען, אין דעם פאַל, מעג דאָס זיין דער ווילען פון דעם פאַרפאַסער, וואָס שטויסט זיי און באַוועגט זיי צו קעמפען און צו האַנדלען.

דערפאַר האָבען די דאָזיגע פּיעסען תמיד פרוכטבאַר געמאַכט אונזער ביהנע, ווייל זיי האָבען געשאַפען און ערצויגען אונזערע בעסטע ארטיסטישע קרעפטען.

ווייל אויב אַ פּיעסע דאַרף האָבען אַקטיאָרען, כדי זי זאָל ריכטיג געשפּילט ווערען, מוזען אַקטיאָרען נאָך נויטיגער האָבען אַ פּיעסע, כדי זיי זאָלען ק אָ נ ע ן ריכטיג שפּילען... איך מיין, נאַטירליך ,אַקטיאָרען מיט טאַלאַנט. די בעסטע פּיעסע מיט דער גרעסטער ראָל וועט ניט באַשאַפען קיין אַקטיאָר, אויב ער האָט ניט קיין טאַלאַנט.

אָבער דער באַגאַבטסטער אַקטיאָר מוז האָבען די פּיעסע און די לעבעדיגע ביהנען־געשטאַלט, כדי צו האָבען אַ מעגליכקייט זיינע קרעפטען אויסצודריקען און זיי צו אַנטוויקלען.

פון מיין אייגענער ערפאַהרונג וואָלט איך געקאָנט אָנווייזען אויף געוויסע אַקטיאָרען און אַקטריסעס אויף אונזער ביהנע, וואָס ראָלען פון מיינע פּיעסען האָבען זיי באַריהמט געמאַכט.

אויב מיר ווילען האָבען אַן אידישע ביהנע, מוזען מיר האָבען אַקטיאָרען, מוזען מיר זייערע כחות פלעגען, מוזען מיר פאַר זיי שאַפען ביהנען־לופט און ביהנען־בלוט, וואָס זאָל נעהרען זייער טאַלאַנט. און דאָס איז נאָר בכוח צו באַווייזען ד י ב ע ס ע ר ע ט ע אַ ט ע ר ־ פּ י ע ס ע.

אַן אידעאַלער קולטור-טרעגער.

אַן אידעאַלער קולטור־טרעגער.

אַ ווייטערע כאַראַקטעריסטיק פון יואל ענטין, זיין קאָמערציע מיט סיגארעטס און העפטען. — זיינע קונדען אין די שעפּער. — ווי ער האָט איינגעשלונגען מאַליער׳ן.

„די פרייע אידישע פאָלקס־ביהנע" האָט דעמאָלט געהאַט עטליכע טיכטיגע טוער, און דער טיכטיגסטער צווישען זיי איז געווען י ו א ל ע נ ט י ן, דער סעקרעטאַר פון יענעם פאַראיין. ער האָט געשריבען די צירקולאַרס, וואָס האָבען געזאָלט באַקאַנט מאַכען די לעקציעס פון דעם פאַראיין, געטראָגען זיי אַליין צום דרוקער, פאַרטיילט זיי אַליין אין׳ם אידישען קוואַרטאַל, אַליין געלייענט לעקציעס, אָנגעפיהרט די דעבאַטען, איז געקומען דער ערשטער צו די מיטינגען און דער לעצטער זיי פאַרלאָזען.

און האָט „די פרייע אידישע פאָלקס־ביהנע" אַרויסגעגעבען אַ ביכעל, וואָס האָט געזאָלט באַקאַנען דעם ברייטען עולם מיט איהר פּלאַטפאָרם און מיט איהרע ציעלען, האָט ענטין יענעם ביכעל רעדאַקטירט.

ענטין האָט פאַר „די פרייע אידישע פאָלקס־ביהנע" געאַרבייט מיט יענעם גאַנץ באַזונדערען אייפער, מיט וועלכער ער האָט מיט יאָהרען שפּעטער געאַרבייט פאַר זיין דראַמאַטיק קלוב, וואו אונטער זיין השגחה האָבען זיך ערצויגען ט ע נ ע נ ה א ל ץ, ג אָ ל ד ש מ י ד ט און אויך די אַקטיאָרען ד ו ב י נ ס ק י, ו ו י י ס ב ע ר ג און אַנדערע, מיט וועלכע ער האָט געשטודירט פּיעסען, געלערענט זיי דעקלאַמירען און פאַרלעזען.

רוּבּין איז אויך אַ תּלמיד פון יענעם ענטינ'ס דראַמאַטיק קלוב.

איך דערמאָן זיך, ווען ער, רובין, איז נאָך קיין אַקטיאָר ניט געווען, האָב איך אָפט איהם געטראָפען ביי ענטינ'ען אין דער היים, וואו ער האָט אונז אַמוזירט מיט זיין נאָכמאַכען גלחים, פשוט'ע גוים, דאָרפישע כלי־זמר און זיין פעטער, ווי אַזוי יענער האָט געזונגען זמירות און איז אין מיטען די זמירות אנטשלאָפען געוואָרען.

רובין האָט עס אַזוי אויסגעצייכענט נאָכגעמאַכט, אַז ענטין האָט גענומען צושטעהן צו איהם, ער זאָל אַריינטרעטען אין זיין קלוב, ווייל ער האָט טאַלאַנט.

און רובין האָט צום סוף איהם געפאָלגט...

מיט דעם אייגענעם אייפער האָט ענטין אויך געאַרבייט גאָר אין די לעצטע יאָהרען פאַר די אידישע ראַדיקאַל־נאַציאָנאַלע שולען און פאַר דעם אידישען לעהרער־סעמינאַר, וואָס דער עיקר ער, ענטין, האָט זיי באַשאַפען און יאָהרען לאַנג אויסגעהאַלטען דורך זיין איבערגעבענקייט און זיין אויסערגעוועהנליכער אַרבייטס־פעהיגקייט.

ער איז ביי אונז איינער פון די ווייניגע, אַ קולטור־טרעגער אין דעם בעסטען זין.

ער איז געבוירען אין אַ קליין שטעדטעל ארום מינסק, שטאַמט פון אַ רב'נישער משפחה.

קיין אַמעריקא איז ער געקומען אין 1891. זעכצעהן יאָהר איז ער דעמאָלט אַלט געווען.

ער דערצעהלט מיר:

די ברידער זיינע האָבען איהם אַריינגענומען אין אַ שאָפּ, וואו מען האָט גענייהט העמדער, און מען האָט איהם געוואָלט אויס־לערנען צו נייהען קראַגענס, האָבען אָבער זיינע הענט צו דעם ניט געטויגט. געדרעהט דאָס שטיקעל וואַרע אַהער, געדרעהט אַהין, צונויפגעלעגט עס אַזוי און אַנדערש, און תּמיד איז ביי איהם

יואל ענטין.

אַרויסגעקומען עפּעס, וואָס האָט אויסגעזעהן ווי אַלצדינג אין דער וועלט, אָבער ניט ווי אַ קראַגען...

חוץ דעם, האָט ער פאַרביטען די קאָלירען. צווישען שוואַרץ און ווייס האָט ער נאָך געקאָנט אונטערשיידען. איז ער אָבער געקומען צו די געפּינטעלטע אָדער צו די געשטרייפטע שטיקלאָך סחורה, איז ער צוטומעלט געוואָרען, האָט זיך פאַרלאָרען צווישען די דאָזיגע הונדערטערלײַ פאַרביגע פּינטעלאַך און שטרייפען...

האָבען איהם די ברידער ערקלערט: „ברודער יואל, קיין לייטישער העמדער־נייהער וועסטו שוין קיינמאָל ניט זיין, דו מוזט זיך זוכען אַן אַנדער תכלית".

און עס איז בײַ זיי געבליבען, אַז ער זאָל אָנהויבען צו פּעדלען מיט סיגאַרעטס צווישען די אידישע שעפּער...

איז ער אַוועק פּעדלען. און אַזוי ווי ער האָט אַ „תכלית" געהאַט אין׳ם זינען, האָט ער שוין פאַר איין וועגס פאַרגרעסערט זיין קאָמערציע מיט העפטען פון די דעמאָלט זעהר באַריהמטע „געהיימניסע פון רוסישען הויף" און מיט דער „אַרבייטער צײַ־טונג", וואָס ער האָט יעדע וואָך צוגעשטעלט זיינע קונים אין די שעפּער.

דאָנערשטאָג נאַכט איז געווען „פּעי" אין די שעפּער, דאָס הייסט, די אַרבייטער האָבען באַקומען זייערע פאַרדינסטען אויס־געצאָהלט, איז ער אַהין געקומען און איינגעמאָנט בײַ זיינע קונים די פּאָר סענט...

ער האָט זיינע קונים געבאָרגט. וואָרים עס איז אַ באַוואוס־טער כלל, אַז קאָמערציע קאָן ניט אויסקומען אָהן קרעדיט...

אַגב, פון יענער צייט דערצעהלט ער מיר אַ פּאָר פאַקטען, וועלכע זיינען זעהר כאַראַקטעריסטיש:

צווישען זיינע קונים איז אויך געווען איינער אַ פאַבריקאַנט, אַ רוסישער איד, וואָס האָט מיט אַלעמען גערעדט נאָר רוסיש.

דער דאָזיגער איד איז געווען איינער פון די טויזענטער, וואָס איז דאַן געווען פאַרקאַכט אין די „געהיימניסע". די גאַנצע וואָך האָט ער געטראַכט נאָר וועגען זיין „ביזנעס"; אָבער אין יענעם

טאָג, ווען א נייער העפט פון די „געהיימניסע" האָט געדארפט ארויסקומען, איז דער איד אויסער זיך געווען. וואו שאַפּ, וואו ארבייטער, וואו ביזנעס — דאָס איז איהם אפילו אינ'ם זינען ניט געלעגען. ער איז ארומגעלאָפען איבער'ן שאַפּ, האָט נאָכאנאַנד געקוקט אויפ'ן זייגער און אלץ געפרעגט: „ווען ברענגט ער די „געהייִמניסע"? ווען ברענגט ער אלע מאָל? וואָס מאכט דאָרט באקונקע דער מאָלאָדיעץ?"

און אז ענטין איז ארייִנגעקומען, האָט יענער זיך א וואָרף געטאָן צו איהם ווי א ווילדער: „אהא, פּרישאָל! פּרישאָל!" א כאַפּ געטאָן ביי איהם דעם העפט מיט אַן אימפּעט, אוועקגע־שטויסען אלעמען פון זיך, געזעצט זיך אויפשניידען דאָס ביכעל און דערביי אויפגערעגט געַרעדט צו זיך אליין:

— וואָס פאַר א נייעם שפּיצעל האָסטו דאָרט אָפּגעטאָן, דרוג מאָי באקונקא, הא? איש טי באשקא טוואָייא אומנאיא, טשאָרט טעביא פּאָבערי! — (דו קלוגער קאָפּ, דער רוח זאָל דיך נעמען!).

דאָס איז זעהר כאראקטעריסטיש פאַר די לעזער, וועלכע האָבען אין יענער צייט געלייענט די „געהיימניסע פון רוסישען הויף", פון וועלכע דער פאַרשטאָרבענער סאַפּירשטיין איז רייך געוואָרען. דערהויפּט זיינען זיי געווען פאַרקאָכט אין באקונינ'ען, אין די וואונדער, וואָס ער האָט דאָרט באוויזען. און ניט אומזיסט, ווען די אידישע אנאַרכיסטען האָבען שפּעטער ארויסגעלאָזען זייערע בילדער פון פּראָפּאַגאַנדאַ ווענען, האָט מען אין טויזענטער אידישע הייזער געקאָנט זעהן זיין בילד אויף דער וואַנט נעבען די בילדער פון משה מאָנטעפיאָרע, באַראָן הירש און פון רבי יצחק אלחנן...

אין די „געהיימניסע" איז באקונין ניט געווען קיין אנטי־סעמיט...

נאָך א פאַקט, וועלכער איז כאראקטעריסטיש אין אַן אַנדער זין פאַר יענער צייט, דערצעהלט מיר ענטין:

צווישען זיינע קונים אויף דער סאָציאַליסטישער „ארבייטער צייטונג" איז אויך געווען א פרומער איד, א פּרעסער. דער דאָזיגער איד, מיט א געלער באָרד, האָט יעדע וואָך געלייענט די „ארבייטער

ציימונג", וועלכע ער האָט באטראכט אַלס זיין ציימונג, וואָס וועט זיך שמענדיג פאר איהם אָננעמען, ווען זיין באָס וועט וועלען איהם קריוודען...

ברענגט איהם ענטין איינמאָל ערב ראש־השנה די ציימונג. ווערט דער איד צוטומעלט, קוקט מיט צומישטע אויגען אויף דער ציימונג, וועלכע ענטין האלט צו איהם אויסגעשטרעקט, און האָט מורא זי צו נעמען.

— מיין ציימונג, — מורמעלט ער, — מיין ציימונג. אָבער ווי קאָן איך זי היינט קויפען? טאָמער, חלילה, מאכט מען דאָרט חוזק פון יום הדין...

צום סוף האָט ער די ציימונג גענומען, א שווערען זיפץ געטאָן און זי גענומען — זיין ציימונג!...

ווי כאראקטעריסטיש דאָס איז פאר יענער צייט, ווען מען האָט דאָ איבערגעקנאָטען דעם היימישען פרומען אידען אין אן ארבייטער־פורעם; וואָס פאר א שווערען זעעלען־קאמף האבען די פרומע צווישען זיי דערביי געמוזט דורכמאכען!...

ענטין איז ביי זיין קאָמערציע לאַנג ניט געבליבען. ער האָט אָנגעהויבען צו לערנען ענגליש. זיין ערשטער לעהרער איז געווען ד״ר. ק א ס פ ע, וועלכער, ווי איך פארשטעה, קענענדיג זיי ביידען, האָט מסתמא געהאַט אויף איהם א היבשען איינפלוס. דערנאָך האָט ענטין אליין אָנגעהויבען צו געבען לעקציאָנען אין ענגליש.

ארום יענער צייט האָט ער זיך אויך באקאַנט מיט דער דראמע.

כדי אויסצולערנען בעסער די ענגלישע שפראַך, האָט מען איהם אן עצה געגעבען צו זוברען דעם דראמאטישען דיאלאָג פון פיעסען אין ענגליש. האָט ער אזוי אריינגעזוברעוועט כמעט דעם גאנצען מאָליער אויף ענגליש. און אזוי ארום האָט ער זיך פאר־אינטערעסירט מיט דער דראמע.

אין דער אייגענער צייט איז ער אריינגעקומען אין א קרייז פון מאָסקווער אידען — פון דעם היינטיגען ד״ר. ב. ב א ג י ן און פון נאָך אזוינע. זיי האבען איהם פאראינטערעסירט אין דער

רוסישער ליטעראַטור און אין דעם רוסישען דראַמאַטורג, אָסטראָווסקי.

האָט ער אָסטראָווסקי'ן געליענט און דאָס האָט איהם נאָך מעהר פאַראינטערעסירט אין דראַמע און טעאַטער.

דערווייל האָט ער געפּרואווט שרייבען. זיין ערשטע זאַך האָט ער אָנגעשריבען אין ענגליש — אַן ערשטע־מאַי־ליד, וואָס ער האָט אָפּגעדרוקט אין דער דאַמאָלסטדיגער סאָציאַליסטישער צייטונג „דהי פּיפּל".

דערנאָך האָט ער אָפּגעדרוקט אין דעם „נייעם גייסט" אַן אַרטיקעל „די טעכניק פון דער דראַמע" און אין דער „נייער צייט" — אַן ערצעהלונג „דאָס לעצטע וואָרט פון אַ רוסיש־אידישען זעלבסטמערדער".

אַ חוץ דעם האָט ער נאָך אָפּגעדרוקט אַ פּאָר איבערזעצטע ערצעהלונגען אינ'ם „אָווענד בלאַט" און אַ פּאָר איבערזעצטע סקיצען אינ'ם „פּאָרווערטס" און אַ קריטישען אַנאַליז פון זיי.

ווען איך האָב זיך באַקאַנט מיט איהם, איז ער שוין געווען גוט באַלעזען, האָט ליידענשאַפּטליך ליב געהאַט ליטעראַטור און טעאַטער און וועגען קיין אַנדער זאַך ניט געטראַכט, ניט געקאָנט טראַכטען.

ווי איך האָב שוין באַמערקט, איז ער דאַן געווען אַ סטודענט פון קאָלאָמביאַ אוניווערסיטי, וואו ער האָט אויך, דאַכט זיך, ליטעראַטור שטודירט.

דערפאַר איז איהם „די פרייע אידישע פאָלקס־ביהנע" דאַן געווען אַזוי נאָהענט צום הארצען.

ביי מיר אין הויז האָט ער זיך אויך היימיש געפיהלט, ניט נאָר דערפאַר אַליין, ווייל מיר זיינען געווען נאָהענט באַפריינדעט, נאָר ווייל ער האָט דאָרט אָפט געטראָפען בודין, אַלעקסאַנדער האַרקאָווי, דר. אב. קאַספּע און נאָך אַנדערע — אַלץ מענשען, מיט וועלכע מען האָט וועגען ליטעראַטור געקאָנט ריידען.

אין דער „פרייער אידישער פאָלקס־ביהנע" האָט מען ניט נאָר לעקציעס געלייענט איבער דראַמע און טעאַטער, נאָר אַמאָל איבער אַ שרייבער און ליטעראַטור בכלל. מיין ווייניגקייט איז דעמאָלט אויך אַמאָל אַרויסגעטראָטען מיט אַ געשריבענער לעקציע.

פּאַסירט אַמאָל אַזאַ זאַך: אויף איינעם פון די מיטינגען, אויף וועלכען עס איז פּאַרהאַנדעלט געוואָרען די פראַגע וועגען די וויטערע לעקציעס, הויבט זיך אויף איינער פון די מיטגלידער, אַ ב ר ה ם ש מ ר, און פאַרלאַנגט, אַז די אַרבייט פון זיין פאָטער, דעם באַריהמטען שמר, זאָל אין איינער פון די לעקציעס באַהאַנדעלט ווערען.

זיין פאַרלאַנג מאָטיווירט ער מיט דעם, אַז זיין פאָטער איז אַן אומרעכט געטאָן געוואָרען: מען האָט איהם ניט ריכטיג אָפּגעשאַצט.

ווער זאָל זיין דער לעקטאָר? ער פאַרלאַנגט, אַז דוקא מיין ווייניגקייט זאָל זיין דער בעל־דבר...

ווער איך אַ פאַרציטערטער, אַז איך דערהער עס. ערשטענס, איז שמר'ס שרייבען ביז צו יענער צייט מיר אינגאַנצען פרעמד געווען. צווייטענס, איז מיר דער אַלטער שמר אַליין, אַלס מענש, דעמאָלט זעהר ליב געווען. איך בין אַמאָל צו איהם געקומען אין הויז, צי אין דרוקעריי אַריין אויף קאַנאַל סטריט, און האָב אַלע מאָל פאַרבראַכט פריינדליך און אנגענעם מיט דעם דאָזיגען זעהר סימפּאַטישען מענשען.

איך פיהל, אַז די גערעכטיגקייט, וואָס זיין זוהן ערוואַרט פון מיר, און זיכער דער אַלטער שמר אַליין אויך, וועל איך זיי ניט קאָנען געבען, כאָטש זיינע ראָמאַנען זיינען מיר אינגאַנצען אומבאַקאַנט.

און איך וויל בשום אופן ניט וועה טאָן דעם אַלטען און זיין פריינדשאַפט איז מיר אויך טייער.

זוך איך זיך פון דעם אַרויסצודרעהען. איך טענה: ניט געלייענט, זאָל אַן אַנדערער...

עס העלפט ניט. גאָרדין שטעהט צו צו מיר, אברהם שמר, אנדערע...

צום סוף איז אָפּגעמאַכט צווישען מיר און אברהם שמר:

ער וועט מיר פארשאפען דריי ראָמאַנען פון זיין פאָטער: איינעם, וואָס ער האָט געשריבען אין די ערשטע יאָהרען; א צווייטען — פון די מיטעלסטע יאָהרען, און א דריטען — פון די סאמע לעצטע; דאן וועלען מיר דעבאטירען וועגען זיי — איך זאָל זיי קריטיקירען און ער, אברהם שמר, זאָל זיי פארטיידיגען.

פאָרזיצענדער פון דער דאָזיגער פארזאמלונג זאָל זיין יעקב גאָרדין.

און אזוי איז געבליבען.

נאָר איידער איך קום צו יענער פארזאמלונג, וועל איך געבען א קורצע כאראקטעריסטיק פון דעם פארשטאָרבענעם באריהמטען שמר'ן.

נ. מ. שמר



נ. מ. שמר.

נ. מ. שמר

.1

ווי אַזוי איך האָב זיך באַקאַנט מיט איהם. — ווי איך האָב זיך איהם פריהער פאָרגעשטעלט און ווי ער האָט באמת אויסגעזעהן.

קיין אידישער שרייבער איז נאָך ניט געווען אַזוי באַריהמט ווי ער. קיינער איז אַזוי פיל ניט געלעזען געוואָרען ווי ער. מיר דאַכט זיך, אַז באַלד ווי איך בין געקומען אויף דער וועלט, איז דאָס ערשטע וואָרט, וואָס איך האָב דערהערט, געווען: שמר...

מיינע קוזינעס האָבען גע׳שמר׳ט... מיינע פעטערס, מיינע מוהמעס האָבען גע׳שמר׳ט... די שכנים ביי אונז אויפ׳ן הויף, די באַקאַנטע קרעמערקעס אויפ׳ן מאַרק, די אידישע דינסטמיידלאַך ביי אונז אינ׳ם הויז — אַלע, אַלע האָבען גע׳שמר׳ט און גע׳בלאַט־שטיינ׳ט, געדענק איך פון מיינע קינדהייט יאָהרען.

האָט זיך באַוויזען, דערמאָן איך זיך, דער האָרבאַטער פּאַקענ־טרעגער מיט שמר׳ס אַ נייעם ראָמאַן ביי אונז אויפ׳ן הויף, האָבען איהם די ווייבער שיער צוריסען.

יעדע פון זיי האָט איהם די ערשטע געוואָלט קריגען אויף ׳פּראָקאַט״, געשפּאַרט דעם האָרבאַטען ר׳ וועלוועלע׳ן די דריי אָדער פינף קאָפּיקעס אין האַנט אַריין און האָבען איהם געצופּט און געריסען, און האָבען זיך אָרומגעקריגט איינע מיט דער אַנ־דערער, ווי איבער אַ ווילדער מציאה...

זיי האָבען איהם געלייענט מיט אַ פאַרכאַפּטען אָטעם און דערנאָך דערצעהלט איינע די אַנדערע מיט התפעלות וועגען די גוטע און שלעכטע העלדען פון שמר׳ס ראָמאַן, לויבענדיג די גוטע און שילטענדיג די שלעכטע...

פון מיין קינדהייט שווימט־ארויס פאַר מיר אַן אינטערעסאַנטע סצענע:

איינמאָל אַ פרייטאָג ביינאַכט, בעת אַלע ביי אונז אינ׳ם הויז האָבען שוין געשלאָפען, האָט מיך עפּעס אַ גערויש אויפגעוועקט.

איך עפען די אויגען: די טיר פון דעם חדר, וואו איך שלאָף, איז אָפען, און איך דערזעה אונזער דינסט לאה׳קען אין עס־צימער. זי זיצט דאָרט ביים טיש, אָנגעלעהנט איהר קאָפּ מיט צופּאַטעלטע האָר אויף איהרעביידע הענט איבער אַ בוך און לייענט אונטער דער נאָז מיט אַ ניגון פון איכה. קיין ווערטער הער איך ניט, נאָר אַ געמורמעל, וואס ווערט יעדע ווייַלע אונטערגעבראָכען פון אַ זיפצעריי.

די סטערינאָווע ליכט אין די לייכטערס געהען אויס. אַ פּאָר זיינען שוין אויסגעגאַנגען. אַ טונקעלקייט שפּרייט זיך פון אַלע ווינקעלאַך. זי ראַנגעלט זיך מיט די צאַנקענדע פלאַמען, וואָס פלאַקערען אויף און זינקען צוריק אין די מיילער פון די לייכטער.

לאה׳קע הויבט־אויף דעם קאָפּ, קוקט מיט טרויעריקע אויגען אויף די צאַנקענדיגע ליכט, און מיט אַמאָל טוט זי אַ כאַפּ מיט אַ מין פאַרצווייפלונג מישען די בלעטלאַך, מישט זיי און מישט זיי, מיט די אויגען איינגעגעסען אין זיי, און טענה׳ט:

— אַ וועהיטאָג איז מיר, אַ בראָך איז מיר! פאַרוואָס האָב איך ניט אָנגעצונדען דעם לאָמפּ?

און דאָ האָט דער לעצטער צאַנקענדיגער פלאַם אַ גליה געטאָן און זיך אויסגעלאָשען, ווי אַ פייער־פליג אין אַ פינסטערער נאַכט.

אַזוי ווי פאַר מיינע אויגען וואָלט עפּעס אַ פאַרבאָרגענע האַנט אַרויפגעוואָרפען אַ שוואַרצען טוך אויפ׳ן עס־צימער און אויף לאה׳קען, און אַלצדינג דאָרט אין אומדורכדרינגליכען שוואַרצען איינגעהילט...

אפילו די אָפענע טיר פון מיין צימער זעהט אויך אויס, ווי אַ פאַררוסענער שוואַרצער פליגעל.

און פלוצים דערהער איך פון דאָרט אַ כליפּען און אַ שטיל געוויין.

א אינגעל פון א יאָהר אכט־ניין, מסתמא, בין איך דעמאָלט געוועזן, און טאַקע א נערוועזער אויך — שרעקט מיך דער דאָזיגער געוויין.

איך רוף זי:

— לאה׳קע!

ענטפערט זי ניט, נאָר זי וויינט העכער און העכער, און איך הער ווי זי שילט:

— אָי, אז א מיתה משונה זאָל אויף זיי קומען!

נאָר ווען איך הויב־אָן צו שרייען, אז איך האָב מורא, און פון אַן אנדער צימער דערהערט זיך אויך מיין מאַמע׳ס קול, קומט אריין צו מיר לאה׳קע און באַרוהיגט מיך מיט א וויינענדיגען קול:

— שאַ, שאַ! וואָס האָסטו מורא? דאָס בין איך.

איך פרעג ביי איהר, פאַרוואָס זי וויינט.

ענטפערט זי:

— אָי, לייען איך שמר׳ס א ראָמאַן! א בראָך איז מיר ניט! נעבאַי וואָלט איך דעם לאָמפּ אַנגעצונדען! אך ,הורגי נפשות, גאָר אונטערוואַרפען פאַלשע געלט!...

און זי טענה׳ט ווייטער:

— אזא גאָלד, אזא „בורליאַנט”, טאַטעלע־פּאַטערל! ווי אזוי טראָגט זיי די ערד אויף זיך, אזוינע גזלנים! ווער ווייסט, וואָס מיט איהם איז דאָרטען? נעבאַי וואָלט איך אַנגעצונדען דעם לאָמפּ. ער איז געווים א פאַרפאַלענער...

פרעג איך ביי איהר:

— ווער, לאה׳קע?

און זי זעצט זיך אוועק נעבען מיר און דערצעהלט מיר אויף איהר שטייגער א מעשה וועגען א טייערען מענשען (זי האָט איהם אָנגערופען מיט׳ן נאָמען אדאָלף גוטהערץ, דאכט זיך, צי אפשר עדעלהערץ), א מענש א געבילדעטער, א גוטער, א שעהנער, מיט אַלע מעלות, ועמען שלעכטע מענשען האָבען אונטערגעוואָרפען פאַלשע געלט, כדי איהם אוועקצוקוילענען...

זי דערצעהלט עס מיט האַרץ, זיפצט און שילט די רוצחים,

די הורגי נפשות, און איך מיט מיין קינדערש הארץ שילט זיי אויך, די שלעכטע מענשען, די גזלנים, און סימפּאטיזיר מיט'ן גוטען, און בעט גאָט פאַר איהם, אַז ער זאָל ניט דערלאָזען די שלעכטע מענשען אוועקצוקוילענען אַ גוטען...

און שפּעטער, אַז לאה'קע פאַרלאָזט מיין צימער און ווידער מיט די ווערטער: „וועה איז מיר, נעבאי וואָלט איך אָנגעצונדען דעם לאָמפּ, אַז איך זאָל וויסען וואָס מיט איהם איז דאָרט געוואָרען" — פיהל איך אויך דעם זעלבען פּאַרדרוס. און לאַנג נאָך ליג איך אויף מיין בעטעל און טראַכט אַלץ וועגען די שלעכטע מענשען, וואָס ווילען אומגליקליך מאַכען דעם גוטען.

איך דערמאָן זיך, ווי איך האָב זיך דערפרעהט אויף מאָרגען, בעת לאה'קע האָט מיט התפּעלות מיר אָנגעזאָגט, אַז די שלעכטע האָבען געכאַפּט די ריכטיגע מפּלה און ער, דער גוטער, האָט, זיי אויף צופּוקעניש, דוקא דערלעבט נחת...

די דאָזיגע סצענע איז פאַרבליבען איינגעקריצט אין מיין זכרון ביז צום היינטיגען טאָג. אַזאַ איינדרוק האָט זי געמאַכט אויף מיר!

אָט אַזוי האָט מען אין יענער צייט שמר'ן געלייענט און אָט אַזוי האָבען זיינע ראָמאַנען געווירקט אויף זיינע לעזער...

די ראָמאַנען זיינע זיינען אַריינגעדרונגען צו די אומאַנטוויקעלטסטע שיכטען פון פאָלק און האָבען צווישען זיי געשאַפען לעזער פון דעם אידישען וואָרט, פון דעם אידישען בוך, און איך דענק, אַז ממילא אויך פון דעם בעסערען אידישען בוך.

אין דעם איז אָהן ספק שמר'ס גרויסער פאַרדינסט פאַר דער אידישער ליטעראַטור.

מיר אַליין איז קיינמאָל ניט אויסגעקומען צו לעזען שמר'ס אַ ראָמאַן. נאָר פון דער סצענע מיט לאה'קען האָט זיך ביי מיר אויף יאָהרען לאַנג אָפּגעשטעלט אַן איינדרוק וועגען שמר'ן, אַז אין זיינע ראָמאַנען שרייבט ער וועגען שלעכטע מענשען, וועלכע פאַראומגליקען גוטע מענשען דורך אונטערוואַרפען פאַלשע געלט און דורך נאָך אַזוינע מעשים תעתועים...

און אַז איך בין עלטער געװאָרען און האָב זיך גענומען אינ־טערעסירען מיט ליטעראַטור, איז די אידישע ליטעראַטור — ביז איך בין געקומען אין אַמעריקע — בכלל מיר פרעמד געװען. אָבער װעגען שמר'ן האָב איך דאָך געװאוסט, װײַל זײַן נאָמען פלעגט מען אַמאָל דערמאָנען אין „װאָסכאָד" און שטענדיג לגנאי. װען מען האָט געװאָלט באַצײכענען שונד, האָט מען עס באַצײכענט מיט דעם אײן װאָרט: „שמר"...

אַז איך בין געקומען קײן אַמעריקע — די אײגענע געשיכטע. אין דעם קרײז, װאוהין איך בין אַרײַנגעקומען, אַז מען האָט גע־װאָלט דאָרט כאַראַקטעריזירען קורץ און שאַרף שלעכטע בעלע־טריסטיק, האָט מען געזאָגט: „שמר'ס אַ מעשה" — און דאָס איז געװען גענוג.

פון קײן אַנדער שטאַנדפונקט װי פון אַ רײן־ליטעראַרישען, האָט מען איהם ניט גענומען און מען האָט איהם ניט געקאָנט נעמען — בפרט אין אונזער קרײז, װעלכער האָט גע־שטרעבט צו שאַפען אַ אידישע ליטעראַטור לױט דעם מוסטער פון די רוסישע און אײראָפּעאישע שרײבער, איבערהױפּט פון די רוסישע.

און איך בין זיך מודה ומתודה, אַז װען איך בין אײנמאָל אַרײַנגעקומען צו מײן פרײנד אַלעקסאַנדער האַרקאַװי (ער האָט געװאױנט אין מעדיסאָן סטריט, נומער 80, דאַכט זיך) און ער האָט מיר געזאָגט, אַז שמר דאַרף באַלד זײַן בײַ איהם און צי איך װיל זיך ניט באַקענען מיט איהם, בין איך גאָר ניט געװען קײן בעלן אויף דעם.

נישט קאָנענדיג איהם, האָט ער זיך מיר פאָרגעשטעלט אַלס עפּעס משונה'דיגעס, אַ מין פאַנטאָן פון שונד אויף צװײ פיס, װעלכער פאַרגיפטעט די װעלט מיט מורא'דיגע שונד־שטראָמען.

און עפּעס האָט ער זיך מיר געמאָלען, אַז דער גאַנצער מהות זײַנער, זײַן גאַנצער אויסזעהן, זײַן באַנעמונג און זײַנע מאַניערען מוזען אויסדריקען דעם דאָזיגען שונד...

װי נשתומם בין איך דערפאַר געװאָרען, װען אין אַ װײַלע

ארום האָט מען אָנגעקלאַפּט אין די טיר, און אין צימער איז אריינ־געקומען א מאן אין א גלאַנציגען צילינדער־הוט, מיט א רוהיגער און העפליכער מינע, וועלכער האָט אויסגעזעהן גיכער ווי א העפ־ליכער באַנקיר, וואָס האָט פארבלאָנדזשעט צו הארקאווי'ן אויף מעדיסאָן סטריט פון זיין שפּאַציר איבער דער פינפטער עוועניו, איידער ווי א אידישער שרייבער.

מען האָט מיר איהם פאָרגעשטעלט:

— מיסטער שייקעוויטש־שמר.

2.

ווי שמר האָט געשריבען זיינע ראָמאַנען. וואָס ער האָט געענטפערט זיינע קריטיקער.

דער אַלטער שמר האָט געמאכט אויף מיר דעם בעסטען איינ־דרוק. ער האָט געהאט אין זיך עפּעס פון דעם פיינעם היימישען אידישען בעל־הבית, צי גאָר פון דעם געבאָרענעם היימישען שעה־נעם גביר — אזא שטילע און נאַטירליכע שטאָלץ און אזא פיינע געלאַסענקייט אין זיין האַלטונג און אין זיין יעדער מינע.

זיין פרישער פּנים, מיט די רויטע באַקען און מיט די גרויע ארומגעשאָרענע וואָנצעס, האָט זיך אזוי געפּאַסט צו דעם זויבערען, כמעט פראַנטישען אנצוג, וואָס איז געלעגען ווי אויסגעגאָסען אויף זיין ברייטער פיגור, אז אין א וואָכעדיגערען אנצוג, האָט זיך געדאַכט, האָט מען זיך דעם דאָזיגען מענשען גאָרניט געקאָנט פאָר־שטעלען.

קיין סימן פון געמאַכטער, אומנאַטירליכער און שרייענדיגער פארפּוצטקייט האָט זיך ניט געפיהלט ניט אין איהם און ניט אין זיין קליידונג.

איך דערמאָן זיך אָן אַן אַנדער באַריהמטען אידישען שריפט־שטעלער, וועלכען איך האָב שפּעטער געטראָפען — אָן אַבְרָהָם גאָלדפאַדען. יענער איז אויך געווען א פראַנט, האָט אויך געטראָגען א צילינדער־הוט און א פעלערינע און ווייסע האַנדשוה נאָך דערצו.

אָבער ביי גאָלדפאַדענ'ען, טראָץ זיין הויכער און אימפּאָ־

זאנטער פיגור און זײן שעהנעם, װײסען קאָפּ האָר, האָט די דאָ־זיגע אויסגעפּוצטקײט שטענדיג געמאכט אויף מיר אַן אײנדרוק פון „טעאַטער״, פון שמינקע, גרים אויף אַן אַקטיאָר. פּונקט װי זײן גלאָצען מיט די אויגען, בשעת ער האָט גערעדט, צי זײן קלאַ־סישער צודריקען די הענט מיט די װײסע האנדשוה צו זײן ברוסט.

איך האָב שטענדיג געזעהן פאַר זיך אַן אַקטיאָר, װאָס איך האָב זיך איהם לײכט געקאָנט פאָרשטעלען אין זײן גאַרדעראָב־צימער, בעת ער האָט זײן גרים ארונטערגענומען און האָט דאַן גאַנץ אַנדערש אויסגעזעהן, מיט זײן נאַטירליכען פּנים, צי גאָר מיט אַן אַנדער גרים און גאַנץ אַנדערש געקלײדט...

אַ גאַנץ אַנדערען אײנדרוק האָט געמאַכט אויף מיר דער אַל־טער שמר. מען האָט איהם אַנדערש, דאַכט זיך מיר, גאָר ניט גע־קאָנט פאָרשטעלען װי דוקא אַזאַ אויסגעפּוצטען. די דאָזיגע אויס־געפּוצטקײט איז, דאַכט זיך, געװען אַן אָרגאַנישער טײל פון איהם: ער איז לכתחילה געקומען אויף דער װעלט מיט אַ גלאַנציגען צילינדערהוט...

דעמאָלט בײ הארקאַװי׳ן אין הויז, אַז מיר האָבען זיך צו־רעדט — דערמאָן איך זיך — האָט דער אַלטער שמר זיך גענומען קלאָגען פאַר מיר אויף זײנע קריטיקער, און װידער אין אַ רוהיגען, געלאַסענעם טאָן, מיט אַ צוריקגעהאַלטענער, פײנער טרויעריגקײט.

ער איז מיר אַלץ מעהר און מעהר געפעלען געװאָרען.

נאָך מעהר איז ער מיר געפעלען געװאָרען, װען איך האָב שפּע־טער אָנגעהויבען צו באַזוכען זײן הויז ערגעץ אויף מאַרקעט, צי אויף פּײק סטריט. אַ װאָרימע פּאַטריאַרכאַלישע אַטמאָספערע האָט זיך דאָרט געפיהלט, װי איך האָב אַזאַ נאָר אַמאָל געפיהלט אין די פאַמיליעס פון די שעהנע אידישע באַלעבאַטים אין רוסלאַנד.

אַזאַ כבוד, װי זײן פאַמיליע האָט איהם אָפּגעגעבען, האָבען זעלטען עלטערען געזעהן פון זײערע קינדער אין אונזער אידישער אַמעריקע.

בײ איהם אין דער הײם האָט ער אויך אָפט מיט מיר גערעדט װעגען זײנע קריטיקער, װעלכע האָבען איהם אַן אומרעכט געטאָן.

עס איז קאָנטיג געווען, אַז דאָס איז ביי איהם געווען אַן אָנגעוועהד־טאָנטער פונקט... דעמאָלט האָב איך זיך אויך דערוואוסט, אַז ער האָט אָנגעשריבען ביז יענער צייט אַרום הונדערט און פופ־ציג דיקע ראָמאַנען אויף „זשאַרגאָן״ — ווי ער האָט זיך אויס־געדריקט; ביז דרייסיג ראָמאַנען אויף העברעאיש, און אַרום דרייסיג שטיק פּיעסען, חוץ לידער און סתם אַרטיק־לען אויף אידיש און העברעאיש.

איך דערמאָן זיך, ווי נשתומם איך בין געוואָרען, ווען איך האָב דערהערט וועגען אַזאַ קאָלאָסאַלער אַרבייט. מיר, וואָס איך האָב דעמאָלט געהאַט אַ ליטעראַרישען אייגענם פון קוים אַ צעהנדליג סקיצען און ערצעהלונגען, האָט זיך דאָס אויסגעוויזען פּשוט אומגלויבליך.

און אַזוי ווי ער און זיין פאַמיליע זיינען מיר ליב געווען, האָב איך צייטענווייז געוואָלט זיך איינרעדען, אַז צווישען אַזוי פיל אָנגעשריבענע ראָמאַנען מוזען געווים זיין ביי איהם אַ פּאָר, וועלכע פאַרדינען דערמאָנט צו ווערען צום גוטען.

איך האָב זיך שוין געקליבען צו בעטען ביי איהם אַ פּאָר פון זיינע ראָמאַנען, וואָס ער האָט זיי אַליין געהאַלטען פאַר זיינע בעסטע. ערשט איינמאָל דערלאַנגט ער מיר אַ בראָשור „יהי אור״, וואָס ער האָט זי אַרויסגעלאָזט געגען זיינע קריטיקער, און זאָגט מיר:

— לייענט עס איבער אויפמערקזאַם, און זעהט, צי איך בין אומגערעכט.

איך האָב די בראָשור איבערגעלעזען. ער טענה'ט דאָרט, אַז עס זיינען פאַראַן קריטיקער, וועלכע האָבען איהם קריטיקירט צום שלעכטען, ניט לעזענדיג קיין איינעם פון זיינע ווערק.

אַ גערעכטע טענה. איך אַליין האָב געקאָנט מענשען, וועלכע האָבען איהם קיינמאָל ניט געלעזען, און דאָך האָבען זיי איהם קריטיקירט צום שלעכטען.

בין איך אָבער געקומען ווייטער אין זיין בראָשור צו זיינע אַנדערע טענות, וועלכע האָבען ביי מיר אינגאַנצען אָוועקגענומען

דעם פריהערדיגען חשק צו באקאנען זיך מיט זיינע ראמאנען.

איבערהויפט אזא טענה:

„אלע לעזער פון מיינע ראמאנען ווייסען זעהר גוט" — שרייבט ער דארט — „אז פאסט אלע מיינע ווערקע ענדיגען זיך גוט. ניט מי הענגט זיך, ניט מי טרינקט זיך, ניט מי שיסט זיך. אין געגענטייל, די ארענטליכע לייטע האבען א גוטע ענדע און די שלעכטס ווערט באלאהנט מיט שלעכטס".

און דאס שרייבט ער דארט נאכדעם ווי ער באהויפטעט, אז זיינע העלדען זיינען „ארויסגעכאפט געווארען פון דעם ווירקליכען לעבען".

דאס האט אינגאנצען אוועקגע'הרג'עט מיין פריהערדיגען חשק צו לעזען איהם. איך האב זיך דערמאנט אן דער סצענע מיט לאה'קען אין יענעם פרייטאג ביינאכט, און דער איינדרוק פון דעמאלט, אז שמר שרייבט וועגען שלעכטע מענשען, וואס ווילען פאראומגליקען גוטע מענשען דורך אונטערוואַרפען פאלשע געלט, איז איצט, ווען איך האב איבערגעלייענט זיין בראשור, אפגעפרישט געווארען אין מיין זכרון...

מיינע פריינדליכע באציהונגען האב איך נאך אנגעהאלטען מיט איהם און זיין פאמיליע. איך האב איהם ניט געזאגט מיין מיינונג וועגען זיין בראשור, און מיר דאכט זיך, אז ער האט ביי מיר אויך ניט געפרעגט.

איך בין אויך אריינגעקומען צו איהם אין דרוקעריי אויף קאנעל סטריט.

די דרוקעריי האט זיך געפונען אין א קעלער. פון דרויסען האבען אהין ארונטערגעפיהרט א 3—4 שטיינערנע טרעפלאך.

ער איז געזעסען ביי א שרייב־טיש געגען דער טיר און האט געשריבען. אהינטער זיינען געשטאנען צוויי שריפטזעצער און האבען געזעצט זיין מאנוסקריפט.

איך דערמאן זיך, ווי איך האב זיך פארוואונדערט, בעת איך האב זיך איין מאל ביי איהם פארזעסען אין דרוקעריי.

איך בין געזעסען מיט איהם און מיר האָבען געשמועסט — ער ביי זיין שרייב־טיש און איך דערביי.

רופט זיך אָן מיט אמאָל איינער פון די זעצערס:

— מיסטער שייקעוויטש, קאָפּיע!

קוקט איהם אָן שמר געלאַסען און פרעגט:

— וואו האַלטסטו?

קוקט אריין דער זעצער אין דעם שריפט און לעזט איבער די לעצטע עטליכע ווערטער פון דער לעצטער שורה, אומגעפעהר אזוי:

„דאָס מעדכען איז רויט געוואָרען“...

זאָגט איהם נאָך שמר געלאַסען:

— דאָס מעדכען איז רויט געוואָרען?... איך גיב דיר גלייך קאָפּיע...

און ער זעצט זיך אוועק שרייבען, שרייבט געלאַסען און רעדט דערביי מיט מיר, און עס נעמט ניט קיין עטליכע מינוט, און דער זעצער האָט ווידער „קאָפּיע“.

אזוי ווי פון זיין קעשענע וואָלט שמר דאָס ארויסגעשאָטען...

אין א ווייַלע ארום די אייגענע געשיכטע: דער צווייטער זעצער בעט קאָפּיע; ווידער שמר'ס פראַגע, וואו האַלט ער, און ווידער לייענט דער זעצער די לעצטע פּאָר ווערטער פון זיין זאַץ, ווי למשל: „ערדעלהאַרץ האָט א געשריי געטאָן“, און שמר דאַרף מעהר ניט — ער שרייבט ווייטער.

פרעג איך איהם דעמאָלט, ווי אזוי קאָן ער אָט אזוי שריי־בען, און נאָך צוויי באַזונדערע זאַכען מיט איין מאָל. איך דער־צעהל איהם ווי שווער מיר קומט־אָן צו שרייבען אפילו איין קליינע סקיצע. שמייכעלט ער גוטמוטיג און זאָגט מיר, אז דאָס איז איהם גאָר ניט שווער. ער וואָלט געקאָנט דריי זאַכען, און ווען נויטיג, אפילו פיר אויף איין מאָל שרייבען.

— ווען מען איז א שרייבער, איז דאָס גאָר ניט שווער, — מאַכט ער.

דערצעהל איך איהם, ווי שווער היינריך היינע האָט גע־

ארבייט אויף זיינס א ליד, און ער איז דאָך אויך געווען א שרייבער.

זאָגט ער מיר, אז אפילו לידער קאָן ער אויך לייכט שרייבען, און בעט ביי מיר, אז איך זאָל איהם געבען וועלכע טעמע איך וויל, און ער וועט גלייך אויף איהר פארפאסען א ליד אי אויף זשארגאָן, אי אויף העברעאיש.

גיב איך איהם א טעמע — און אין א צעהן מינוטען שפעטער: צוויי לידער. שמר'ס מוזע האָט געזונגען אויףביידע שפראכען!...

אגב, אין דעם ענין פון פארפאסען לידער איז מיין פריינד אלכסנדר הארקאווי אויך א גרויסער בריה.

וועקט איהם אויף אין מיטען דער נאכט און גיט איהם א טעמע אויף א ליד, און כאָטש דער גייסט פון אונזער פריינד איז, דאכט זיך, איינגאנצען פארפילאָלאָגעוועט מיט דעם שטויב פון די אלטע און נייע טרוקענע שפראכען, וועט ער דאָך, איינס-צוויי-דריי, האָבען א ליד.

פארוואָס די מוזע האָט זיך געלאָזט אזוי לאנג בעטען ביי היינע'ן און לאָזט זיך גאָר ניט בעטען ביי אזעלכע, וואָס זיינען גאָר קיין פּאָעטען ניט — דאָס איז באמת איינע פון די טיפע סודות פון דער נאטור.

און אפשר ווייזט די מוזע דערמיט ארויס איהר מיידעלשע נאטור, וועלכע אין געוויסע מאָמענטען וועט ווייזען א קאלטע מינע דוקא דעם, וועלכער קאָן זיין איהר באשערטער, און א פריינדליכע מינע דעם וועלכער קאָן קיינמאָל ניט זיין איהר באשערטער...

אך, וויפיל אלטע וואָלטען געקאָנט וועגען דעם דערצעהלען גאנצע טראגעדיעס!...

אָבער צוריק צו שמר'ן.

קורץ, אזוי איז שמר געווען אלס מענש און אלס שרייבער, ווי איך האָב איהם געזעהן.

אלס מענש איז ער מיר באמת סימפּאטיש געווען. דער-

פאַר האָב איך ניט געוואָלט אָננעמען די לעקציע וועגען איהם. דאָס הארץ האָט מיר געזאָגט, אַז זי וועט מאַכען אַ סוף צו אונ־זער פריינדשאַפט.

און אַזוי האָט זיך דאָס טאַקע אויסגעלאָזען...

3.

די דעבאַטע איבער שמר'ן. די אומאַנגענעהמע לאַגע, אין וועלכער איך האָב זיך דאַן געפונען.

איינמאָל, קומענדיג אַהיים, געפין איך דאָרט שמר'ס אַ ראָמאַן מיט אַ צעטעלע פון אברהם שמר. דער ראָמאַן הייסט „ביהנען ארום האָניג" און אין'ם צעטעלע שרייבט צו מיר אברהם שמר, וועלכער האָט זיך אָנגענומען צו פאַרטיידיגען זיין פאָטער'ס ווערק אויף מיין לעקציע, אַז ער האָפט, ווען איך וועל האָבען איבערגעלייענט דעם דאָזיגען בוך, וועל איך אויך מוזען מודה זיין, אַז מען איז אומגערעכט געגען זיין פאָטער.

אָנשטאָט דריי ראָמאַנען, הייסט עס, ווי מיר האָבען אָפּגע־רעדט, האָט ער מיר נאָר איינעם געגעבען, און מסתמא דעם בעסטען, און דאָס האָט מיך דוקא ניט געאַרט; ווייל, איך זאָג דאָס גאַנץ אָפען, הגם מיין לעקציע האָט געזאָלט אויך טראָגען דעם כאַראַקטער פון אַ דעבאַטע צווישען מיר און אברהם שמר'ן, האָב איך מיט מיין גאַנצען הארצען געוואָלט, אַז איך זאָל קאָנעי זאָגען אַ גוט וואָרט וועגען זיין פאָטער אין מיין לעקציע.

דערפאַר ווייל דער אַלטער שמר, ווי איך האָב שוין פריהער באַמערקט, איז מיר געווען זעהר סימפּאַטיש אַלס מענש, און פאַר־שאַפען איהם פאַרדרוס האָט זיך מיר זעהר ניט געגלוסט.

הויב איך אָן צו לייענען דעם ראָמאַן „ביהנען ארום האָניג", און וואָס מעהר איך לייען איהם, ווער איך אַלץ מעהר צורייצט און אויפגערעגט...

און האָט דען געקאָנט אַנדערש זיין, ווען מיין מוסטער פון ליטעראַטור זיינען געווען די ווערק פון טאָלסטאָי און טורגעניעוו, פון פלאָבער, זאָלא און מאָפּאַסאַן!

געענדיגט דעם ראָמאַן, קום איך צוגעהן אויף אַ מיטינג פון

דער „פרייער אידישער פאָלקס־ביהנע" און איך זאָג גאָרדינ׳ען, אז איך וועל זיך צוריקציהען פון דער לעקציע. איך ערקלער איהם, פארוואָס.

לאכט ער:

— נו, זאָל זיין זוהן איהם פארטיידיגען. ער האָט דאָך דאָס אליין געוואָלט. מסתמא ווייסט ער, אז ער וועט קאָנען זיין טאַטען פארטיידיגען.

און גאָרדין לעגט צו:

— נארישקייטען. גרייט צו די לעקציע. שוין פארפאַלען. זי איז אַנאָנסירט און דער האָל פון דער עדיוקיישאָנאַל אלייענס איז שוין אויך גענומען..

פארפאַלען, ניט געקאָנט זיך ארויסדרעהען פון איהר!

איך האָב די לעקציע אָנגעשריבען. צו־שאַרף איז זי ארויס־געקומען ביי מיר.

איך האָב נאָר געהאָפט, אז קיינער פון שמר׳ס פאַמיליע, חוץ זיין זוהן, נאַטירליך, וועלכער האָט געזאָלט פארטיידיגען די ווערק פון זיין פאָטער, וועט אינ׳ם האָל ניט זיין.

איך האָב געפיהלט, אז עס וועט מיר זיין זעהר שווער צו זאָגען וועגען שמר׳ן דאָס, וואָס איך האָב געדאַרפט, ווען עמיצער פון זיין פאַמיליע וועט זיין דערביי, און נאָך שווערער וועט יענעם זיין דאָס צו הערען.

אין יענעם טאָג, ווען די לעקציע האָט געזאָלט פאָרקומען, איז מייקעל מינץ׳ס ציימונג „דער אידישער העראָלד" ארויסגע־קומען מיט א גרויסער אַנאָנס אויף דער ערשטער זייט, אז א גרויסע דעבאַטע וועט פאָרקומען יענעם אָוונט אין דעם האָל פון עדיוקיישאָנאַל אלייענס צווישען גאָרדינען און שמר׳ן וועגען שמר׳ס ראָמאַנען...

מסתמא, כדי די סענסאַציע זאָל אויסזעהן גרעסער, האָט דער „אידישער העראָלד" דערפון געמאַכט א גאָרדין און שמר־דעבאַטע.

סיי־ווי, ווען א אידישע ציימונג וואָלט היינט אַנאָנסירט, אז

טשאַרלי טשאַפּלין אַליין וועט דעבאַטירען ערגעץ אין אַ האַל מיט איינעם פון די באַריהמטעסטע קאָמיקער פון אונזער ביהנע וועגען זיין קונסט, וואָלט קיין גרעסערער געלאַף ניט געווען אין דעם האַל, ווי אין יענעם אויף־דער־נאַכט אין דעם האַל פון עדיור־קיישאָנאַל אַלייענס.

איך דערמאָן זיך, ווען איך בין דעמאָלט צוגעגאַנגען צו דער געביידע פון עדיוקיישאָנאַל אַלייענס, איז דזשעפערסאָן און איסט בראָדוויי שווארץ געווען פון די מענשען, וועלכע האָבען שוין קיין פּלאַץ ניט געפונען אינוועניג אינ'ם האַל.

אידען, סיי אַלטע, סיי יונגע, מיט בערד און אָהן בערד, און עלטערע ווייבער און יונגע מיידלאַך — זיי אַלע זיינען גע־קומען צולויפען צו דער דעבאַטע.

אַזוי פּאָפּולער איז געווען שמר!

עס האָט מיר גענומען אַ היבשע צייט ביז איך, מיט מיין לעקציע אונטער'ן בוזים, האָב זיך צוגעשטופּט צו דער טיר פונ'ם האַל, וואו איינער פונ'ם קאָמיטעט האָט מיך אריינגענומען אינ־וועניג.

דער האַל איז געווען איבערגעפּאַקט. אַ קאָפּ אויף אַ קאָפּ זיינען מענשען געשטאַנען.

און, געהענדיג צו דער פּלאַטפאָרם, באַמערק איך באַקאַנטע פּנים'ער צווישען דעם עולם, וואָס שטעהט.

איך באַמערק דעם רונדען, ריין־ראַזירטען פּנים פון דעם פאַרשטאָרבענעם יאָהאַן פּאַליי, דעם רעדאַקטאָר פון דעם „אידי־שען טאַגעבלאַט"; איך כאַפּ אַ שמייכעל פון פּראָפעסאָר געצעל זעליקאָוויטש'עס בלאָנדע וואָנצעס; איך געה פאַרביי די הויכע געשטאַלט פון דעם פאַרשטאָרבענעם הערמאַלין; און איך זעה אַנדערע באַקאַנטע פּנים'ער...

איך געה ארויף אויף דער פּלאַטפאָרם, גאָרדין זיצט דאָרט און מיין אָפּאָנענט אברהם שמר.

גאָרדין אַלס פאָרזיצענדער הויבט זיך אויף און ערקלערט דעם צוועק פון דער „פרייער אידישער פאָלקס־ביהנע".

דערוויי‫ל באטראכט איך דעם עולם פאר זיך...

מיט אמאָל — גאָט מיינער! — אין דער ערשטער רייה דערזעה איך דעם אַלטען שמר'ן מיט זיין גאנצער פאמיליע, מיט זיין ווייב און זיינע טעכטער. מיר ווערט פינסטער אין די אויגען.

און דערביי נאָך באמערק איך, ווי דורך א נעבעל, אז זיי גריסען מיר פון ווייטען אויף זייער פריינדליכען אופן.

ווען עס עפענט זיך פאר מיר די ערד, וואָלט איך אהין אריינגעשפרונגען.

וועה איז מיר, ווי אזוי וועל איך איצט קאָנען מיין לעקציע לייענען ?!...

און, ווי אויף צו־להכעיס, דערהער איך דאָ מיט אמאָל גאָרדין'ס קול :

— און איצט וועל איך אייך פאָרשטעלען דעם יונגען ליטע־ראט לעאָן קאָברין'ען.

און אז איך הויב זיך ניט אויף באלד, טוט מיך אברהם שמר פון הינטען א שטופ :

— קאָברין, געהט, הויבט אָן !...

נו־נו, בין איך ארויסגעטראָטען און האָב אָנגעהויבען צו לייענען מיין אָנגעשריבענע לעקציע פון דעם העפט...

איך לייען אפריהער ניט גאַנץ דרייסט, צוטומעלט, מייד אוים צו קוקען אהין, וואו דער אַלטער שמר מיט זיין פאמיליע זיצען. געוויסע באמערקונגען מיינע רופען ארוים א געלעכטער צווישען עולם.

פון די הינטערשטע רייהען פּרואווט מען מיך אונטערברעכען. איך טו א קוק אהין — יאָהאן פּאַליי שרייט עפּעס פון דאָרט. איך דערהער די ווערטער : „בלאָף, ליגען, גענאָסע !"

גאָרדין טרעט ארוים, מאכט, ווי זיין שטייגער איז געווען, א שארפע באמערקונג וועגען „די טאגעבלאט־לייטע" און רופט צו אָרדנונג.

איך לייען ווייטער. שוין דרייסטער, שוין אַליין אין כעס אויף „די טאגעבלאַט־לייטע". לעז מיט א קאָמישער באטאָנונג

געוויסע שטעלען פון דעם ראָמאַן „ביהנען ארום האָניג“. — דער עולם לאַכט העכער, און יענער טייל, וואָס איז געגען מיר, טומעלט נאָך מעהר.

וואָלט איך ניט געהאַט מיין לעקציע אָנגעשריבען, וואָלט איך, ניט קיין רעדנער, זיכער געווען אויף צרות. דער טומעל וואָלט מיך זיכער פון וועג אראָפּגעשלאָגען. אָבער אַזוי ווי איך האָב געהאַט פאַר זיך אַן אָנגעשריבענע לעקציע, האָב איך, צו־להכעיס די טומלער, באַמיהט זיך צו לעזען וואָס בעסער, וואָס קלאָרער, און מיט דער נויטיגער באַטאָנונג.

אַלס פּאַראַלעל צו שמר'ן האָב איך ארויסגעשטעלט ניט קיין אַנדערען ווי דוקא טאָלסטאָי'ען, אָנגעוויזען ווי טאָלסטאָי שרייבט און ווי שמר שרייבט; ווי זיי ביידע פילאָזאָפירען אין זייערע ווערק; ווי טאָלסטאָי'ס העלדען באַגראָבען זיין פילאָזאָפיע און ווי שמר'ס פילאָזאָפיע באַגראָבט זיינע העלדען, און פאַרוואָס דאָס איז אַזוי...

די געגנער זוכען צו פאַרוואַנדלען די דאָזיגע פאַרזאַמלונג אין אַ מין דעמאָנסטראַציע געגען ראַדיקאַלען. עס געלינגט זיי אָבער ניט.

איך ענדיג. אברהם שמר טרעט ארויס צו פאַרטיידיגען זיין פאָטער. ער איז אָבער צו־אויפגערעגט, צופיל אויפגעבראַכט געגען מיר, פאַלט ער אויף מיר אַן, אַנשטאַט זיין פאָטער צו פאַרטיידיגען.

איהם ענטפערט צולעצט גאָרדין...

היינט מסתמא וואָלט איך ניט געווען אַזוי נאַאיוו צו מעס־טען שמר'ן מיט דער מאָס פון טאָלסטאָי'ען; זיינע ראָמאַנען וואָלט איך היינט פאַרגליכען צו די, וואָס דרוקען זיך אין אונ־זערע טעגליכע צייטונגען, און דאַן וואָלט איך מסתמא געקאָנט זאָגען אַ גוט וואָרט וועגען זיי.

בפרט וואָלט איך אין באַטראַכט גענומען דעם פאַקט, וואָס ער האָט באַשאַפען לעזער.

מיין ערשטע פּיעסע „מינא".

מיין ערשטע פיעסע „מינא".

ווי אזוי זי איז ארויסגעשלעפט געווארען אויף דער ווייסער וועלט.

איינמאל האט די „פרייע אידישע פאלקס־ביהנע" באשלאסען אויף איינעם פון איהרע מיטינגען אויפצופיהרען א פיעסע אין איינעם פון די אידישע טעאטערס.

מען האט געוואלט אויפיהרען איבסען'ס „פאלקס־פיינד", אין יעקב גארדינ'ס איבערזעצונג.

דא אבער האט אימיצער פון די מיטגלידער גענומען דאס ווארט (ענטין, דאכט זיך) און געמאכט א פארשלאג, אז מען זאל זיך פרואווען ווענדען צו די אידישע שרייבער, זיי זאלען צו־שיקען אריגינעלע פיעסען. טאמער וועט זיך געפינען ביי איינעם פון זיי אן אריגינעלע ליטעראַרישע פיעסע, איז גלייכער אזא אויפצופיהרען, איידער אן איבערזעצונג, מעג זי אפילו זיין אן איבערזעצונג פון איבסענ'ען.

גארדין האט דעם דאזיגען פארשלאג אונטערשטיצט.

דאן האט מען אויסגעוועהלט א קאמיטעט וואס זאל לעזען די פיעסען, ווען די אידישע שרייבער וועלען זיי צושיקען.

אין יענעם קאמיטעט זיינען אריין: גארדין, ל. בודין, י. ענטין, דר. אב. קאספע, גראסמאן, דער ביבליאטעקאר פון עדיוקיי־שאנאל אלייענס, אלכסנדר הארקאווי, איך, און דאכט זיך, נאך אימיצער.

די פיעסען האט מען געדארפט צושיקען צו אלכסנדר האר־קאווי אהן די נעמען פון די פארפאסער.

דער קאָמיטעט האָט ארויסגעלאָזען אַן אויפרוף צו די אידישע שרייבער דורך די אידישע צייטונגען.

גראָב איך דאַן אויס אויך מיין פּיעסע „מינא", מיט וועלכער איך בין פריהער ארומגעגאנגען איבער די אידישע טעאטערס, און לייען זי איבער פאר ענטינ'ען.

איז זי איהם שטארק געפעלען.

— אוי, גוט, גוט, קאָברין, גוט! — ליארמט ער. און ער כאפּט ביי מיר די פּיעסע און לויפט מיט איהר אוועק צו דר. אב. קאספּע'ן.

איז זי קאספּע'ן אויך געפעלען.

זיי שטעהען צו צו מיר, איך זאָל זי אויך ארייננשיקען צו הארקאווי'ן.

טענה איך צו זיי:

— אָבער איך בין דאָך איינער פון דעם קאָמיטעט. איך וועל דאָך דארפען זאָגען מבינות אויף די פּיעסען.

שרייט ענטין:

— וועט איהר ניט זאָגען קיין מבינות, כאפּט אייך דער שווארץ יאָהר. וועט איהר שווייגען. שיקט אריין, שיקט אריין, א גוטע פּיעסע. מיר האָבען א גוטע פּיעסע! — טאנצט ער כמעט מיט התלהבות.

האָב איך זי ארייננגעשיקט. נאטירליך, אויסער ענטינ'ען און קאספּע'ן האָט מעהר קיינער ניט געוואוסט, אז איך בין דער פארפאסער פון דער דאָזיגער פּיעסע.

פּיעסען, ווי ווייט איך געדענק, זיינען אָנגעקומען גענוג צו הארקאווי'ן. דער קאָמיטעט האָט זיי געלעזען די ערשטע צייט מיט דער פלייסיגקייט פון גאָלד־זוכער. קיין גאָלד אָבער האָט מען דאָרט אין קיינער פון זיי ניט געפונען. גאָרדין האָט א פּאָר מאָל אנטייל גענומען אין די דאָזיגע פאָרלעזונגען, דערנאָך האָט ער ערקלערט „א שאָד די צייט", און איז מעהר ניט געקומען.

די אנדערע פון'ם קאָמיטעט האָבען אָבער נאָך אַלץ געזוכט, טאָמער...

הארקאווי און ענטין האבען ערקלערט, אז מען מוז דורכ־לייענען אלע פיעסען.

קאספע האט פארגעלעגט, מען זאל ניט לעזען די פיעסען אין גאנצען. איבערגעלעזען א האלבען אקט, קען מען באלד זעהן, צי עס לוינט זיך ווייטער צו לעזען.

און ביי מיר האט ער אלץ געפרעגט: וואו איז דא אייערע?

איך האב געקוקט אויף מיין העפט מיט דעם צוריסענעם רוקען, וועלכער האט ארויסגעקוקט צו מיר, ווי א פריינדליכער גוט־באקאנטער, פון צווישען דעם בינטעל נייע העפטען, און האב געשוויגען. די גאנצע צייט בין איך אויף די דאזיגע פארלע־זונגען געזעסען ווי א זייטיגער מענש.

און איינמאל — דערמאן איך זיך — ווען בודין, מיט זיין באזונדערען סארקאסטישען שמייכעל, האט ערקלערט, אז איהם האט שוין דערעסען צו זוכען א צווייטען שעקספיר'ן צווישען די דאזיגע שרייבער, וועלכע האבען אריינגעשיקט זייערע פיעסען, און אז ער לעגט פאר, דער קאמיטעט זאל אריינטראגען א באריכט צו דער „פרייע אידישער פאלקס־ביהנע", אז קיין צוויי־טען שעחספיר האט מען ניט געפונען און א סוף דערמיט; דאן האט ענטין ארויסגעשלעפט פון צווישען די אנדערע העפטען מיין פיעסע און געזאגט:

— לאמיר פרואווען לייענען נאך איינע...

איז בודין געגען דעם און א פאר פון די אנדערע אויך. אבער קאספע מישט זיך אריין.

— לאמיר הערען די ערשטע עטליכע בלעטלאך, — זאגט ער.

ענטין הויבט אן צו לייענען. בודין האט שוין געהאט אנ־געטאן זיין מאנטעל און האלט שוין דעם הוט אין די הענט, גרייט אוועקצוגעהן.

איך בין א ביסעלע אויפגערעגט, נערוועז.

אין א ווייל[ע] ארום הער איך, ווי בודין זאגט צו קאספע'ן:

— הערט נאר, וואס איז דאס?... דאס איז דאך עפעס גאר...

קאספע קוקט אויף מיר און שמייכעלט צופרידען.

בודין האָט צוריק אויסגעטאָן דעם מאַנטעל און דעם הוט אוועקגעלעגט, האָט זיך צוגערוקט נעהנטער צום טיש און הערט זיך צו מיט אַן ערנסטען אויסדרוק. די אַנדערע אויך.

אַרום צוויי נאָך האַלבער נאַכט האָט מען די פּיעסע געענדיגט לייענען — געדענק איך.

ענטין איז באַגייסטערט. קאַספּע שמייכעלט אַזוי הארציג און ווארעם צו מיר. בודין לויבט די פּיעסע, די אַנדערע אויך. זיי אַלע וואונדערען זיך נאָר, ווער דאָס האָט געקאָנט שרייבען.

קאַספּע און ענטין קוקען אויף מיר מיט פאַר׳סוד׳עטע מינעס. איך שוויינ.

אויף דעם קומענדען מיטינג פון דער „פרייע אידישע פאָלקס־ביהנע" ערקלערט ענטין אין דעם נאָמען פון׳ם אויסגעוועהלטען קאָמיטעט, אַז עס האָט זיך געפונען אַ פּיעסע, וועלכע, לויט דער מיינונג פון אַלע מיטגלידער פון׳ם קאָמיטעט, פאַרדינט געשטעלט צו ווערען אויף דער ביהנע.

ער לויבט אַזוי די פּיעסע, אַז גאָרדין ווערט שטאַרק פאַר־אינטערעסירט.

אין יענער צייט איז גאָרדין מיט מיר געוועזען אין די פריינד־ליכסטע באַציהונגען. ער האָט געשריבען אַ פאָררעדע צו מיין ביכעל „יאַנקעל בוילע", וואָס איז שוין דאַן געוועזען אין דרוק, און ער האָט מיך בכלל פּראָטעזשירט.

ווענדעט ער זיך צו מיר:

— קאָנט איהר די פּיעסע?

זאָג איך, אַז יאָ.

פרעגט ער מיין מיינונג וועגען איהר. ענטפער איך איהם, אַז איך וועל מיין מיינונג בעסער ניט זאָגען. זאָל ער פרעגען דר. קאַספּע׳ן.

פון דר. קאַספּע׳ן האַלט ער זעהר.

און אַז ער פרעגט דערנאָך דר. קאַספּע׳ן, לויבט יענער די פּיעסע נאָך שטאַרקער איידער ענטין.

קורץ, גאָרדין מאַכט אַ פאָרשלאָג, אַז מען זאָל די פּיעסע

נאָך אַמאָל פאַרלעזען אויף דעם קומענדיגען מיטינג פון דער „פרייע אידישע פאָלקס־ביהנע" פאַר אַלע מיטגלידער.

איך אונטערשטיץ זיין פאָרשלאַג.

די פיעסע ווערט פאָרגעלעזען פאַר אַלע מיטגלידער. און ווידער נעמט זי אוים זעהר שטארק.

גאָרדין ערקלערט, אז די פיעסע איז איהם געפעלען. פאַר דער ביהנע אָבער האָט זי חסרונות. ערשטענס, איז זי ניט גענוג סצעניש, און, צווייטענס, איז זי געשריבען אין א ליטווישען אידיש.

ענטפערען איהם בודין, דר. קאַספּע און ענטין, וועלכע פאַר־טיידיגען סיי די סצענישקייט און סיי די שפּראַך פון דער פיעסע. בודינ'ס ענטפער באַליידיגט גאָרדינ'ען, און ער ענטפערט צוריק בודינ'ען אויף זיין שאַרפען שטייגער.

איך זיץ, ווי אויף הייסע קוילען. מיר ווערט קלאָר, אַז אויב די פאַרטיידיגער פון מיין פיעסע וועלען האָבען גאָרדינ'ען געגען זיך, וועט זי קיינמאָל ניט דערלעבען צו זעהן די ביהנע.

אויף גאָרדינ'ס ענטפער ענטפערט בודין נאָך שאַרפער.

דער סוף איז: גאָרדין איז אויפגעבראַכט און זיינע פריינד ניט וועניגער איידער ער.

דר. אינגערמאַן ערקלערט:

— כאָטיא פּיעסאַ ניעסאָמניענאָ כאָראָשאַיאַ, נאָ ניע סצע־ניטשנאָ! (הגם די פיעסע איז אָהן שום ספק א גוטע, אָבער זי איז ניט סצעניש).

און דער גוי סטאַלעשניקאָוו שטיצט איהם אויך אונטער. ער ערקלערט קורץ, גערענק איך:

— גאָספּאָדאַ, טשטאָ קאַסאַיעטסיאַ פּיעסי, מי דאָלזשני ־וקאָוואָדיטסטיאַ מניעניעם טאָווארישטשאַ גאָרדינאַ. (מיינע הערדען, וואָס עס איז שייך דער פיעסע, מוזען מיר זיך רעכענען מיט דער מיינונג פון חבר גאָרדין).

אין פאַרלויף פון דער וויטערדיגער דעבאַטע איז ארויסגע־שוואומען א נייע פראַגע: צי וועט די פיעסע בכלל אויסנעמען

ביים טעאַטער־עולם. ווייל „די פרייע אידישע פאָלקס־ביהנע״ קען זיך ניט ערלויבען, אַז איהר ערשטע פּיעסע זאָל דורכפאַלען. און אימיצער האָט געמאַכט אַ פאָרשלאַג, אַז מען זאָל די פּיעסע פאָרלעזען אויף אַן עפענטליכער פארזאַמלונג און די צוהערער זאָלען דאַן שטימען, צי מען זאָל די פּיעסע אויפפיהרען אָדער ניט.

דעם דאָזיגען פאָרשלאָג שטיצען אַלע גאָרדינ'ס פריינד.

און ווידער פּראָטעסטירען געגען דעם בודין, ענטין און דר. אב. קאַספּע.

זיי טענה'ן: אויב מיר ווילען זיך רעכענען מיט'ן געשמאַק פון פּובליקום, זאָלען מיר אויפשטעלען אַ פּיעסע פון לאַטיינער אָדער פון הורוויץ...

דאַן נעם איך דאָס וואָרט און שטיץ דעם פאָרשלאָג, אַז מען זאָל די פּיעסע פאָרלעזען עפענטליך. ווייל מיט אמאָל באַפאַלט מיך עפּעס אַ זיכערקייט, אַז די פּיעסע וועט געפעלען ווערען אפילו דעם גרויסען עולם אויך.

דער פאָרשלאָג איז דורכגעגאַנגען און מען האָט אויסגע־וועהלט אַ קאָמיטע, וואָס זאָל אויפזוכען דעם האָל פאַר דער עפענטליכער פאָרלעזונג.

נאַטירליך, איז ענטין געווען איינער פון יענעם קאָמיטעט.

איך דערמאָן זיך, נאָך יענעם מיטינג פון דער „פרייער אידי־שער פאָלקס־ביהנע״, ווען גאָרדין מיט זיינע פריינד און איך אויך זיינען אריין אין אַ קאַפע־הויז אויף קאַנעל סטריט, האָט ער זיך מיט אמאָל אַ קער געטאָן צו מיר:

— אַ גוטע פּיעסע. אַן אינטערעסאַנטע פרוי. אינטערע־סאַנט געשילדערט און ניי. אין גאַנצען אַ נייער סוזשעט. ווער, דענקט איהר, האָט עס געקאָנט שרייבען?

איך האָב געשוויגען.

ער האָט גערעדט ווייטער:

— קאָנטיג געשריבען אונטער דעם איינפלוס פון איבסענען...

האָב איך מיט איהם ניט מסכים געווען. האָט ער מיר

געפרואווט צו איבערצייגען, אז „מינא" האט עפעס אין זיך פון „נארא".

איך, וויסענדיג ווען און ווי אזוי איך בין געקומען צו דעם געדאנק וועגען „מינא'ן", אז איך האב נאך איבסעג'ען דאן ניט געלעזען, ווען דער געדאנק וועגען איהר איז מיר איינגעפאלען, האב גע'טענה'ט מיינס, אז „מינא" האט גאר נישט צו טאן ניט מיט איבסענ'ען און ניט מיט נארא'ן.

איידער איך פארלאז דאס קאפע־הויז, טו איך איהם א פרעג, ווי דענקט ער, וועט אזא פיעסע האבען ערפאלג אויף דער ביהנע?

— ניט אזוי ווי זי איז איצט, — ענטפערט ער. — ניט מיט דער ליטווישער שפראך. און זי איז ניט סצעניש אויך. ווען מען זאל זי איבערארבייטען, דאן קאן זי האבען ערפאלג.

איך פארלאז דאס קאפע־הויז מיט א שווערען הארצען.

2

ווי אזוי צוליב די וויטערדיגע צאנקערייען איבער מיין פיעסע „מינא" האט גארדין און זיינע פריינד פארלאזען דעם פאראיין.

די דעמאלסטדיגע אידישע סאציאליסטישע ארגאניזאציע „וואיס אוו לייבאר" האט געהאט א האל ערגעץ אויף גרענד סטריט. דעם דאזיגען האל האט דער קאמיטעט גענומען פאר פארצולייענען די פיעסע.

איך דערמאן זיך, דאס איז געווען די ערשטע נאכט ראש השנה.

דער האל איז געווען געפאקט. די פארנעהמע געשטאלט פון גארדינ'ען האט זיך באוויזען; דער עולם האט זיך אומגעקוקט אויף איהם מיט דרך ארץ.

ער אליין האט זיך אויף קיינעם ניט אומגעקוקט, קיינעם פון דעם עולם ניט באגריסט. שטאלץ און אנגעשפארט אויף זיין שטע־קען, איז ער געגאנגען אין דער ריכטונג צו דער פלאטפארם, מיט דער שעהנער פעך־שווארצער בארד אויסגעלייגט אויף זיין בריי־

טער ברוסט, ווי א צושפרייטער פעכער, און מיט זיינע גרויסע, ביסטרע אויגען קוקענדיג פאר זיך כמעט בייז.

מען האָט איהם אָנגעוויזען אויף א פּלאַץ אין דער ערשטער רייה. ער האָט זיך געזעצט.

אויף דער פּראָטפאָרם זיינען געזעסען ענטין און איך. מיר האָבען זיך באַגריסט מיט גאָרדינ׳ען.

ענטין האָט זיך אויפגעהויבען און ערקלערט דעם עולם, פאר־וואָס ער לייענט פאר די פּיעסע.

— איהר וועט דארפען שטימען — האָט ער אומגעפעהר גע־זאָגט — צי די פּיעסע איז ווערט, מען זאָל זי אויפפיהרען אויף דער אידישער ביהנע, אָדער ניט.

ער האָט אָנגעהויבען לייענען. דער עולם האָט זיך צוגעהערט פאראינטערעסירט.

נאָך דעם ערשטען אַקט האָט זיך גאָרדין אויפגעהויבען און פארלאָזען דעם האָל, אזוי ווי דעמאָנסטראַטיוו... דאָס האָט ענ־טינ׳ען און מיך אויפגעבראַכט געגען איהם. עס האָט זיך אונז אויסגעדוכט, אז מיט זיין פארלאָזען דעם האָל האָט ער געוואָלט באאיינפלוסען די מיינונג פון די צוהערער וועגען דער פּיעסע.

ענטין האָט ווייטער געלייענט, און ווען ער האָט זי געענדיגט, האָט דער גאַנצער עולם שטאַרק אַפּלאָדירט און ווי איין מאַן גע־שטימט, אז די פּיעסע פארדינט, מען זאָל זי אויפפיהרען אויף דער אידישער ביהנע.

דעמאָלט האָב איך ערלויבט ענטינ׳ען צו פארעפענטליכען דעם נאָמען פון דעם פּראָפעסער פון „מינא׳ן״.

אין א פּאָר טעג אַרום איז ערשינען אינ׳ם „אווענד בלאַט״ און אינ׳ם „פאָרווערטס״ א באַריכט וועגען דער דאָזיגער פאָר־לעזונג, אין וועלכען עס איז אויך דערמאָנט געוואָרען, אז איך בין דער פּראָפעסער פון דער דאָזיגער פּיעסע.

אויף דעם קומענדיגען מיטינג פון דער „פרייער אידישער פאָלקס־ביהנע״, ווען איך האָב זיך געטראָפען מיט גאָרדינ׳ען, איז צווישען איהם און מיר פאָרגעקומען אומגעפעהר אזא געשפּרעך:

ער: — אזוי גאר, דאס איז אייער פּיעסע? אן אינטערע־סאנטע זאך...

איך: — זי געפעלט אייך?

ער: — יא, יא, זעהר אינטערעסאנט. א גוטע פּיעסע.

איך: — היינט פארוואס האט איהר פארלאזען דעם האל נאך דעם ערשטען אקט?

ער: — ענטין האט געלייענט אזוי שלעכט, אז איך האב ניט געקענט הערען.

איך: — וואס דענקט איהר וועגען אויפפיהרען די פּיעסע?...

ער: — איהר ווייסט דאך מיין מיינונג וועגען דעם. אזוי ווי זי איז היינט קען מען זי ניט אויפפיהרען; זי מוז אינגאנצען אי־בערגעארבייט ווערען.

שפּעטער, ווען די פראגע וועגען דער דאזיגער פּיעסע ווערט ווידער אויפגענומען פון די מיטגלידער פון דער „פרייע אידישע פאלקס־ביהנע", טרעטען ווידער ארויס געגען גארדינ'ס מיינונג בודין, ענטין און דר. קאספּע. די דיסקוסיע נעהמט אן א פּערזענ־ליכען כאראקטער.

איך געדענק, דר. אינגערמאן איז דער פארזיצענדער אויף יענעם מיטינג, קלאפּט ער נאכאנאנד מיט'ן האמער אן טיש און רופט צו ארדנונג יענע, וואס אטאקירען גארדינ'ען. דר. מאקס גיר־זשדאנסקי וויל מאכען שלום צווישען די צדדים, שלאגט ער פאר, אז גארדין צוזאמען מיט מיר זאלען איבערארבייטען די פּיעסע. מיין צד איז געגען דעם. גארדין אליין, אויפגעבראכט געגען בו־דינ'ען און ענטינ'ען, איז אויך געגען דר. גירזשדאנסקי'ן.

א טומעל, יעדער קאכט זיך — סיי די וואס זיינען פאר גאר־דינ'ען און סיי יענע, וואס זיינען געגען איהם. אפילו דער גוי סטאלעשניקאוו קאכט זיך אויך.

און מיט אמאל הויבט זיך אויף א מיטגליד, דוקא אן אינטע־ליגענטע פרוי, און זי שרייט אויס צו גארדינ'ען, אז ער האנדעלט ניט עהרליך.

גארדין קוקט זי אן אויפגערעגט, דאן ענטפערט ער איהר:

— מאַדאַם, ווען איהר וואָלט ניט געווען קיין אידענע, וואָלט איך אייך פאַר אָט די ווערטער געוויזען ווי איך האַנדעל. אָבער יעקב גאָרדין האַנדעלט ניט מיט אידענעס...

און ער טוט זיך אַ קעהר צום פּאָרזיצענדען:

— איך טרעט ארויס פון דעם פאַראיין!

און דער פּאָרזיצענדער, דר. אינגערמאַן, ערקלערט באַלד נאָך איהם:

— איך אויך.

און סטאָלעשניקאָוו, און דער מוזיקער פאַנאַראָוו און נאָך אַנדערע ערקלערען דאָס אייגענע.

און גלייך פאַרלאָזען זיי אַלע מיט גאָרדינ'ען דעם מיטינג־לאָקאַל.

מיר באַמיהען זיך אויפצוהאַלטען ווייטער די „פרייע אידישע פאָלקס־ביהנע" אָהן גאָרדינ'ען. די לעקציעס ווערען ווייטער געלייענט. ענטין, קאַספּע, הארקאווי און איך זיינען די לעקטאָרס איבער ליטעראַטור און טעאַטער.

דערוויייל פּעדעלט ארום ענטין אין די טעאַטערס מיט מיין „מינא'ן"; מען ווייזט איהם זי אָבער צוריק. די הויפּט ראָל האָט דאָרט אַ פרוי און די מענער, די „סטאַרס", וואָס זיי זיינען געווען די מבינות־זאָגער אויף פּיעסען, האָבען געוואָלט הויפּט־ראָלען פאַר זיך.

ווי איך פאַרשטעה היינט אַ פּיעסע, מוז איך צוגעבען, נאָכדעם ווי איך האָב איבערגעלייענט איצט מיין „מינא'ן", ווי זי איז געדרוקט געוואָרען מיט עטליכע און צוואַנציג יאָהר צוריק אין דעם זשורנאַל „די נייע צייט" — אַז זי האָט געהאַט חסרונות פאַר דער ביהנע. ניט מחמת דעם וואָס זי איז געשריבען געוואָרען אין אַ ליטווישען אידיש, נאָר מחמת די מאָנאָלאָגען, וואָס די פּערזאָנען האַלטען דאָרט אָפט צו די ווענט.

אָנשטאָט איך זאָל שילדערען די כאַראַקטערס פון די פּערזאָנען דורך דיאַלאָג און האַנדלונג, ווי איך האָב זיך דאָס באַמיהט צו טאָן אין מיינע שפּעטערדיגע פּיעסען, רעדען ביי מיר די פּער־

זאָגען אין „מינא׳ן״ אָפּט לאַנגע מאָנאָלאָגען, ווען איך דאַרף זיי כאַראַקטעריזירען און אנטוויקלען די ווייטערדיגע האַנדלונג...

דאָס אָבער געהערט צו דער טעכנישער זייט פון דער פּיעסע, די דראַמאַטישע זייט, די דראַמאַטישע אידעע און אויפפאַסונג פון „מינא׳ן״ — זאָל מיר דאָס ערלויבט זיין צו זאָגען — דאַכט זיך מיר, ווען איך האָב איצט די פּיעסע איבערגעלייענט נאָך עטליכע און צוואַנציג יאָהר, איז כמעט אַזוי פריש און ניט פאַרעלטערט, ווי דעמאָלט .בעת איך האָב זי אָנגעשריבען.

דעמאָלט איז דער כאַראַקטער און די גאַנצע אויפפאַסונג פון „מינא׳ס״ דראַמע געווען באַזונדערס ניי אין אונזער דראַמאַטישער ליטעראַטור. און ניט אומזיסט, ווען זי איז שפּעטער אויפגעשטעלט געוואָרען אויף דער אידישער ביהנע אין אַ באַאַרבייטער פאָרם, האָט זי גאָרדין אַ נאָמען געגעבען „מינע, די נאָראַ פון דעם אידישען קוואַרטאַל״.

די „פרייע אידישע פאָלקס־ביהנע״ האָט זיך געהאַלטען נאָך אַרום אַ האַלב יאָהר צייט און זי איז דערנאָך אונטערגעגאַנגען.

אָהן גאָרדינ׳ען איז איהר שווער געווען צו לעבען.

אָבער מיין „מינא״ האָט דאָך דערלעבט אויפגעפיהרט צו ווערען אויף דער אידישער ביהנע.

3

ווי אַזוי מען האָט געמאַכט שלום צווישען גאָרדינ׳ען און מיר, און דאָס ערשטע געלד, וואָס איך האָב פאַרדינט אין אידישען טעאַטער.

דאָס איז געווען אויף דעם טראַדיציאָנעלען ניי־יאָהרס באָל פון די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטען אין גרענד סענטראַל פּאַלאַס.

אויף דעם דאָזיגען באָל האָט זיך תמיד געטראָפען די גאַנצע אידיש־רוסישע אינטעליגענץ.

רוסיש האָט מען דאָרט גערעדט. רוסישע לידער האָט מען דאָרט געזונגען. פאַר רוסלאַנד׳ס באַפרייאונג האָט מען דאָרט לחיים געטרונקען. אין רוסלאַנד איז מען דאָרט אין יענער נאַכט געווען...

שטעה איך מיט קראַנצ׳ן און באַראַנאָוו׳ן און מיר רעדען. באַ־

ראַנאָוו, וואָס געוועהנליך איז ביי איהם געווען אַ וואָרט אַ רענדעל, אפשר דערפאַר, ווייל ער האָט געהאַלטען, אַז די דומע מענשען פאַרדינען ניט, אַז ער זאָל פאַר זיי אַרויסוואַרפען אַן איבריג קלוג וואָרט, איז אין יענער נאַכט אויך געווען רעדעוודיגער.

לכבוד דעם רוסישען ניי־יאָהר האָט ער געלאָזט זיין צונג זיך צוהוליען און זיין פּנים פון דעם שטענדיגען קיבעץ־שמייכעל האָט ער באַפרייט, אַזוי ווי ער וואָלט זיך געזאָגט:

„עך, מאַ, זיי אַלע זיינען טאַקע דומע אייזלען, אָבער איינמאָל אין יאָהר וועל איך אויך זיין איינער פון זיי!...”

איז ער געשטאַנען מיט אַ סיגאַר אין מויל און האָט גערעדט און געשמייכעלט פריי און אומגעצאַוואונגען מיט קראַנץ'ן און מיט מיר, אָהן דעם קיבעץ־שמייכעל פון טיפער ווייזהייט אויף זיין פּנים, וואָס אָהן איהם האָט מען זיך באַראַנאָוו'ן גאַרניט געקאָנט פאָר־שטעלען...

דער שטענדיג־גוטמוטיגער קראַנץ איז די גוטסקייט און די גע־זונטקייט אַליין. פון יעדער נאַרישקייט לאַכט ער, ווי אַ גליקליך קינד, כמעט ביז צו טרערען.

עס איז אַ פאַרגעניגען צו זעהן, ווי אָט דער הויך־געוויקסיגער, ברייט־פּלייציגער מאַן, מיט דעם געזונטען, פרישען פּנים פון אַ צופרידענעם בורזשוא, לאַכט און פרעהט זיך, ווי אַ קינד, פון יעדער נאַרישקייט.

אַרום אונז הילכט די רוסישע שפּראַך און אַ פאַרשיידענער גע־לעכטער פון מענער און פרויען.

פרעהליך הילכט דער דאָזיגער געלעכטער. פרעהליך זעהען אוים די באַקאַנטע, וואָס געהען אונז פאַרביי. פרעהליך קוקען אוים די באַקאַנטע, וואָס קומען ערשט אָן פון די ווייסע טרעפּ ביים אַריינגאַנג.

שטראָמען ליכט פון הונדערטער עלעקטרישע לאָמפּען און שטראָמען מוזיק, און דער פרעהליכער געלעכטער, און דער פרעה־ליכער טומעל גיסען זיך צונויף אין איין ים פון ליכט און פרייד.

איז דאָס געווען מיין יוגענד, וואָס האָט זיך דאָרט אַזוי דע־

מאָלט געפּרעהט? צי איז דאָס געווען דאָס שטיקעל רוסלאַנד, וואָס יעדער פון אונז האָט מיט זיך און אין זיך אַהער מיטגעבראַכט, וועל־כע האָט זיך דעמאָלט געפּרעהט צווישען אייגענע רוסישע, אין אַ רוסישער אַטמאָספערע? — איך ווייס ניט. איינס נאָר געדענק איך קלאָר, אַז אַ גרויסע פרייד האָב איך אויך דעמאָלט געפיהלט און מיר האָט זיך אויסגעוויזען, אַז איך, אינאיינעם מיט אַלעמען און אַלסדינג ארום מיר, שווימען אין אַ ים פון פרייד...

פלוצים, אַזוי ווי איך שטעה דאָרט מיט קראַנץ'ן און בוקעט־נאָוו'ן, דערפיהל איך פון הינטען אַ פּאַטש איבער'ן אַקסעל.

איך קוק זיך אום. ערשט גאָרדין, פרעהליך און גוטמוטיג, האַלט צו מיר די האַנט אויסגעשטרעקט:

— ס'נאָווים גאָדאָם, פּאָדליעץ! — מאַכט ער צו מיר און לאַכט מיט אַ באַזונדער שטילען און דינעם געלעכטער.

איך ווער אַביסעל צוטומעלט, ווייל איך בין זיכער געווען, אַז ער איז בייז אויף מיר. און אַ צוטומעלטער נעהם איך זיין האַנט און ענטפער איהם.

שטעהען נעבען איהם דאָקטאָר אינגערמאַן און נאָך אַ פריינד זיינער, אַ געוויסער איוואַליענקאָ, — וואָס זיין נאָמען וואָלט איך ניט געוואָלט דערמאָנען נעבען גאָרדינ'ס — און דער דאָזיגער אי־וואַליענקאָ נעהמט מיך אָן ביים אָרעם און זאָגט:

— גאָספּאָדאַ, פּאָמיריטעס! (ווערט שלום).

און אין אַ ווײַלע אַרום שטעהען מיר אַלע ביים שענק־טיש און מיר טרינקען לחיים.

עטליכע טעג שפּעטער באַקום איך אַ רוסישע פּאָסטעל־קאַרד פון גאָרדינ'ען. ער שרייבט מיר, אַז ער וויל מיך זעהן און פרעגט מיך, צי קען איך ניט זיין ביי איהם אין דער היים אין אַזאַ און אַזאַ צייט.

קום איך צו איהם אַהיים.

ער וואוינט אין דער הונדערט־און־צוואַנציגסטער סטריט, אין האַרלעם.

גרויסע צימערען, א גרויס געזינד פון שווארץ־אויגיגע קינ־דערלאך און אן אָרימקייט נאָך א גרעסערע.

אין יענער צייט איז גאָרדין געווען א גרויסער אביון.

פיהרט ער מיך אריין צו זיך אין ארבייטס־צימער און מאַכט צו די טיר, כדי דער טומעל פון די שווארץ־אויגיגע שטיפערס זאָל אונז ניט שטערען. דערנאָך רופט ער זיך אָן צו מיר:

— איהר האָט א גוטע פיעסע, וואָס וועט זי אויסליגען ביי אייך?

און ער לייגט מיר פאָר, אז מיר זאָלען זי באארבייטען פאר דער ביהנע.

און אין א ווײלע ארום שליסען מיר א מין קאָנטראקט. די פיעסע זאָל איך באארבייטען לויט זיינע אָנווייזונגען. אלס אויי־טאָרען פון דער פיעסע זאָלען מיר ביידע גלייך גערעכענט ווערען און אזוי אויך צוטיילען מיר אויף צוויי גלייכע חלקים דעם האָנאָראר...

און מיר נעהמען זיך צו דער ארבייט.

ווי אזוי ארבייטען מיר? גאָרדין ארבייט אויס אפריהער די סצעניאַרא פון אן אקט. דערנאָך שילדער איך די מענשען און זייער האנדלונג לויט די אָנווייזונגען פון דעם דאָזיגען סצענאַריאָ.

איך דערמאָן זיך, ווי פארוואונדערט איך בין געוואָרען, ווען גאָרדין האָט מיר דערלאנגט דעם סצענאַריאָ פון דעם ערשטען אקט, וואָס ער האָט אָנגעשריבען אין רוסיש. יעדע סצענע פון דער ערשטער ביז דער לעצטער, פון דעם גאנצען אקט איז אזוי ווי מאַ־טעמאטיש דאָרט אויסגערעכענט און אָנגעצייכענט געווען, אפילו די „שטארקע ווערטלאך", וואָס די הויפט־העלדין האָט דאָרט גע־דארפט זאָגען...

אמת טאקע, דער גוף און נשמה זיינען געבליבען די אייגענע ווי אין דעם אָריגינאל, מיט דער אויסנאַהם פון מינא'ס מוטער, וועלכע איז אין'ם אָריגינאל געווען א פארשלאָפענע אלטינקע און לויט גאָרדינ'ס סצענאַריאָ האָט גנזאָלט ווערען א זשיוואווע אידענע, דאָך איז מיר שווער געווען צו פארשטעהן, ווי אזוי גאָרדין האָט

געקאָנט אויסאַרבייטען אַזוי קלאָר יעדע סצענע און סצענקעלע אין זיין סצענאַריאָ פריהער, איידער מען האָט זיך געזעצט שרייבען דעם אַקט.

און אפילו נאָך היינט, ווען איך האָב אויף מיין געוויסען ארום דרייסיג פיעסען, קען איך דאָס ניט פאַרשטעהן. ווייל איך מוז זיך מודה זיין, ווען איך שרייב נאָך היינט אַ פיעסע ווייס איך נאָר דעם הויפּט־פּונקט, וואוהין איך געה, אָבער וואָס איז שייך איינצעלנע סצענעס, טאַפּ איך שטענדיג אין דער פינסטער...

איך ארבייט די פיעסע אַקטענווייז. יעדען אַקט אויף אַ באַזונדערען העפט, וועלכער ווערט אויך געלעזען פון מיינע פריינט אב. קאַספּע, ענטין, און, דאכט זיך, בודין אויך.

פאַרטיג געוואָרען מיט דעם דריטען אַקט, דערלאַנגט מיר גאָרדין דעם סצענאַריאָ פון דעם פערטען, דאָס הייסט, פון דעם לעצטען אַקט, איז ער מיר ניט געפעלען. איבערהויפּט די סצענע וואו „מינא" געהט אוועק טאַנצען אַ „טאַראַנטעלאַ", איידער זי שטאַרבט.

איך דערמאָן זיך, איך טענה צו איהם: „וואָס הייסט אַזאַ פרוי ווי מינא, וועט זיך אַ לאָז טאָן טאַנצען אַ „טאַראַנטעלאַ" אין אַזאַ מאָמענט? און וואָס ווייסט אַזאַ פרוי פון אַ „טאַראַנטעלאַ?"

ערקלערט ער מיר, אַז ער אליין וועט אָנשרייבען דעם אַקט פאַר מיר.

און אַזוי איז דאָס געוועזן.

די פיעסע לעזט דערנאָך גאָרדין פאַר אדלער'ן. זי איז גע־פעלען, און גאָרדין קריגט פאַר איהר גאָר אַ סך געלד. אין יענער צייט האָט גאָרדין באַקומען פאַר אַ פיעסע 75 דאָלאַר, הונדערט דאָלאַר איז געוועזן אַ סך. און פאַר „מינא'ן" האָט ער באַקומען 150 דאָלאַר, 75 דאָלאַר גלייך ביים אונטערשרייבען דעם קאָנט־

ראקט און די אַנדערע 75 דאָלאר האָט ער געזאָלט באקומען דעם ערשטען אווענד, ווען מען וועט די פּיעסע אויפפיהרען.

רופט מען מיך אין ווינדזאָר טעאטער, אונטערצושרייבען דעם קאָנטראַקט.

עדעלשטיין איז דעמאָלט געוועזן אַדלער'ס פּארטנער צו ווינדזאָר טעאטער. נעהמט ער ארויס 75 איינציגע דאָלארס, וואָס האָט אויסגעזעהן אַ גאנצער פּאַק, און דערלאַנגט גאָרדין'ען, ווען מיר האָבען אונטערגעשריבען דעם קאָנטראַקט.

נעהמט גאָרדין דעם גאַנצען פּאַק געלד און דערלאַנגט מיר:

— נאָט אייך, קאָברין...

פרעג איך איהם, פאַרוואָס נעהמט ער ניט ארונטער פון דעם געלד זיין העלפט, צולאַכט ער זיך גוטמוטיג און זאָגט:

— איהר דארפט עס נויטיגער. אייערע שיך וועלען אייך דאָס אויך זאָגען... נעהמט, נעהמט, איכ'ל נעהמען, ווען מען וועט אויפפיהרען די פּיעסע. אַז איהר קריגט אין אידישען טעַ־אַטער אַ פּאָר דאָלאר, נעמט און אנטלויפט. זיי קאָנען נאָך חרטה האָבען.

און דאָ נעמט ער מיך אָן ביי דער האַנט און מיט די ווער־טער: „קומט, פאָדליעץ, מיר וועלען באַנעצען אייער ערשטע געלד פונ'ם אידישען טעאטער מיט אַ גלעזעל וויין", שלעפּט ער מיך אוועק אין אַ באַקאַנטען קאפע־הויז אויף קאַנעל סטריט.

דאָרט טרעפען מיר דעם פאַרשטאָרבענעם דר. קאַפּלאַן און נאָך איינעם גאָרדינ'ס אַ פריינד, אַ זינגער. זיי גראַטולירען מיך. מיר טרינקען וויין און ביי מיר שווימט דער קאָפּ ווי אין אַ טשאַד. איך פּיהל דעם פּאַק געלד אין קעשענע, אַזאַ אוצר מיט געלד. טראַכט, ווי מיין פרוי וועט זיך דערפרעהען מיט אַזאַ פאַרמעגען און ברען פאַר אומגעדולד צו לויפען אהיים צו איהר.

אָבער אהיים קום איך ערשט דריי פאַרטאָג, אַ גליקליכער, אַ פאַר'שכור'טער, און מיט אַזאַ וואַרימען געפיהל צו גאָרדינ'ען...

.4

וי יעקב גאָרדין און איך זיינען צוקריגטערהייט אַרוים פאַר'ן פובליקום.

מיט אומגעדולד ווארט איך צו זעהן „מינא'ן" אויף דער ביהנע.

און איינמאָל אַנאָנסירט ווידזאַר טעאטער, אז „אין פאַר־בארייטונג איז אַ נייע דראַמע מינא, אָדער נאָרא פון אידישען קווארטאַל, פארפאסט פון יעקב גאָרדין, איניציאַטיווע פון לעאָן קאָברין..."

לייען איך איבער די דאָזיגע אַנאָנס און גלויב ניט מיינע אויגען. וואָס איז דאָס? אפשר האָבען דאָס די טעאטער־מענ־שען אַ טעות געמאכט?

שרייב איך אָן אַ בריף צו גאָרדינ'ען: סטייטש, היתכן?!

ענטפערט ער מיר:

„ראַז ווי כאָדיטע פאָ גאָראָדו אי טרוביטע, שטאָ יאַ איס־פאָרטיל וואשע אָבראַזצאָוואָיע פּראָאיזוועדעניע, — אָטוויעטסט־וועננאָסט זאַ איספאָרטשעננאָיע פּראָאיזוועדעניע בערו ווסיע־צעלאָ נאַ סעביאַ" — וואָס דער טייטש פון דעם איז אזוי: „אויב איהר געהט שוין אַרום איבער דער שטאָדט און געוואַלדעוועט, אַז איך האָב איבערגעפיהרט אייער מוסטערהאַפטע ווערק, איז פאַר דאָס ווערק, וואָס איך האָב איבערגעפיהרט, נעהם איך די פאַראַנטוואָרטליכקייט אין גאַנצען אויף זיך".

און די ווערטער „אין גאַנצען" זיינען אין דעם בריף אונ־טערגעשטראָכען.

היינט, ווען איך טראַכט וועגען דעם, איז מיר קלאָר, אַז שולדיג אין דעם זיינען געווען די רכילות־טרייבער און פּלאָטקע־מאכער, וועלכע האָבען דעמאָלט אויך ניט געפעהלט אין אונזערע קרייזען.

גאָרדין האָט מסתמא געוואוסט, אַז ניט איך און ניט מיינע פריינד זיינען אין גאַנצען צופרידען געווען מיט דעם אופן, ווי אזוי „מינא" איז איבערגעארבייט געוואָרען פאַר דער ביהנע; דאַן האָט מען איהם מסתמא נאָך דערצעהלט, אַז מיר געוואַלדע־

ווען, אַז ער האָט איבערגעפיהרט „מינא׳ן״, איז ער אין כעס געוואָרען און האָט ערקלערט: אויב מיר זאָגען, אַז ער האָט איבערגעפיהרט די פּיעסע, וועט ער אונז ווייזען, אַז פאַר דער איבערגעפיהרטער פּיעסע נעהמט ער די פאַראַנטוואָרטליכקייט אין גאַנצען אויף זיך.

איך בין אויך זיכער, אַז ער האָט דעמאָלט גערעכענט, אַז די גאַנצע געשיכטע וועט זיך ענדיגען אויף אַ פרידליכען אופן: איך וועל קומען צו איהם און מיר וועלען זיך דורכשמועסען, דע־מאָלט וועט מען מיין נאָמען אויך אַנאָנסירען אויף דער טעאַטער־אַפּישע.

בין איך דאָך אָבער אויך אַ היציגער איד, און אין יענער צייט נאָך, ווען איך בין יונג געווען, הונדערט גראַד היציג, געה איך ניט צו איהם, נאָר שרייב איהם אוועק אַ בריף, וועלכער האָט איהם נאָך מעהר אויפגעבראַכט געגען מיר.

דעמאָלט האָט שוין גאָרדינ׳ען ניט געפּאַסט צוריקצוטרעטען, און אין די טעאַטער־אַנאָנסען וועגען „מינא׳ן״ איז אָנגעגעבען געוועזן בלויז זיין נאָמען אַלס דער פאַרפאַסער און מיינער איז נאָר דערמאָנט געוואָרען, אַזוי ווי פריהער — „איניציאַטיוו פון לעאָן קאָברין.״

איך הויב אָן צו דרוקען מיין „מינא״ אין איהר אָריגינעלער פאָרם אין דעם זשורנאַל „די נייע צייט״ מיט אַ פאָרוואָרט וועגען דעם אינצידענט.

„דאָס אבענד בלאַט״ געהט אויך ארויס מיט אַ באַשולדיגונג געגען גאָרדינ׳ען.

דאָן קומט די פּרעמיער פון „מינא׳ן״ אין ווינדזאָר טעאַטער.

איך קום אין טעאַטער מיט עטליכע פריינד. זיי זיצען מיט מיר אין דער לאָזשע אויף דער רעכטער האַנט פון דער ביהנע. אנטקעגען, אויף דער אַנדער זייט, אויף דער לינקער האַנט פון דער ביהנע, זיצט אין אַ לאָזשע גאָרדין מיט זיינע פריינד.

אינ׳ם טעאַטער איז אַ גרויסער עולם, וואָס ריכט זיך אויף אַ סקאַנדאַל.

איך בין אויפגערעגט, נערוועז. גאָרדין אין זיין לאָזשע, באמערק איך, איז אויך ניט גאָר רוהיג. ער גלעט זיך נאָכאנאנד זיין שווארצע באָרד און פון זיינע בליקען, וואָס ער ווארפט פון דער ווייטען אויף מיר און מיינע פריינד, טראָגען זיך שטורם־וואָלקענס...

דער פאָרהאנג הויבט זיך אויף. איך דערהער פון דער ביהנע באקאנטע רייד און דערזעה גאנץ אומבאקאנטע מענשען.

די מענשען קומען מיר אויס אזוי טשיקאווע, גאָר ניט ווי אזוי איך האָב זיי פריהער געזעהן אין מיין פאנטאזיע.

זיי פאראינטערעסירען מיך אָבער אזוי, אז באלד פארגעס איך אין גאנצען אָן גאָרדינ׳ען און אָן דער גאנצער געשיכטע, פארגעס אפילו, אז איך האָב א שטיקעל שייכות מיט די דאָזיגע מענשען...

יעקב אדלער שפילט דאָרט די טראגי־קאָמישע פיגור פון „מינא׳ס" מאַן, שפילט ער אזוי קינסטלעריש, אז ער רייסט מיט דעם גאנצען עולם מיט זיין שפילען; און אזוי קינסטלעריש שפילט מרס. אדלער די ראָל פון „מינא׳ן", וועלכע איז, אגב איהר בעסטע ראָל; און אזוי שפילען אלע: בעסי טאָמאשעווסקי, בלאנק, מאדאם פוילינא עדעלשטיין, ב. בערנשטיין און די איבעריגע.

דער ערשטער אקט פארכאפט שוין דעם עולם. און ווען דער פאָרהאנג נאָכ׳ן ערשטען אקט לאָזט זיך ארונטער, אפּלאָדירט דער עולם באגייסטערט, און איך — גלייך מיט אלעמען.

איך האָב דאן אין גאנצען פארגעסען, אז דאָס איז מיין פּיעסע.

דער פאָרהאנג הויבט זיך אויף און די אקטיאָרען ערשיינען און נייגען זיך. און ווידער און ווידער הויבט זיך דער פאָרהאנג און די אקטיאָרען נייגען זיך.

מיט אמאָל ערשיינט גאָרדין פאַר דעם פאָרהאנג, און דאָ... פון אלע זייטען א געשריי: „קאָברין!"...

איך בין צוטומעלט געוואָרען. פארקריך אין לאָזשע אין א

ווינקעלע און, ווי דורך א נעבעל, דערטראָגט זיך צו מיר א טומעל: „קאָברין! קאָברין!..."

אַלצדינג ארום מיר איז אין אַ געדיכטען נעבעל איינגעהילט, די נאָהענטסטע מענשען פאר מיר זעה איך ניט. איך הער נאָר דעם געשריי „קאָברין", וועלכער טראָגט זיך, ווייזט זיך מיר אויס, פון אַלע זייטען — פון אויבען, פון אונטען, פון די ווענט הינטער מיר.

מיט אמאָל דערפיהל איך, אז עמיצער שלעפּט מיך פאר א האנט. איך טו זיך א כאַפּ, ערשט מינא'ס טראַגי־קאָמישער מאַן, יעקב אדלער, שלעפּט מיך און רעדט צו מיר, דוקא אין רוסיש:

— וויכאָדיטע, וויכאָדיטע, גאָלובטשיק, פּובליקא וואס וויזי־וואיעט! (געהט ארויס, דאָס פּובליקום רופט אייך!).

ווער איך נאָך מעהר צוטומעלט און איך ערקלער — פאר־וואָס ווייס איך ניט — אז איך געה ניט.

פארלאָזט מיך אדלער. אָבער דאָס פּובליקום גוואַלדעוועט נאָך העכער און רופט מיין נאָמען. דאַן ערשיינט ווידער אדלער, שוין צוזאמען מיט בערנשטיינ'ען, און דעם מאָל ריידען זיי שוין אידיש:

— אין טעאַטער איז אַ סקאַנדאַל, קומט ארויס!

מיינע פריינד שטופּען מיך אויף ארויס פון דער לאָזשע, און אין אַ ווײַלע ארום שלעפּט מיך ארויס אדלער פאר דעם פאָרהאַנג.

דער גאַנצער עולם אינ'ם טעאַטער האָט זיך צונויפגעגאָסען פאר מיינע אויגען אין איין גרויסע שווארצע מאסע, וואָס האָט געשריען און געליארעמט און אפּלאָדירט. איך הער: „בראַווא, גאָרדין! בראַווא, קאָברין!"

ווידער און ווידער האָב איך זיך געמוזט באוויייזען פאר דעם עולם.

מיט אמאָל, אזוי ווי איך טרעט ארויס צום דריטען, אָדער צום פערטען מאָל, פאר דעם פאָרהאַנג אויף דער רעכטער זייט,

פֿאַלט מײַן בליק אויף דער אַנדער זײַט פֿאָרהאַנג, אויף דער לינ־
קער זײַט, און איך דערזעה גאָרדינ'ען, ווי ער נויגט זיך אויך
פֿאַר דעם פּובליקום.

איך דערוויס זיך דערנאָך, אַז בעת איך בין ארויסגעטראָטען
פֿאַר דעם פֿאָרהאַנג פֿון דער זײַט, איז ער ארויסגעטראָטען פֿון
דער אַנדערער.

נאָך די אַנדערע אַקטען זײַנען מיר אויך ביידע ארויסגע־
טראָטען, איך פֿון איין זײַט, ער פֿון דער אַנדערער.

איידער איך ענדיג וועגען דעם דאָזיגען אינצידענט, וויל איך
נאָך אַמאָל באַמערקען, אַז איך בין זיכער, אַז גאָרדין איז לכתחילה
ניט אויסען געוועזען ארויסצוגעבען „מינא'ן" אַלס זײַן פּיעסע;
ווייל, וואָלט ער דאָס אויסען געוועזען, ווייסען מיר, אַז אַזאַ מענש,
ווי ער איז געוועזען, וואָלט זיך ביי יענער ערשטער פֿאָרשטעלונג גאָר
ניט דערשראָקען און וואָלט דעם עולם ערקלערט, אַז דאָס איז זײַן
פּיעסע.

אויך וואָלט ער דאַן ניט פֿאַרשווייגען דעם „אָוועגד־בלאַט".

גאָרדין איז ניט געוועזען אַזאַ מענש, וואָס וואָלט אַזאַ זאַך
פֿאַרשווייגען...

**אין אַ מינוט פֿון כעס האָט ער דאָס געטאָן, און, איך בין
זיכער, אַז ער האָט עס דערנאָך אַליין באַדויערט.**

יעקב גאָרדין.



יעקב גאָרדין.

יעקב גאָרדין.

.1

די פּערזענליכקייט מיט'ן שטאַרקען ווילען. דער געבאָרענער פיהרער און לעהרער. ווי אַזוי ער האָט זיך אויפגעפיהרט און וואָס פאַר אַן איינפלוס ער האָט געהאַט.

און איצט אַ קורצע כאַראַקטעריסטיק פון איהם און זיין ארבייט, אַזוי ווי איך האָב איהם געזעהן.

ער איז געווען אַ געבוירענער פיהרער און אַ געבוירענער לעהרער. מיט זיין פּערזענליכקייט האָט ער מענשען היפּנאָטיזירט און מיט זיין וואָרט איז ער תמיד אויסען געווען זיי צו לערנען און ערציהען.

און עס איז ניט קיין צופאַל, וואָס אין זיין יוגענד נאָך, בעת ער איז אַלט געווען זעקס און צוואַנציג יאָהר, האָט ער געגרינדעט אין יעליסאַוועטגראַד אַ נייע סעקטע מיט'ן נאָמען „ביבלייצעס", פון וועלכער ער איז געווען דער פיהרער און לעהרער.

ווי עס איז אויך ניט קיין צופאַל, וואָס אויף דעם קרייז פון דער רוסיש־אידישער אינטעליגענץ איז זיין איינפלוס אַזוי גרויס געווען.

מיט דעם שטאַרקען ווילען פון דעם געבוירענעם פיהרער האָט ער פון צווישען די מענשען אַרום איהם געשאַפען זיך אַנהענגער, און מיט דעם עטישען וואָרט פון דעם געבוירענעם לעהרער האָט ער אויף זיי געווירקט.

און דער עיקר מיט דעם, מיין איך, קאָן מען ערקלערען דעם גרויסען איינפלוס, וואָס ער האָט געהאַט אויף דער היגער אידיש־רוסישער אינטעליגענץ.

די היגע אידישע אינטעליגענץ, יעדענפאַלס דער גרעסטער טייל פון איהר, אנדערע צווישען זיי אפשר געבילדעטער איידער גאָרדין, איז אין גאַנצען באהערשט געווען פון איהם.

ליייענט ער פאַר אַ לעקציע, קומט איהם הערען די גאַנצע סמעטענע פון דער אידישער אינטעליגענץ. ער איז ווייט ניט קיין גרויסער רעדנער — אויף דער אידישער גאַס האָט מען אַ סך בעסערע רעדנער געהערט — און דאָס, וואָס ער זאָגט, האָבען אַנ־דערע פון די צוהערער, קאָן זיין, שוין אויך אמאָל געהערט אָדער געלעזען, צי גאָר אליין אין אַ לעקציע ארויסגעזאָגט — און דאָך הערען זיי איהם שטענדיג אוים מיט דעם העכסטען אינטערעס.

ווייל גאָרדין רעדט עס. ווייל די מיינונגען, פון איהם ארויסגעזאָגט, מעגען זיי אפילו אין זיך ניט האָבען קיין שום נייעס, באקומען אַ נייע וויכטיגע באדייטונג.

די רוסיש־אידישע אינטעליגענץ איז ווייט פון דער אידישער ביהנע. וואָס איז איהר דער אידישער טעאַטער, אידישע פּיעסען, די גאַנצע אידישע ליטעראַטור און קונסט!

אָבער גרינדעט זיך די „פרייע אידישע פאָלקס־ביהנע" און גאָרדין טרעט אַהין אריין, געהט די רוסיש־אידישע אינטעליגענץ נאָך איהם אַהין, אפילו דער גוי סטאָלעשניקאָוו אויך, און אידיש טעאַטער ווערט מיט אמאָל ביי זיי אַן אידעאַל. און טרעט דער־נאָך גאָרדין ארוים פון דער „פרייער אידישער פאָלקס־ביהנע", געהט מיט איהם אַוועק כמעט די גאַנצע אינטעליגענץ פון דאָרט.

די היגע אידישע אינטעליגענטען האָבען זיך פשוט געבויגען פאַר איהם.

יעדער, וואָס האָט איהם נאָר אמאָל געזעהן, ווען ער איז געזעסען אין אַ קרייז פון באַקאַנטע אינטעליגענטען, וועט דאָס צוגעבען.

אָט, דאַכט זיך, זעה איך איהם נאָך אין אַ געוויסען קאַפע־הויז אויף קאַנעל

ער זיצט דאָרט ביי אַ טישעל מיט זיינע פריינד, וואָס זיי אַלע כמעט זיינען גוט־באַקאַנטע רוסיש־אידישע אינטעליגענ־

טען — שרײבער, רעדנער, מוזיקער און דאָקטוירים, באוואוסטע ראדיקאלען און כלל־טוער.

ער פארשטעלט זיי, דאכט זיך, אלעמען מיט זײַן מעכטיגער, אימפּאָזאנטער געשטאלט, מיט זײַן אויסערגעװעהנליך אימפּאָנירענדיגען אויסזעהן.

אזוי ווי ער זיצט דאָרט צווישען זיי, מיט זיין לאנגער פעך־שווארצער באָרד און זיינע ביסטרע, באפעהלענדיגע שווארצע אויגען און מיט זײַן זיכערער און שטאָלצער האלטונג, דערמאָנט ער א סך אָן אן אפּאָסטאָל פון די ביבלישע צייטען אין דעם קרייז פון זיינע תלמידים און חסידים.

מיט וואס פאר אן אָפּשיי זיי קוקען אלע איהם אין די אויגען אריין; ווי זיי קוועלען אָן פון זײַן יעדען וואָרט!

נעמט ער ארויס א סיגאר צום פאררויכערען, טוען זיך א ציה צו איהם א האלב טוצענד הענט מיט אָנגעצונדענע שוועבעלאך.

אפילו דער בעל־הבית פונ׳ם קאפע־הויז, וועלכער זיצט געוועהנליך דערבײַ אויף א שטוהל און קוקט מיט קאווירענדיגע אויגען און א מינע פון טיפען דרך־ארץ אויף גאָרדינ׳ען, ניט מחמת, חלילה, ער איז אויך באאיינפלוסט פון גאָרדינ׳ס גייסטיגען כח, אזוי ווי די אנדערע, נאָר פשוט דערפאר, ווייל גאָרדין איז א גוטער „קאָסטימער", מחמת וואו ער געהט, געהען נאָך אנדערע — ער, דער בעל־הבית, הויבט זיך אויך אויף מיט אן אימפּעט און רייבט אָן א שוועבעלע און טראָגט צו צו גאָרדינ׳ען, אפילו ווען זיין סיגאר איז שוין פאררויכערט...

און זאָגט גאָרדין א וויץ, לאכען אלע, און דער בעל־הבית פונ׳ם קאפע־הויז העכער פון אלעמען.

און נאָכאנאנד אדרעסירט גאָרדינ׳ען דאָ איינער און דאָ אן אנדערער:

— יאקאָוו מיכאילאָוויטש... יאקאָוו מיכאילאָוויטש...

מיט אזא דרך־ארץ.

אזא כבוד ווי גאָרדינ׳ען האָט די רוסיש־אידישע אינטעלי־

גענץ דאָן אָפּגעגעבען סיידען אַ יחסנ'ישען גוי, וואָס האָט אין יענער צייט אַמאָל פארבלאָנדזשעט אין זייער קרייז.

איך דערמאָן זיך: איינמאָל זיצען מיר עטליכע מענשען מיט גאָרדינ'ען אין יענעם קאַפע־הויז. גאָרדין רעדט וועגען דער גרויסער פערזענליכקייט פון טאָלסטאָי'ען דעם מאָראַליסט. ער רעדט ערנסט, מיט אַ סך וואַרימקייט.

זיינע געוועהנליך ביסטרע אויגען קוקען עפּעס קינדערש־ווייך און פארבענקט און מיט בענקעניש קלינגט אויך זיין קול. און ער זיצט דאָן אויך עפּעס אַנדערש, נישט מיט זיין געוועהנ־ליכער זיכערקייט און שטאָלץ.

ער האָט זיך אָנגעלעהנט מיט ביידע עלענבויגענס אָן טיש, אַרונטערגעלאָזען דעם קאָפּ, געקוקט פאַר זיך פארבענקט און גע־רעדט מיט בענקעניש. און קאָנטיג איז געווען, אַז די דאָזיגע בענקעניש דריקט זיין גייסט, מאַכט איהם שוואַך.

אויף אַ ווײַלע איז פאַר אונז געווען אַן אַנדער גאָרדין, ניט די פּערזענליכקייט, וואָס האָט מיט איהר בליק און טאָן דיקטירט רעספּעקט צו זיך.

און דאָן האָט איינער פון די אינטעליגענטען, וועלכער איז געזעסען מיט אונז ביים טיש, אַ באַקאַנטער רעדנער, אַזוי ווי איהם וואָלט איינגעפאַלען זיך צו באַנוצען מיט גאָרדינ'ס מאָמענ־טאַנער שוואַכקייט, און באַווייזען איהם און אונז אַלעמען זיין חריפות, זיך אַריינגעלאָזען מיט איהם אין אַ הייסען ויכוח וועגען טאָלסטאָי'ס מאָראַלישער לעהרע און דערביי זיך אַ וויצעל געטאָן איבער גאָרדינ'ען אַליין.

און גלייך האָט זיך גאָרדין אויסגעגלייכט, אַ פּיהר געטאָן מיט דער האַנט איבער דער באָרד און ווידער האָבען זיינע אויגען געקוקט ביסטרע און שטרענג. און ווען ער האָט יענעם דערנאָך געענטפערט, האָט זיין טאָן און האַלטונג אויסגעדריקט, האָט זיך געדאַכט:

„דו הער, שקץ, וואָס איך, יעקב גאָרדין, זאָג, און לערען!"...

און ווען יענער, אַ צוהיצטער, איז דוקא באַשטאַנען אויף

זיין מיינונג און נאָך אַמאָל זיך אַ ווייצעל געטאָן איבער גאָר־דינ'ען, האָט גאָרדין פאר יענעם געהאט ווערטער, ווי פייערדיגע ריטער, מיט וועלכע ער האָט צום סוף יענעם אזוי מכבד געווען, אז יענער האָט זיך דערנאָך געפיהלט, ווי אַן אָפּגעשמיסענער אינגעל...

און ניט קיין קאַפּריז פון אַ דעספּאָטישער נאַטור איז די דאָזיגע האנדלונג פון גאָרדינ'ען געווען, וועלכע דולדעט ניט קיין אנדער מיינונג אויסער איהרער, נאָר גיכער די אומגעדולד פון אַ לעהרער מיט זיינעם אַ פאַר'עקשנ'טען תלמיד, וועלכער לאָזט זיך ניט לערנען.

אַ שטרענגער לעהרער איז גאָרדין געווען, דאָך אַ געבוי־רענער און אויפריכטיגער לעהרער.

און אפשר ווייל ער איז אזוי אויפריכטיג געווען, איז ער אזוי שטרענג געווען.

זיינע מיינונגען האָבען שטענדיג געטראָגען אַן עטישען כאַ־ראַקטער. אין זיי האָט ער אויפריכטיג געגלויבט. און צו באַ־קאַנען אַנדערע מיט זיי האָט ער שטענדיג אַ באדערפניש געהאַט.

און נאָר מיט דער דאָזיגער באדערפניש, צו לערנען מיט אַנדערע, קאָן מען אויך ערקלערען דעם דידאַק־טישען כאַראַקטער פון אַלע זיינע פּיעסען, גלויב איך, דאָס וואָס אַלע העלדען אין זיינע פּיעסען פילאָזאָפירען און מאָראַליזירען אזוי.

גאָרדין אַליין פילאָזאָפירט דורך זיי און דריקט אויס דורך זיי די איינגעבוירענע באדערפנישען, וואָס איז אין איהם, צו לערנען מיט אַנדערע, ווי איך וועל דאָס פּרואווען באווייזען שפּעטער.

ווייל ער איז געווען אַ געבוירענער לעהרער, האָט ער געמוזט האָבען זיינע תלמידים. און ווייל ער איז געווען אַ פּערזענליכ־קייט מיט אַ שטאַרקען ווילען, האָט ער זיי געהאַט.

און נאָר אַזאַ פּערזענליכקייט ווי ער האָט אויך געקענט געפינען אַ תקומה אויף דער אידישער ביהנע אין יענער צייט.

2.

די טעאַטער סביבה, געגען וועלכער גאָרדין האָט געהאַט צו קעמפען. ווי אַזוי מען האָט אין יענער צייט גרימירט פּאַרפאַסערס „יאָלדען" און ווי מען האָט זיי דאָרט באַהאַנדעלט.

ווען יעקב גאָרדין וואָלט ניט געווען אָט די פּערזענליכקייט, וואָלט ער אין יענער צייט, בעת ער איז צוגעקומען צו דער אידישער ביהנע, קיין שום תקומה ניט געפונען.

ווייל — ווי איך האָב שוין געוויזען אין מיינע פריהערדיגע קאַפּיטלען — זיינען די טירען פון אונזערע קונסט־טעמפּלען אין יענער צייט געווען פאַרשלאָסען פאַר נייע פּיעסען־שרייבער. דער גייסט פון הורוויץ און לאַטיינער האָט געוואַכט איבער די דאָזיגע קונסט־טעמפּלען. פאַר זיי האָבען זיך געבוקט און געניגט די אידישע אַקטיאָרען און זייער כבוד האָבען זיי אָפּגעהיט.

אַקטיאָרען האָבען בכלל ווייכע נאַקענס, בפרט נאָך אין יענער צייט, ווען זיי זיינען איננאַנצען אָפּהענגיג געווען מיט זייער ברויט און מיט זייערע ראָלען פון יענע געשוואוירענע פּאַרפאַסערס!

און, חוץ דעם, האָבען זיי טאַקע געגלויבט, אַז די בעסטע און די איינציגע פּאַרפאַסערס זיינען באמת יענע, וואָס אין זייערע פּיעסען האָבען זיי זיך אויפגעצויגען, ברויט און אַפּלאָדיסמענטען באַקומען.

און האָט אַ נייער שרייבער אין יענער צייט אָנגעקלאַפּט אין די טירען פון אונזערע קונסט־טעמפּלען, האָט מען איהם אין בעסטען פאַל משלח געווען פון דאָרט, אַזוי ווי מיך מיט מיין פּיעסע „מינא", אפילו שוין שפּעטער, ווען גאָרדין האָט שוין גע־האַט דורכגעבראָכען דעם וועג אַהין. אַניט — און דאָס האָט נאָך געטראָפען אָפטער — האָט מען דאָרט מיט דעם שרייבער דעם „יאָלד" אַ ביסעל שפּאַס געמאַכט...

וועגען דעם דאָזיגען „שפּאַס", וואָס די אַקטיאָרען האָבען זיך ערלויבט צו מאַכען אין יענער צייט מיט אַ „יאָלד" אַ שרייבער — אַמאָל, מחמת זיי האָבען געקוקט אויף איהם ווי אויף אַ „יאָלד", אַ ליץ, און אַמאָל, מחמת זיי האָבען געוואָלט מיט דעם אויסדריקען

זייער איבערגעבענהייט צו זייער געשוואוירענעם פּראָפעסאָר, — האָב איך זיך געגוג אָנגעהערט פון אַקטיאָרען, וועלכע האָבען אַליין אַנטייל גענומען אין דעם.

אַ פּאָר אַזוינע „שפּאַסען" זיינען ווערט פאַרצייכענט צו ווערען. זיי וועלען ווייזען, אין וואָס פאַר אַ סביבה און אין וואָס פאַר אַן אַטמאָספערע גאָרדין איז אריינגעפאַלען, בעת ער איז צוגעקומען צום אידישען טעאַטער...

דערצעהלט מיר איינער פון די אַקטיאָרען אַזאַ „שפּאַס":

קומט אַמאָל אין ווינדזאָר טעאַטער אַ יונגערמאַן מיט אַ פּיעסע אונטער'ן בוזים. שטעהען מיר דאַן אַלע אין דער „לאָבי" פון'ם טעאַטער מיט פּראָפעסאָר הורוויץ.

דוקא איז דעמאָלט זיינם אַ מייסטערווערק געהאַט דורכגע־פאַלען און אונז אַלעמען איז נישט פויגעלדיג אויפ'ן הארצען און אין די קעשענעס...

דערזעהען מיר דאָ דעם „יאָלד". ער שטעהט אַ בלייכער און אַ נערוועזער, האַלט די האַנטביים בוזים, וואו זיין פּיעסע ליגט, און קוקט אויף אונז ווי אַ צושראָקענער גולם...

— וואָס דאַרפט איהר, מיסטער?

— איך האָב אַ פּיעסע, — שטאַמעלט ער ארויס צושראָקען, מעשה קוני לעמיל...

קוקט איהם אָן פּראָפעסאָר הורוויץ און רופט זיך אָן צו איהם אונטער דער נאָז, ווי זיין טבע איז געווען:

— וואָס האָט איהר דאָרט — אַ טראַגעדיע, אַ קאָמעדיע, אַ דראַמאַ, אַ פאַרס?...

זאָגט יענער:

— אַ דראַמע.

— ווי שילער'ס אָדער ווי שעקספּיר'ס?

ווערט יענער נאָך מעהר צוטומעלט.

און דאָ מאַכט איהם איינער פון אונז אַ פּאָרשלאַג, אַז ער זאָל לעזען פאַר אונז זיין דראַמע.

און אַן אַנדער ליגט כאַפּט אונטער:

— לעזען איז ווייניג. ער דאַרף אונז ווייזען, ווי מיר זאָלען שפּילען זיין דראַמע.

און אַ דריטער:

— נו אודאי, געוויס. אין גרים...

מיר צוטומלען איהם אַזוי, אַז איידער ער קומט צו זיך, איז ער שוין אויף דער ביהנע, און איינער פון אונז — לצים — זאַלבט איהם דעם פּנים מיט ליאַק, און כליאַפּ אַ שטיק באָרד אויף איין באַק! און אַ פּאָר פּויסטען פון אַנדערע קוועטשען מיט אַלע כחות אויף די האָר, אַז עס זאָל זיך בעסער איינקלעפּען אין דעם ליאַק, און באַלד דאָס אייגענע אויף דער אַנדערער באַק און אויף דער מאָרדע — כליאַפּ! כליאַפּ! און מיט די פּויסטען געדריקט אויף דעם, אַז דער יונגערמאַן כאָרכעלט שוין און גלאָצט מיט די אויגען, אַזוי ווי אַן אָקס, וועלכען מען וואָלט געשטיקט...

און דערנאָך: „לעזט, מיסטער!..."

נאָר געה, זיי אַ בריה און לעז, ווען די ליפּען זיינען ווי צונויפגענעהט פון דעם קלעפּענדיגען ליאַק. גרימירענדיג, האָט מען איהם שוין פאַר איין גאַנג די ליפּען אויך פאַרגרימירט...

דער יונגערמאַן איז אויסער זיך. די באַקען ברענען ביי איהם, די ליפּען שמאַרצען. און ער שטויסט זיך אויך אָן, אַז מיר האָבען איהם גענומען אויפ'ן צימבעל, צוואַויינט ער זיך שיעור. ער פּרואווט אַרונטעררייסען די באָרד פון די באַקען, איז כאָטש ריים אַרונטער צוזאַמען מיט דעם פלייש!...

צום סוף, מיר זיינען דאָך פאָרט אידען בני רחמנים, נעמען מיר אַרונטער פון איהם די באָרד; שטיקלאַך האָר דאָ און דאָרט לאָזען מיר פונדעסטוועגען איבער אויף זיין פּנים, אַלס אָנדענק, כדי ער זאָל געדענקען וואָס אַ „יאָלד" באַקומט, ווען ער קומט דרעהען אַ קאָפּ מיט אַ פּיעסע...

און דער דאָזיגער יונגערמאַן (ער איז מיט יאָהרען צוריק געשטאָרבען) האָט דוקא שפּעטער אויפגעפיהרט אויף דער אידי־שער ביהנע עטליכע פּיעסען, וועלכע האָבען ערפאָלג געהאַט...

דאָס איז איין „שפּאָס". און אַנדערען דערצעהלט מיר נאָך אַן אַקטיאָר:

קומט צו אונז אַמאָל איינער — אַ גראָסערימאַן, צי אַ בוטשער, אָדער אפשר טאַקע אַ שרייבער; ביי אונז איז ניט געווען קיין אונטערשייד: אַ „יאָלד" איז אַ „יאָלד", ווער עס זאָל ניט זיין! — קומט ער צו אונז: ער האָט אַ פּיעסע. וויל מען פון איהם פּטור ווערען, איז דאָס דוקא אַ איד אַן אָנשיקעניש, אַ קלעק.

מען זאָגט איהם: מען דאַרף ניט; העלפט עס ניט. ער קומט ווידער, היינט, מאָרגען — מען קען גאָר פון איהם ניט לויז ווערען.

קורץ, ער האָט ביי אונז גע'פּועל'ט, מיר זאָלען אויסהערען זיין פּיעסע.

קומען מיר זיך צונויף עטליכע אַקטיאָרען צו דער פּאָרלעזונג און זעצען אריין דעם „יאָלד" אין דעם סופליאָר'ס קאַסטען און הייסען איהם לעזען זיין פּיעסע.

אַליין בלייבען מיר אַלע שטעהן אויף דער ביהנע און הערען זיך כלומרשט צו צו זיין לעזען.

און מיט אַמאָל, ווען דער „יאָלד" האָט זיך דאָרט צוהיצט מיט זיינעם אַ מאָנאָלאָג — באַץ! מיר אַלע האָבען אויסגעשאָסען מיט איין קלאַפּ אין דעם סופליאָר'ס קאַסטען אריין — באַץ־באַץ, פון אַלע זייטען מיט פּיסטאָלעטען...

דער „יאָלד" איז שיעור געשטאָרבען פאַר שרעק.

און אַז מיר האָבען איהם דערנאָך אַרויסגעשלעפּט פון קאַסטען, איז ער געווען מעהר טויט איידער לעבעדיג.

מעהר האָט ער זיך שוין אינ'ם טעאַטער ניט געוויזען...

אַזוי האָט מען זיך אין יענער צייט אַמוזירט אינ'ם אידישען טעאַטער מיט „יאָלדען", וואָס זיינען געקומען אהין מיט פּיעסען, און אַזוי האָט מען דאָרט אָפּגעהיט דעם כבוד און די מאַכט פון די געשוואוירענע פאַרפאַסערס.

און ווען מען ווייסט נאָך, אַז די דאָזיגע שפּאַסען האָט מען זיך ערלויבט מיט נייע פּיעסען־שרייבער אפילו שוין נאָכדעם,

ווען גאָרדין האָט זיך שוין געהאַט אויסגעקעמפט א פּלאַץ אויף דער אידישער ביהנע, קען מען שוין פאַרשטעהן, וואָס גאָרדין האָט דאָרט געטראָפען, ווען גאָרדין איז נאָך דאָרט ניט געווען...

ברענגט דאָך ב. גאָרין אין זיין „געשיכטע פונ׳ם אידישען טעאַטער" א פאַקט, וואָס גאָרדין אַליין האָט דערצעהלט, ווי אַזוי די אַקטיאָרען האָבען איהם אויפגענומען, ווען ער האָט פאַר זיי געלייענט דעם „אידישען קעניג ליר".

„ער האָט שוין דעמאָלט געהאַט אויפגעפיהרט א פּאָר שטיקער", — דערצעהלט ב. גאָרין אין גאָרדינ׳ס נאָמען, — „און דעם נאָמען גאָרדין האָט מען שוין דערמאָנט מיט דרך־ארץ אין די טעאַטער־קרייזען. נאָר פילע אַקטיאָרען האָבען זיך נאָך אַלץ ניט געקענט אָפּגעוואוינען פון דעם געדאַנק, אז א נייער פאַר־פאַסער איז א „יאָלד", און בשעת גאָרדין האָט פאָרגעלעזען זיין נייע פּיעסע, האָט איינער פון די אַקטיאָרען, און דוקא פון די וויכטיגסטע, דערביי געמאַכט אַזעלכע פוילע שטיק, אז די אַנדערע האָבען זיך געהאַלטען ביי די זייטען פון לאַכען. כל זמן דער געלעכטער איז געווען אין די קאָמישע שטעלען, האָט גאָרדין איהם צוגעשריבען אויפ׳ן חשבון פון דער פּיעסע; נאָר ווען א שאַל פון געלעכטער האָט באַגעגענט א דראַמאַטישע סצענע, האָט ער, גאָרדין, אויסגעשפּיצט זיינע אויערען און באַלד אויסגעפונען די אורזאַך דערפון. דער שפּאַס פון דעם אַקטיאָר איז געווען אַזא גראָבער, אז מען קען איהם ניט איבער־געבען אויף פּאַפּיר" (מיין קורסיוו).

און דאָס איז געווען אין א צייט, ווען דעם נאָמען גאָרדין האָט מען שוין דערמאָנט מיט דרך־ארץ אין די טעאַטער־קרייזען!

אַן אַנדערער אויף זיין פּלאַץ וואָלט זיכער אין אַזא סביבה קיין תקומה ניט געקאָנט האָבען. ער איז אָבער געווען גאָרדין. און איך שטעל זיך פאָר, אז דוקא אָט די גראָבקייט און אָט די הפקרות האָבען אָנגערעגט דעם געבוירענעם לעהרער אין איהם, צו באַקעמפען דאָס אין זיי און זיי ערציהען.

די שטאַרקע פערזענליכקייט האָט אפשר זיך געזאָגט:

— איך מוז מיט די פּאַדלעצעס דרך־ארץ לערנען!
און דער אינסטינקט פון דעם געבוירענעם לעהרער:
— אַ ווילד פּאָלק, מען מוז עס ערציהען!...

3.

מאָגולעסקאָ פאַרוועהרט גאָרדינ'ען אריינצוקומען אין טעאטער, ווען מען פיהרט אויף זיין ערשטע פּיעסע „סיביריאַ". — גאָרדינ'ס נצחון.

דער ערשטער אידישער אַקטיאָר, וואָס האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן גאָרדינ'ען, איז געווען יעקב אַדלער.

ערשטענס, האָט אַדלער בכלל געהאַט אַ שוואַכקייט צו אינ־טעליגענטען, מיט וועלכע ער האָט געקאָנט רעדען רוסיש. מיט די געשוואוירענע פּאַרפאַסערס, ס'רוב רומענישע אידען, האָט ער דאָס ניט געקאָנט.

און, ווידער — און דערפאַר נאָך מעהר — איז אין זיינע אייגענע אינטערעסען געווען צו שטיצען אַזאַ שרייבער ווי גאָרדין.

„ער איז געווען מיין משיח, מיין ערלייזער", — האָט אַדלער זיך אַמאָל אויסגעדריקט פאַר מיר וועגען גאָרדינ'ען.

וואָרים בעת די אַלע אַנדערע הויפּט־אַקטיאָרען האָבען גע־האַט שטימען און האָבען כמעט אין יעדער פּיעסע געזונגען, האָט ער קיין שטימע ניט געהאַט און איז אינגאַנצען געווען אָנגעוויזען אויף ראָלען, אין וועלכע מען האָט ניט געדאַרפט זינגען.

און ווען גאָרדין איז געקומען צו איהם מיט זיין ערשטער פּיעסע „סיביריאַ", האָט ער איהם, שטעל איך זיך פאָר, גלייך געוואונען מיט זיין גוטען רוסיש און שלעכטען אידיש רעדען, און מסתמא אויך מיט זיין אימפּאָזאַנטער פּערזענליכקייט, און דער־נאָך, אז ער האָט איבערגעלייענט די פּיעסע — מיט דער ראָל וואָס ער האָט דאָרט פאַר זיך דערזעהן. און אָט ביי דער דאָזיגער פּיעסע „סיביריאַ" האָט גאָרדין געהאַט זיין ערשטען צוזאַמענ־שטויס מיט די אַקטיאָרען.

דערצעהלט מיר ל ע אָ ן ב ל אַ נ ק, וועלכער האָט אין יענער פּיעסע געשפּילט די ראָל פון דעם דאָקטאָר:

— אין קאָמפּאַניע מיט אַדלער'ן זיינען געווען מאַגולעסקאָ, קעסלער, פיינמאַן, ער, בלאַנק, און נאָך אַנדערע.

אויסער אַדלער'ן, איז קיינער פון דער קאָמפּאַניע ניט באַגייסטערט געווען פון דער פּיעסע. זי איז אַזוי ניט ענליך געווען צו די אַנדערע שטיקער, וואָס מען האָט ביז איהר אויף אונזער ביהנע געשפּילט.

די העלדען האָבען גערעדט אידיש, ניט דייטשמעריש מיט פּתח'ן. עס האָט דאָרט אפילו געפעהלט דער היסטאָרישער אויסגעשריי: „דער אַלמעשטיגער גאָט איס מיין צייגע", וואָס אָהן דעם דאַזיגען „אַלמעשטיגען צייגע" איז זיך אין יענער צייט קיין פּיעסע ניט באַגאַנגען.

דערצו נאָך איז דאָרט איינער פון די העלדען, דער סלעדאָוואַטעל סאַבוראָוו, געווען אַן עהרליכער גוי און דער פּרומער איד בערל טאַראַטוטיע, — אַן אויסוואורף, אַ מסור, אַן אכזר.

אַן עהרליכער גוי אין יענער צייט אין אַ אידישער פּיעסע — גיכער האָט דאָרט געקאָנט פאָרקומען אַ ווייסע וואָראָנע! בפרט נאָך, ווען זייט ביי זייט מיט דעם דאָזיגען עהרליכען גוי איז דאָרט פאָרגעשטעלט געווען אַ פּרומער איד, וועלכער איז געווען אַזאַ מיאוס'ער נפש...

האָבען כמעט אַלע אַקטיאָרען, אויסער אַדלער'ן, געמאַכט חוזק פון דער פּיעסע, און מאַגולעסקאָ האָט גאָר ערקלערט: — אָט דער איד, דער פּאָניע, מיט דער שווארצער באָרד, איז, דאַכט זיך מיר, גאָר אַן אַנטיסעמיט!...

מאַגולעסקאָ האָט נאָך אַן אַנדער אורזאַך געהאַט צו זיין ניט צופרידען מיט דער פּיעסע, מחמת דער קאָמישער העלד דאָרט, דער משרת שפּענדיק, איז אויך גאָר ניט ענליך געווען צו די קאָמישע ראָלען, וואָס ער איז געוואוינט געווען צו שפּילען אין די פריהערדיגע פּיעסען.

עפּעס האָט דער שפּענדיק גערעדט ניט דורכאויס נאַרישקייטען און צייטענווייז איז ער אפילו געווען טראַגיש. אַ קאָמיקער, וועלכער דאַרף שפּרינגען און טאַנצען, און שטאַמלען בעת

ער רעדט, און אָפּשלאָגען זיך די נאָז אָן דער טיר, און זיין אַזוי אידיאָטיש, אַז אפילו דער אייזעל, דאָס „ווערטע פּובליקום" (פון יענער צייט און פון היינטיגער צייט אויך), זאָל דערפיהלען, ווי קלוג דאָס איז אין פאַרגלייך מיט דעם דאָזיגען שלים־מזל אויף דער ביהנע, — קורץ, אַז אָט דער קאָמיקער, וועלכער מוז מאַכען לאַכען דעם פּובליקום, זאָל מיט אַמאָל ווערען אַ טראַגישער העלד.

אַזאַ מין „קאָמיזם" האָט טאַקע נאָר געקאָנט איינפאַלען אַ שרייבער אַ „יאָלד".

די פּיעסע אָבער האָט מען דאָך באַשלאָסען אויפצופיהרען, ווייל יעקב אַדלער האָט איינגעריסען פאַר איהר די וועלט.

האָט מען זי אָנגעהויבען צו שטודירען.

אַ גאַנצע וואָך האָט זיך גאָרדין ניט באַוויזען אויף די פּראָבען. מסתמא האָט ער געמיינט, אַז דאָ אויף דער אידישער ביהנע ווערען אויפגעפיהרט פּיעסען ווי אויף דער רוסישער. דאָס הייסט, דער רעזשיסאָר שטודירט איין מיט די אַקטיאָרען די פּיעסע און דער אויטאָר קומט ערשט צו דער גענעראַל־פּראָבע.

פרייטאָג, צו דער גענעראַל־פּראָבע, איז ער געקומען.

ער טוט אַ קוק: אינ'ם ערשטען אַקט זינגט קעסלער מיט'ן כאָר אַ גאַנצע אָפּערא.

פרעגט ער: וואָס איז דאָס?

ערקלערט מען איהם: היות ווי קעסלער (ער האָט געשפּילט דעם סליעדאָוואַטעל סאַבוראָוו) דאַרף זיך גרייטען צו אַ קאָנצערט פאַר דעם „רויטען קרייץ", פּאַסט זיך פאַר אַ סליעדאָוואַטעל צו זינגען עפּעס לייטישע מוזיק, האָט דערפאַר מאָגולעסקאָ איינגע־שטודירט מיט איהם פון דער אָפּערא „רענאַני"...

טוט זיך גאָרדין אַ גלעט די באָרד און זאָגט:

— לאַדנאָ!...

מאַכט מען דערנאָך פּראָבע פון דעם דריטען אַקט... מיט אַמאָל שפּרינגט אַרויס מאָגולעסקאָ, וועלכער שפּילט דעם משרת שפּענדיק, מיט אַ טענצעל און אַ קופּלעטעל, וואָס ער אַליין האָט פאַרפאַסט.

גאָרדין שטעלט אָן אויף איהם זיינע ביסטרע אויגען:

— וואָס איז דאָס? — שרייט ער. — טשטאָ עטאָ זא סווינסטוואָ? (וואָס איז דאָס פאר א שוויינעריי?).

ענטפערט מען איהם:

— א קאָמיקער. ער מוז דאָך עפּעס זינגען און טאנצען...

— ניע פּאָזוואָליו, מערזאווצי! — שרייט גאָרדין. — ער וועט ניט ערלויבען.

איז מאָגולעסקאָ אויך ארויס פון די כלים און ענטפערט, ווייזענדיג איהם א פייג:

— וואָט טעביע, האנטשי, קניש! (קריגסט ביי מיר א קניש, האנטשי!).

באקומט ער צוריק פון גאָרדינ'ען נאָך א הארבערען וואָרט, און מאָגולעסקאָ ווידער צוריק, און קעסלער און פיינמאַן מישען זיך אויך אריין, האלטען מיט מאָגולעסקאָ'ן. בלויז איין אדלער האלט מיט גאָרדינ'ען.

צום סוף דערגרייכט דער סקאנדאל צווישען גאָרדינ'ען און מאָגולעסקאָ'ן ביז צו דער העכסטער מדרגה. מאָגולעסקאָ שרייט צו איהם:

— ארויס, דו שווארצע באָרד, דו אנטיסעמיט, דיין דוך זאָל אין טעאטער ניט זיין!

און מען האָט גאָרדינ'ען פון טעאטער ארויסגעטריבען...

נאָך מעהר: צו דער ערשטער פאָרשטעלונג פון זיין „סי־ביריא" האָט גאָרדין זיך ניט געטאָרט באווייזען אינ'ם טעאטער, מחמת מאָגולעסקאָ האָט ערקלערט, אויב גאָרדין קומט, וועט ער ניט שפּילען.

און גאָרדין איז אין טעאטער ניט געקומען צו דער ערשטער פאָרשטעלונג פון זיין ערשטער פּיעסע...

די ערשטע צוויי אקטען פון דער פּיעסע זיינען שרעקליך דורכגעפאלען.

דער עולם האָט געהוקעט און געשיקעט, און געלאכט פון דער

פּיעסע און פון די אַקטיאָרען. אַדלער האָט זיך געפיהלט אמת אומגליקליך.

נאָכ'ן צווייטען אַקט איז ער ערשינען פאַר דעם עולם און מיט אמת'ע טרערען אינ'ם קול האָט ער געהאַלטען, ווי בלאַנק גיט מיר איבער, אומגעפעהר אַזאַ רעדע:

— פאַרשעמט און ערנידעריגט שטעה איך, דעם קאָפּ איינגע־בויגען פאַר בושה, וואָס איהר, גאָספּאָדאַ, קאָנט ניט פאַרשטעהן אַזאַ מייסטערווערק פונ'ם באַריהמטען רוסישען פּיסאַטעל יאַקאָוו מיכאַילאָוויטש גאָרדין. גאָספּאָדאַ, גאָספּאָדאַ, ווען איהר וואָלט פאַרשטאַנען, וואָס פאַר אַ גרויס ווערק מיר שפּילען היינט פאַר אייך, וואָלט איהר ניט געלאַכט און ניט געהוקעט!...

און דאָ האָט זיך אַדלער צואוויינט אויפ'ן קול. אויף דעם פּובליקום האָט עס געמאַכט אַ שטאַרקען איינדרוק, און עס האָט איהם שטאַרק אַפּלאָדירט.

דערנאָך האָט מען גענומען שפּילען דעם דריטען אַקט. דאָס פּובליקום האָט זיך געענדערט, און אין דער סצענע, ווען אַדלער־ראָזענצווייג איז געקומען צו בערל טאַראַטויע זיך בעטען, ער זאָל רחמנות האָבען אויף איהם און זאָל איהם ניט מסר'ן, איז יום כפּור געוואָרען אינ'ם טעאַטער...

און נאָך דעם דריטען אַקט, ווען דער פאָרהאַנג איז געפאַלען, האָט דער עולם ווידער שטאַרק אַפּלאָדירט.

און נאָך מעהר האָט אויסגענומען ביים עולם די סצענע אין דעם עפּילאָג פון „סיביריאַ", וואָס מען האָט דעמאָלט געשפּילט, בעת מען פאַרשיקט ראָזענצווייג'ן צוריק אויף קאַטאָרגע און זיין משרת שפּענדיק געזעגענט זיך מיט איהם.

ווען מאָגולעסקאָ־שפּענדיק האָט דאָן אַרויסגערעדט: „כאַ־זיאַאין, מיר צושיידען זיך", האָט ער אַליין זיך אַזוי צואוויינט, אַז ער האָט ווייטער ניט געקאָנט רעדען.

דער גרויסער קינסטלער האָט אַזוי געשפּילט די דאָזיגע גאָר־ניט קאָמישע סצענע, אַז פון צווישען דעם עולם אינ'ם טעאַטער האָט זיך דערהערט אַ יאָמערען אויפ'ן קול...

דער דאָזיגער ערפאָלג האָט באוואויגען מאָגולעסקאָ'ן איבער־צובעטען גאָרדינ'ען.

און גלייך נאָך דער פאָרשטעלונג, יענעם פרייטאָג ביינאכט, איז ער מיט דער גאנצער קאָמפּאַניע אוועק אין 318 ברום סטריט, וואו דער אמאָליגער אַקטיאָר בוים האָט אין אַ קעלער געהאַלטען אַ רעסטאָראַן, מען האָט גערעכענט צו טרעפען דאָרט גאָרדינ'ען. גאָרדין איז דאָרט ניט געווען. מען האָט איהם אָבער אויפ־געזוכט און געבראַכט אַהין אין קעלער.

דאַן האָט איהם מאָגולעסקאָ איבערגעבעטען:

— יאַקאָוו מיכאַילאָוויטש, זייט מיר מוחל מיין גראָבקייט...

שבת איז גאָרדין געקומען אין טעאַטער און האָט געזעהן צום ערשטען מאָל זיין פּיעסע.

און דער עולם צוזאַמען מיט די אַקטיאָרען האָבען איהם גע־מאַכט אַן אָוואַציע.

יעקב אַדלער האָט זיך געפיהלט גליקליך און יעקב גאָרדין האָט געפיהלט זיין ערשטען נצחון איבער די אידישע אַקטיאָרען, וואָס איהם איז באַשערט געווען צו זיין זייער לעהרער און ערציהער.

4.

ווי אַזוי די אַקטיאָרען האָבען זיך געדאַרפט בויגען פאַר זיין ווילען. — זיין קאַמף געגען די „סטאַרס" פון דעם אידישען טעאַטער.

גאָרדינ'ס קאַמף געגען די אַקטיאָרען און דער גאַנצער דאַ־מאָלדיגער טעאַטער־סביבה האָט זיך נאָך ווייט ניט געענדיגט מיט זיין נצחון איבער מאָגולעסקאָ און זיינע קאָלעגען, וואָס האָבען איהם איבערגעבעטען נאָך דער ערשטער פאָרשטעלונג פון „סיביריא".

ביי זיין פּיעסע „דער אידישער קעניג ליר" האָט ער ווידער אַ „סטיטשקע", און דוקא מיט יעקב אַדלער'ן אַליין, דאָס הייסט, מיט דעם איינציגען אַקטיאָר, וועלכער האָט איהם פריהער אַזוי געשטיצט.

די אורזאַך פון דער דאָזיגער „סטיטשקע" איז געווען, הלמאי

אדלער האָט אריינגעשטעלט זיין אייגענע „פראָזא" אין דער פיעסע — אגב, א שוואכקייט, פון וועלכער אדלער האָט שטענדיג געליטען...

די דאָזיגע „סטיטשקע" האָט זיך ווידער געענדיגט מיט דעם, וואָס אדלער האָט איבערגעבעטען גאָרדינ'ען.

און אנדערש האָט גאָר ניט געקאָנט זיין. מחמת אדלער אין דער ראָל פון דעם „אידישען קעניג ליר" האָט נאָך מעהר אויס־גענומען ווי אין „סיביריא".

חוץ דעם, האָבען גאָרדינ'ס פיעסען צוגעצויגען א קלאַס באַ־זוכער, וואָס מען האָט פריהער אינ'ם אידישען טעאַטער ניט געזעהן.

די אינטעליגענץ, וועלכע האָט פריהער אין דעם אידישען טעאַטער ניט אריינגעשמעקט, מחמת זי האָט אין איהם געזעהן ניט מעהר ווי א באלאגאן, האָט איצט אפּלאָדירט גאָרדינ'ס פיעסען און די אַקטיאָרען, וועלכע האָבען אין זיי געשפּילט.

ווייל מען פארשטעהן די גרויסע באדייטונג פון גאָרדינ'ס פיעסען פאר דער דאַמאָלסטדיגער אידישער ביהנע, מוז מען זיך דערמאָנען, וואָס פאר א פּנים זי האָט פריהער געהאַט.

מיט אַלע זייערע ליטעראַרישע און דראַמאַטישע חסרונות, האָבען זיי, קאָן מען זאָגען, רעוואָלוציאָניזירט די אידישע ביהנע, איהר א נייעם מענשליכען פּנים געגעבען און א נייעם מענשליכען אינהאַלט.

א מין וואונדער האָט די אידישע אינטעליגענץ פאר איהרע אויגען דערזעהן: דער נעכטיגער באַלאַגאַן האָט אָנגענומען די געשטאַלט פון אַן אמת'ן טעאַטער און אין די נעכטיגע לצים־פּורים־שפּילער האָט זי מיט אַמאָל דערזעהן פונקען פון קינסט־לערישען טאַלאַנט.

אין פארגלייך מיט די הילצערנע מענשעלאַך פון די פריהער־דיגע שטיקער, האָט זי אין גאָרדינ'ס פיעסען דערזעהן מענשען, וועלכע האָבען גערעדט א מענשליכע שפּראַך, געדענקט מענשליך, געליטען און געקעמפּט מענשליך און וועלכע האָבען אויסגעדריקט א מענשליכע אידעע...

דערפאַר האָט זי אַזוי אַפּלאָדירט גאָרדינ'ען און זיינע פּיעסען און די אַקטיאָרען, וועלכע האָבען זיך אין זיי אויסגעצייכענט.

און זיין ערפאָלג ביי דער אינטעליגענץ האָט נאָך פארשטאַרקט און פארטיפט זיין איינפלוס אינ'ם טעאַטער און מען האָט דאָרט פאַר איהם אַלץ מעהר דרך־ארץ געקראָגען.

וואָלט ער אָבער ניט געווען אַזאַ פּערזענליכקייט און וואָלט ער די אַקטיאָרען ניט אימפּאָנירט אַזוי מיט זיין האַלטונג, וואָלט ער דאָך זיין איינפלוס אויף זיי לאַנג ניט אָנגעהאַלטען.

ווייל די פּיעסען פון דעם אַנדערען סאָרט האָבען שטענדיג געהאַט ניט־אין־אָן־ערך אַ גרעסערען מאַטעריעלען ערפאָלג איידער זיינע, וועלכע האָבען ס'רוב קיין קאַסען־ערפאָלג אינגאַנצען ניט געהאַט.

זיין האַלטונג און נאָך דאָס, וואָס זיינע פּיעסען האָבען אָנגעצונדען אין די אַקטיאָרען דאָס קינסטלער־פייער, די קינסטלער־אַמביציע, און דערצו נאָך, וואָס די פּרעסע האָט שטענדיג וועגען זיינע פּיעסען געשריבען, בעת וועגען די שטיקער פון דעם אַנדערען סאָרט האָט זי קיינמאָל קיין וואָרט ניט פאַרלאָרען, און דער שטענדיגער קרייז פון זיינע פאַרעהרער אינטעליגענטען ארום איהם, — דאָס אַלצדינג אינאיינעם האָט געזיכערט זיין איינפלוס אויף די אַקטיאָרען.

ער האָט זיין איינפלוס אויסגענוצט אויף אַ געהעריגען אופן, אַזוי ווי ער האָט געפיהלט און פארשטאַנען.

פאַר די אַקטיאָרען האָט ער שטענדיג געהאַלטען דעם רבינ'ס טייטעל און אַמאָל — דעם רבינ'ס קאַנטשיק...

ער האָט געלערענט מיט זיי און זיי ערצויגען.

זיי האָבען איהם געמוזט פאָלגען. זיי האָבען זיך געמוזט בויגען פאַר איהם.

ער איז געווען אַ בלוטיגער אביון און אַ לאַנגע צייט איז ער פּשוט מיט'ן שטיקעל טרוקענעם ברויט אָפּהענגיג געווען פון דעם גוטען ווילען פון די אַקטיאָרען, אָבער ער איז אין אַלע צייטען געבליבען דער אייגענער גאָרדין.

ב. גאָרין, אין זיין „געשיכטע פונ'ם אידישען טעאַטער", ברענגט אַזוינע כאַראַקטעריסטישע פאַקטען וועגען גאָרדינ'ען:

מען דאַרף אויפיהרען זיין פיעסע „פּאָגראָם". ביי די פּראָבען וויל דער אַקטיאָר פינקעל, וועלכער רעזשיסירט די פּיעסע, אַריינשטעלען אַ האַפּקע און אַ קופּליעטעל. גאָרדין איז געגען דעם. און אַז פינקעל ערקלערט, אַז ער וועט טאָן ווי ער פאַר־שטעהט, נעמט גאָרדין אַוועק די פּיעסע און פאַרלאָזט דעם טעאַטער. ער קערט זיך אום צוריק ערשט דעמאָלט, ווען מען זאָגט איהם צו, אַז מען וועט טאָן ווי ער וועט הייסען.

די נויט צווינגט איהם צו שפּילען די ראָל פון דעם פּריסטאַוו אין דער דאָזיגער פּיעסע. קומט פּאָר אַ סצענע, ווי שרה־העני האַלפּערין טראָגט צו דעם פּריסטאַוו אַ שטיקעל פּיש מיט שנאַפּס, און חנפה'נענדיג איהם, ווינשט זי איהם, אַז ער זאָל עסען געזונטערהייט. שפּילט די דאָזיגע ראָל מאַדאַם בינע אַבראַמאָוויטש. האָט זי צוגעבען אַפּאַרט: „דערוואָרגען זאָל ער ווערען!"

„גאָרדין" — דערצעהלט ב. גאָרין — „האָט פאַרגעסען, אַז ער אַליין שפּילט איצט אויך פאַר'ן עולם, האָט מיט'ן קולאַק אַ זעץ געטאָן אין טיש און אַ געשריי געטאָן: „הערט אויף! דאָס איז אין מאַנוסקריפּט ניטאָ!"

און אַן אַנדער מאָל איז גאָרדין געזעסען אין אַ לאָזשע, ווען מען האָט געשפּילט זיינע אַ פּיעסע. מאָגולעסקאָ האָט דאָרט געשפּילט אַ קאָמישע ראָל און ער האָט זיך ערלויבט אַריינצו־שטעלען אַן אייגענעם וויץ. גאָרדין האָט פון דער לאָזשע איהם אויסגעזידעלט אויפ'ן קול.*)

לעאָן בלאַנק דערצעהלט מיר אַזאַ כאַראַקטעריס־טישען פאַקט וועגען גאָרדינ'ען:

ווען דער לעצטער האָט אויפגעפיהרט אַ פּאָר יאָהר פאַר

*) זעה: ב. גאָרינ'ס „געשיכטע פונ'ם אידישען טעאַטער"—ל. ק.

זיין טויט „אלישע בן אבויה" מיט אדלער'ן, אין גרענד טעאטער, און די דאָזיגע פּיעסע איז דורכגעפאלען, האָט עס איהם זעהר וועה געטאָן, ווייל ער האָט פיל געהאלטען פון איהר. נאָכדעם האָט ער אויפגעפיהרט אין יענעם טעאטער זיין פּיעסע „דער פרעמדער", וועלכע האָט דוקא שטארק אויסגענומען.

האָט דער ערפאָלג פון דער צווייטער פּיעסע, פון וועלכער ער האָט ניט געהאלטען, איהם נאָך מעהר וועה געטאָן.

האָט ער איינמאָל, ווען דאָס פּובליקום האָט איהם ארויסגערופען, געהאלטען אזא רעדע:

— „איך האָב אייך געגעבען א פּיעסע „אלישע בן אבויה", איז זי אייך ניט געפעלען געוועזען און מיר איז זי זעהר געפעלען געוועזען. האָב איך אייך איצט געגעבען אן אנדער פּיעסע, „דער פרעמדער", איז זי אייך געפעלען און מיר — זעהר ניט. וואָס לויפט איהר צו אזא נארישער מעלאָדראמע? וואָס געפעלט אייך דאָרט?"

און ווען אדלער האָט געמאכט א געוואלד:

„מיסטער גאָרדין, וואָס האָט איהר געטאָן? איהר דער־הרג'עט דעם סוקסעס", האָט גאָרדין איהם געענטפערט:

„איך האָב דעם עולם־גולם דעם אמת געזאגט!..."

דאָס האָט דער לעהרער גאָרדין אין יענעם מאָמענט פּראָטעסטירט געגען דעם גאָרדינ'ען, וועלכער האָט אין א שוואכער מינוט, צי גאָר אין א מינוט פון פארצווייפלונג, הלמאי זיין פּיעסע „אלישע בן אבויה", וועלכע איז איהם טייער געוועזען, איז דורכגעפאלען, האָט אָנגעשריבען א פּיעסע, האָבענדיג אינ'ם זינען בלויז דעם קאַסען־ערפאָלג...

אזעלכע מינוטען האָט ער געהאַט א סך, ווען ער האָט געשריבען פּיעסען, האָבענדיג אין זינען דער עיקר דעם קאַסען־ערפאָלג, איבערהויפּט אין די ערשטע יאָהרען פון זיין ביהנען־טעטיגקייט. זיי זיינען אָבער בשום אופן ניט כאראקטעריסטיש פאר גאָרדינ'ען. די פּיעסע וואָס זיינען כאראקטעריסטיש פאר

איהם זיינען נאָר יענע, אין וועלכע דער **לעהרער גאָרדין** האָט זיך אויסגעדריקט.

5.

די ערציהערישע ריכטונג פון זיינע פיעסען; דער לעהרער, וואָס פרעדיגט זיין לעהרע דורך זיי.

שוין אין זיין ערשטער פיעסע „סיביריא״ טרעט ארויס גאָרדין דער לעהרער. ער לערענט דאָרט:

— איהר, אידען, גלויבט, אז יעדער גוי איז א המן הרשע, ניט אמת. אָט איז דער „סלעדאָוואטעל״ סאבוראָוו אַ גוי, און זעהט, וואס פאר א סימפאטישער מענש ער איז!

און, פארקערט, מען קען זיין א פרומער איד און לויפען דריי מאָל אין טאָג אין בית־המדרש דאוונען, און לערנען משניות נאָכ׳ן דאוונען, און זיצען אין דער היים איבער אַ בלאט גמרא, און דאָך ניט האָבען קיין פונק רחמנות און מענשליכקייט אינ׳ם הארצען. אָט איז אייך אזא פרומאק ווי בעריל טאראטוטיע... ער דאוונט מיט כונה, לערנט תורה, איז, דאכט זיך, א גאנצער ר׳ שמיעלקע מיט׳ן רבונו של עולם, און זעהט וואָס פאר אן אכזר ער איז. זיין אכזריות טרייבט זיין אייגענע טאָכטער צו זעלבסטמאָרד, און, כדי פטור צו ווערען פון א קאָנקורענט, מסר׳ט ער דעם אומגליקליכען ראָזענקראַנצ׳ען. עס העלפט ניט, וואָס זיין קרבן, ראָזענקראַנץ, בעט זיך ביי איהם, וויינט פאר איהם, אז ער זאָל איהם ניט אומגליקליך מאכען — זיין הארץ בלייבט הארט ווי א שטיין. ווייל מענשליכקייט פעהלט דאָרט, די ליבע צום מענשען, וואָס אָהן דעם איז פרומקייט און תורה־לערנען ניט מעהר ווי א פוסטע פאָרם.

דער עיקר איז מענשליכקייט, ליבע צו דעם אנדערען, דאָן איז קיין חילוק ניט, — איד צי גוי. דאָן איז דער גוי סאבוראָוו אויך סימפאטיש. אפילו ער, דער רוסישער סלעדאָוואטעל, איז מענשליך, ווען אין זיין הארץ לעבט די ליבע...

אין דער דאָזיגער פיעסע פיהלט זיך דער אָנהענגער פון

טאָלסטאָי דעם מאָראַליסט און דער גרינדער פון דער סעקטע „ביבלייצעם"...

אָט אין דעם גייסט, ווייזט זיך מיר אויס, איז אויך געשריבען זיין פּיעסע „דער אידישער קעניג ליער".

הגם דער סוזשעט פאַר דער פּיעסע האָט ער גענומען טיילווייז פון שעקספּיר'ס „קעניג ליר", און טיילווייז פון א דייטשער פּיעסע „קעניג קרויזא", איז זי דאָך אינגאַנצען זיינע. גוט אָדער שלעכט ווי די מענשען זיינען דאָרט ניט געשילדערט פון דעם ליטעראַרישען און דראַמאַטישען שטאַנדפּונקט, זיי זיינען אָבער זיינע מענשען, אידישע געשטאַלטען, אידישע סצענעס, א אידישע סביבה, און, דער עיקר, דער ל ע ה ר ע ר ג אָ ר ד י ן דריקט זיך אויס דורך דער דאָזיגער גאַנצער פּיעסע.

אָהן ליבע אינ'ם האַרצען זיינען פרומקייט און תורה־לערנען א פּוסטע פאָרם.

אָט איז דוד־משה'לעם שעהן אידיש הויז, פול מיט תורה און פרומקייט. איין איידים איז א חריף, א טרוקענער מתנגד, דער אַנדערער — א פלאַמענדיגער חסיד. זעהט איצט, ווי אין אַזא פרומער אידישער סביבה באַגעהט מען זיך אפילו מיט אַן אייגענעם טאַטען, ווען די ליבע פעהלט!

און מיט נאָך וואָס פאַר א טאַטע'ן, כמעט א „קעניג ליר". פאַר זיין לעבען צוטיילט ער זיין ירושה צווישען זיינע קינדער, ווען ער באַשליסט אוועקצופאַהרען קיין ארץ ישראל. דערביי קריוודעט ער זיין אינגסטער טאָכטער טייבעלע'ן, וועלכע קריגט ניט איהר חלק ירושה, מחמת זי איז א היינט־וועלטיגע, איז ניט אַזוי פרום ווי איהרע אַנדערע שוועסטער, און איז נאָך דערצו פאַרליבט אין דעם לעהרער, דעם אפּיקורס יאַפע'ן. דער סוף, ווען דער „אידישער קעניג ליר" קעהרט זיך אום צוריק פון ארץ ישראל אהיים צו זיינע קינדער, האָט ער ניט קיין היים.

די קינדער זיינע, וואָס ער האָט צווישען זיי פאַרטיילט זיין גאַנץ פאַרמעגען, וואַרפען זיך מיט איהם אַרום, ווי מיט א בייזער

אַנשיקעניש. שיקען איהם און זייער מאַמע׳ן אַרום איינער צום אַנדערען. זיי אַרט אַפּילו ניט, וואָס ער איז בלינד.

און, צום סוף, ווער האָט אויף איהם רחמנות? דוקא די ניט־פרומע טייבעלע און דער אפּיקורוס יאָפּע...

אַזוי איז ער אין זיינע ווייטערע פּיעסען. דער לעהרער איז ער, וואָס פון דער ביהנע אַרונטער זאָגט ער ז י י ן עטישען וואָרט, ז י י ן באַלעהרענדיג וואָרט.

אַ בעסערע, צי אַ ערגערע פּיעסע, אַן אָריגינעלע, צי אַ באַאַרבייטע; — אין יעדער פון זיי איז ער אָבער אויסען צו זאָגען ז י י ן אמת...

אַפּילו אין זיינע ערגסטע פּיעסען קאָן מען געפינען זיין וואָרט, אָדער זיינע „ווערטלאַך", דורך וועלכע ער, גאָרדין דער לעהרער, דריקט זיך אויס.

זיין אמת האָט ער שטענדיג דרייסט אַרויסגעזאָגט. ער האָט זיך קיינמאָל ניט גערעכענט, צי דאָס לוינט זיך איהם, צי ניט.

זיינע שטאַרקסטע חסידים האָט ער געהאַט צווישען די ראַדי־קאַלע אַרבייטער, צווישען די יוניאָן־לייט. האָט ער אָבער באַ־מערקט צווישען די יוניאָן־פיהרער דעם טיפּ פון דעם יוניאָן־פּאָליטישען הודזאַק, האָט ער איהם אין זיין פּיעסע „דער רוסישער איד" אַרויסגעפיהרט און איהם געגעבען דעם באַריהמטען אויס־דרוק: „צו וואָס דאַרף איך שכל, אַז איך האָב אַ קאָנסטיטוציע"...

דאָס האָט אויפגעבראַכט געגען איהם די יוניאָן־פיהרער. ער האָט זיכער זיך געריכט אויף דעם. ער האָט אָבער אומדערשראָקען דאָס אַרויסגעזאָגט, ווייל דאָס איז ז י י ן אמת געווען...

דעם טעאַטער האָט ער באַטראַכט אַלס טריבונע, פון וועלכער ער קאָן פּרעדיגען זיינע אידעען, כדי צו דערציהען און אויפצו־קלערען דאָס פאָלק.

ער האָט עס — געדענק איך — אַמאָל אויסגעדריקט אין אַ רעדע, וואָס ער האָט געהאַלטען אין טהאַליע טעאַטער, בעת מען האָט געשפּילט זיין „גאָט, מענש און טייפעל".

„גאָט, מענש און טייפעל" איז די ערשטע צייט געהאַט דורכ־

געפאַלען, האָט גאָרדין זיך דאָן אין אַ רעדע צווישען די אַקטען אומגעפעהר אַזוי אויסגעדריקט:

— עס איז לייכטער צו שרייבען אַ פּיעסע, וואָס זאָל געפעלען, איידער אַ פּיעסע, וועלכע זאָל ניט געפעלען. די פּיעסען פון הורוויץ געפעלען. מיינע פּיעסען און די פּיעסען פון מיין קאָלעגע איבסען געפעלען ניט. זיינען זיי ערגער איידער הורוויץ'עס? דאָס, גלויב איך, וועלען אפילו אונזערע טעאַטער־קריטיקער זיך שעמען צו זאָגען. וואָס דען? אונזער טעאַטער־פּובליקום איז נאָך ניט דערצויגען גענוג פאַר אַן אמת'ער, ערנסטער פּיעסע, וועלכע באַהאַנדעלט אַ וועלט־פּראָבלעם. דערפאַר — און ער האָט דאָ אַ שמייכעל געטאָן — וועל איך זיי געבען נאָר אַזעלכע ערנסטע פּיעסען ווייטער, ביז זיי וועלען אָנהויבען צו פיהלען אַ טעם אין דעם. דאָס טעאַטער איז ניט קיין טינגעל־טאַנגעל באַלאַגאַן, ניט קיין פּלאַץ צו אַמוזירען אויף אַ נאַרישען אופן אַ נאַריש פּובליקום, נאָר אַ שוהל, וואו דאָס אַנגענעמע און דאָס נוצליכע זיינען די לעהרער און די ערציהער. אַזוי וויינינגסטענס איז דאָס טעאַטער, וואו מיינע פּיעסען ווערען געשפּילט...

אַזא קוק האָט גאָרדין אַליין געהאַט אויף דער ביהנע און אויף זיין טעטיגקייט אַלס פּיעסענשרייבער.

6.

די ווירקונג, וואָס זיין „פּראַזא" האָט געהאַט אויף די אַקטיאָרען און אויפ'ן פּובליקום.

ווען די אַקטיאָרען, — גאָרדינ'ס חסידים, — האָבען געוואָלט אויסדריקען זייער באַוואונדערונג פאַר איהם אַלס דראַמאַטורג, האָבען זיי געזאָגט:

— גאָרדינ'ס פּראָזא!...

און דאָס האָט געמיינט כמעט דאָס זעלבע, ווי חסידים פון אַ רבי'ן וואָלטען געזאָגט:

— די הייליגע ווערטער פון א י ה ם!...

עס וועט גארניט זיין איבערטריבען, ווען איך וועל זאָגען, אז זיין „פּראָזאַ״ האָט זיי פּשוט פאַר׳כשופ׳ט.

ניט דוקא דערפאר, ווייל זי זאָל האָבען געווירקט אויף זיי מחמת איהר גאנץ באזונדערער שעהנקייט, פרישקייט, זאפטיגקייט און פילפארביגקייט, צי מחמת איהרע גאנץ באזונדערע פּאָעטישע מעלות, — ניין, נאָר דערפאר, און דער עיקר דערפאר, מחמת זיין „פּראָזאַ״ איז געווען פול מיט קלוגע, באַלעהרענדע ווערטלאך, מיט אפאָריזמען, וועלכע האָבען געמאכט אן איינדרוק סיי אויף זיי, די אַקטיאָרען, און סיי אויפ׳ן פּובליקום.

זיין „פּראָזאַ״ האָט שטענדיג געפריידיגט; דער קול פון דעם לעהרער, דעם פריידיגער, האָט זיך כסדר געהערט אין איהר.

דאָס איז געווען זיין שוואכקייט און דאָס איז אויך געווען זיין שטארקייט.

זיין שוואכקייט אין דעם ליטעראריש דראמאטישען זין. מחמת אָפט האָבען זיינע ביהנע־געשטאַלטען אויסגעדריקט געדאנקען, וועלכע האָבען זיך גאָרניט געראָמעלט ניט מיט דעם כאראקטער פון די דאָזיגע פארשוינען און ניט מיט זייער גייסטיגען באגאזש.

און זיין שטארקייט איז דאָס געווען, — ווייל דוקא דערפאר, וואָס זיינע העלדען האָבען אזויפיל געפריידיגט און געזאָגט אזוינע קלוגע אפאָריזמען, האָט זיין עולם אין איהם געזעהן דעם גרויסען דראמאטורג און באגייסטערט איהם אפּלאָדירט.

כמעט יעדע פון גאָרדינ׳ס פּיעסען דריקט אויס אן אידעע, באהאנדעלט אַ פּראָבלעם. אָבער די אידעע, צי דאָס פּראָבלעם, ווערט זעלטען אָרגאניש ארויסגעלעבט פון דער פּיעסע גופא, נאָר ווערט ס׳רוב ארויסגעזאָגט פון גאָרדינ׳ען דורך זיינע ביהנע־העלדען.

ווייל — דער עיקר — איז ער אויסען געווען צו זאָגען זיין וואָרט, צו פּריידיגען זיין אמת.

דערפאר ווייזט זיך אונז אויס, אז כמעט יעדער פון זיינע העלדען איז א פילאָזאָף. דערפאר זאָגט ארויס זיינער א ביהנע־

העלד אזעלכע טיפזיניגע חכמות, אז איהר וואונדערט זיך: פון וואנען קומען זיי צו איהם...

ביי אנדערע שרייבער פילאָזאָפירען אויך די העלדען, צום ביישפיל, ביי גאָרקי'ן. אָבער די פילאָזאָפיע פון גאָרקי'ס העלדען איז צונויפגעוואקסען מיט זייער נשמה, מיט זייער לייב און לעבען. נעהמט איהר אוועק ביי זיי די פילאָזאָפיע, האָט איהר שטיקער פון דער נשמה ביים גוף אוועקגענומען. גאַנץ אַנדערש איז מיט דעם פילאָזאָפירען פון גאָרדינ'ס העלדען, זייער פילאָזאָפיע איז ניט זייערע. זיי לעזען זי ווי פון א בוך ארויס, אָדער ווי זיי וואָלטען אימיצען נאָכגעזאגט.

דער „אימיצער" איז גאָרדין.

נעהמט מען ביי זיי אוועק די פילאָזאָפיע, באפרייט מען זיי פון א שווערער, פרעמדער משא. און דעמאָלט וועלען זיי א סך געווינען אין זייער נאַטירליכקייט, אין זייער ביהנע־לעבען, אין דעם ביהנע־בלוט, וואָס פולסירט שטענדיג שטארק אין גאָרדינ'ס פיעסען. און דער דראמאטישער סוזשעט, די אידעע, וואָס איז דאָ אין יעדער פון זיינע פיעסע, וואָלט דאַן אויך מעהר אָרגאַניש ארויסגעוואקסען פון דער פיעסע.

דער דראמאטורג גאָרדין, באפרייט פון דעם לעהרער גאָרדין, וואָלט דאַן א סך געוואונען.

איך וויל נאָר ברענגען עטליכע ביישפילען וועגען דעם, ווי אזוי גאָרדין לאָזט פילאָזאָפירען זיינע העלדען, כדי קלאָרער צו מאכען דאָס, וואָס איך מיין.

אָט, למשל, ליגט פאר מיר זיין פיעסע „דער אומבאקאַנטער". כמעט יעדע פון די פערזאָנען פריידיגט דאָרט, דרש'ענט און זאָגט קלוגע ווערטלאך.

אָט רעדט די הויפט־העלדין בערטא, אן אינטעליגענט מיידעל, מיט איהר שוועסטער אידא, צום ביישפיל. די לעצטע זאָגט איהר, אז זי האָט געעפענט איהר בריף. ענטפערט בערטא אויף דעם:

„איך האָב ניט קיין סעקרעטען. איך מיין: ווי אין זיינע פארזיגעלטע בריף אזוי אויך טיף אין זיין הארצען דארף ניט זיין ביים מענשען אזעלכעס, וואָס מען זאָל דארפען פארבאָרגען..."

אין דעם ענטפער האָט איהרביידע גאַרדינס. דער דראמא־טורג ענטפערט קורץ און צו דער זאך: „איך האָב ניט קיין סעקרעטען", און דער לעהרער, דער פריידיגער, כאפּט אונטער: „איך מיין"... און לאָזט זיך אוועק פריידיגען...

אין אַן אנדער פלאץ דריקט זיך אויס בערטא וועגען שליאָמע חוץ, די קאָמישע פיגור אין דער פּיעסע:

„שליאָמע חוץ קאָן אויך רעכענען... ער איז א פּאָטער און יעדער פּאָטער רעכענט מעהר ווי ער ליבט. א מוטער ליבט מעהר ווי זי רעכענט."

ווידער האָט איהר דאָ ביידע גאַרדינס — דעם דראמאטורג, וועלכער ענטפערט קורץ און צו דער זאך, און דעם פריידיגער, וועלכער באנוצט זיך מיט א געלעגענהייט ארויסצוזאָגען א טיפזיניגען אפאָריזם.

און ווידער, אין אַן אנדער פלאץ, רעדט בערטא אזוי צו איהר שוועסטער אידא'ן:

„מיר אלע וואָלטען געווען רויבער, מערדער, ווילדע טיערען, אויב מיר וואָלטען געלעבט נאָר פאר זיך און גאָר ניט גערענקט, אז אַן אנדערער האָט אויך געפיהלען, א הארץ, א זעעלע. אידא, מיר זיינען מענשען דערמיט, וואָס מיר ווילען און מעגען ניט טאָן אלץ, וואָס אונז גלוסט זיך."

ווידער ביידע גאַרדינס...

די זיבעצעהן־יאָהריגע נינא וואוינט דאָרט מיט איהר מאַמע סאָפיא, וועלכע איז דאָס צווייטע ווייב פון אשכנזי, בערטא'ס פּאָטער.

„וואָס איז מיר מיין מוטער׳ס מאַן?" — פרעגט זי איהר מאַמען.

ענטפערט איהר סאָפיא, איהר מאַמע:

„דיין מוטער׳ס מאַן איז דיין צווייטער פאָטער."

מאַכט נינא אויף דעם:

„נו, יאָ, עס רעדט זיך נאָר אַזוי... עס קען ניט זיין קיין צווייטע מוטער און עס קען ניט זיין קיין צווייטער פאָטער, עס קען נאָר זיין אַ צווייטער מאַן..."

ביידע גאָרדינס ווידער...

ווייטער:

זאָגט סאָפיא:

„פאַרגינסט ניט דער מאַמען דאָס גליק? וועסט ווערן עלטער, וועסטו פאַרשטעהן."

רופט זיך אָן נינא:

„האָסט זיך אויסגעפוצט גרויסאַרטיג!"

ענטפערט סאָפיא:

„עס איז ניט פאַר מיין פאַרגעניגען וועגען, מעגסט מיר גלויבען. מיר, פרויען, לעבען נאָר צוליב אַן אַנדערענס פאַרגעניגען וועגען. מיר מוזען טאָן וואָס דעם מאַן געפעלט."

שרייט אויס נינא פאַרצווייפעלט:

„אָי, איך האָב ניט קיין היים! איך האָב ניט קיין היים!"

זאָגט סאָפיא:

„איך פיהל זיך אפשר אויך ניט איינגאַנצען ווי אין דער היים. נו, וואָס קאָן מען טאָן? איך האָב דען אַן אַנדער ברירה? נינא, אַ פרוי איז קיינמאָל ניט אין דער היים, זי איז אין איהר מאַנ׳ס היים... אויב זי קאָנען אונז פאַר־

ט ר אָ ג ע ן, ג י ב ע ן ז י י א ו נ ז פּ ל אַ ץ א י ן ז י י ע ר ה י י ם, א ו י ב נ י ט, נ ע ה מ ע ן ז י י צ ו ב י י א ו נ ז ד י ה י י ם (מיינע קורסיוועז).

און אין אָט דעם טאָן פון פריידיגען לאָזט זיך אוועק ווייטער סאָפיא, לעזט־פּאָר א גאנצע לעקציע איבער דער פרויען־פראגע.

קורץ: כסדר פיהלט זיך ווי דיביידע גאָרדינס וואָלטען זיך ארומגעראַנגעלט אין די איגגעווייד פון דער פּיעסע, ווי יעקב און עשיו ביי דער מוטער רבקה׳ן אין לייב...

אפילו דער קאָמישער שליאָמע הוץ, א צודרעהטער שניידער, וועלכער, אז ער דארף זאָגען „מינכען״ זאָגט ער „מנחה״, און אָנשטאָט „צום ביישפּיל״ — „וויינשפּיל״, און אָנשטאָט „דיפּלאָם״ — „דילפּאָ״, אפילו ער פילאָזאָפירט דאָרט אויך די גאנצע צייט מעשה פאטאליסט וועגען דער השגחה. הערט מען איהם, מוז מען זיך וואונדערען פון וואנען קומט דאָס צו איהם.

פילאָזאָפירט ער ניט, איז ער דוקא א לעבעדיגע און אינטערעסאנטע ביהנע־געשטאַלט. הויבט ער אָן צו פילאָזאָפירען, דערפיהלט איהר גלייך ווי דער לעהרער גאָרדין שושקעט איהם אריין ווערטער אין דעם אויער, וועלכע ער זאָגט נאָך, און א סך מאָל ניט וויסענדיג זייער באדייטונג.

ער, אזוי ווי די אנדערע פערזאָנען אין גאָרדינ׳ס פּיעסען, איז שטענדיג אין דער מאכט פון ביידע גאָרדינס...

און דאָך — ווי איך האָב פריהער באמערקט — האָט דוקא דער לעהרער גאָרדין מעהר איינדרוק געמאכט אויף די אַקטיאָרען און אויף דעם פּובליקום מיט זיין „פראָזאַ״, וואָס ער האָט געפּריידיגט, איידער דער דראמאטורג גאָרדין.

7.

דער סך־הכל פון גאָרדינ׳ען און זיין טעטיגקייט.

א פערזענליכקייט מיט א גרויסער אינטעליגענץ און ווילענס־קראַפט, א געבאָרענער פיהרער און לעהרער, — דאָס איז ער געווען אלס מענש.

דערפאַר האָט ער געהאַט אַזאַ איינפלוס אויף די אַרומיגע און דערפאַר האָבען זיי איהם אַזוי רעספּעקטירט.

אַלס דראַמאַטורג איז ער געווען דער רעפאָרמאַטאָר פון דער אידישער ביהנע. דאָס איז זיין היסטאָרישער אויפטו, וואָס קיינער קען ניט אָפּלייקענען, ניט אפילו יענע, וועלכע שטעלען ניט זעהר הויך זיין דראַמאַטישען טאַלאַנט.

מיט אַ סך מאָל מעהר טאַלאַנט, איידער ער האָט געהאַט, וואָלט אַן אַנדערער, ניט אַזאַ שטאַרקע און אויסגעפּרעגטע פּערזענליכקייט, ווי ער איז געווען, ניט געקאָנט אויפטאָן דאָס אויף דער אידישער ביהנע, וואָס ער האָט אויפגעטאָן.

אין אַ וועלטעל פון מאַנעקענס אויף ספּרוזשינעס, אָהן שפּראַך און אָהן לייב און לעבען, האָט זיך אַ לעבען געגומען באַוועגען, האָט זיך אַ מענשליכער קול דערהערט, אַ מענשליכע שפּראַך. דער עכאָ פון אַ לעבעדיגען פיהלען און טראַכטען.

דאָס איז זיין אויפטו געווען.

דער נעכטיגער באַלאַגאַן איז, ווי דורך אַ כשוף, אין אַ טעאַטער פאַרוואַנדעלט געוואָרען, וואָס איז אַ געוויסע צייט באַוואונדערט געווען ניט נאָר פון דער אידישער אינטעליגענץ אַליין, און אַ סך פון די נעכטיגע לצים פּורים־שפּילער זיינען פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין קינסטלער פון ערשטען ראַנג.

און דאָס איז געווען זיין אויפטו.

ער האָט געשאַפען אַ טעאַטער, קינסטלער און אַ בעסערען טעאַטער־פּובליקום.

זיינע פּיעסען ליידען פון צופיל ווייזהייט און אַפאָריזמען, וואָס דער לעהרער גאָרדין האָט אין זיי אַריינגעטאָן — דאָס איז זייער הויפּט־חסרון אין דעם קינסטלערישען זין. ראַמט מען אָבער פון זיי אָפּ דעם דאָזיגען איבעריגען לאַסט, טויכט פון זיי אַרויס אַ דראַמאַטישע נשמה, פול באַוועגונג און קאַמף.

אין דער אייגענער צייט איז דוקא דער חסרון געווען זיין העכסטע מעלה ביי די אַקטיאָרען און ביי זיין פּובליקום. זיין

„פּראָזאַ", וואָס האָט געפּריידיגט, און זיינע אַפּאָריזמען, וועלכע האָבען אויפגעקלערט, האָבען געמאַכט דעם טיפסטען איינדרוק אויף זיי.

דערפאַר, מיין איך, ווען ער וואָלט געהאַט אַ פּך מאָל מעהר טאַלאַנט אַלס דראַמאַטורג, נאָר ער וואָלט ניט געווען אָט די פּערזענליכקייט, אָט דער געבאָרענער פיהרער און לעהרער, וואָלט ער ניט געקאָנט אויפטאָן דאָס, וואָס ער האָט אויפגעטאָן.

אויסער פּיעסען האָט ער נאָך געשריבען אַ סך סקיצען, פעליעטאָנען, קריטישע אַרטיקלען איבער טאָג־פראַגען, און אין יעדער שורה, וואָס איז פון זיין פעדער אַרויס, האָט זיך תמיד ווידער געפיהלט דער לעהרער, דער פריידיגער און ערציהער.

און מיט שרייבען אַליין האָט ער זיך ניט באַנוגענט. ער האָט געלייענט לעקציעס, געגרינדעט די „עדיוקיישאָנאַל ליג" פאַר אינטעליגענטע אַרבייטער, וואו ער איז געווען איינער פון די הויפּט־לעהרער, און וועלכען ער האָט געשטיצט מיט זיין צייט און מיט זיין געלט.

דאָס בעסטע, וואָס ער האָט אין זיך געהאַט, האָט ער די אידישע מאַסען אוועקגעגעבען. צו געווינען זיי האָט ער ניט געזוכט זיי צו שמייכלען און האָט אָפט זיי דעם ביטערען אמת אין פּנים געוואָרפען. אויפהויבען זיי צו זיך, זיי אויפקלערען און ערציהען — דאָס איז געווען זיין ציל, צו דעם האָט ער זיך אָפּגעגעבען זיין גאַנץ לעבען.

צי אַ קלענערער אָדער אַ גרעסערער טאַלאַנט, אָבער אַ געבענשטער, **וואָס האָט פרוכט געטראָגען**...

ווען גאָרדין איז געשטאָרבען, האָבען הונדערטער טויזענטער אידען איהם באַוויינט. אַזאַ לויה האָט נאָך ניו יאָרק ניט געזעהן. דאַן ערשט האָט מען געפיהלט, ווער און וואָס גאָרדין איז געווען און ווי די אידישע מאַסען האָבען איהם פאַרעהרט.

קעני ליפּצין.

קעני ליפצין.

קעני ליפּצין.

1.

איהר באַציהונג צו גאָרדינ'ען און וואָס פאַר אַ סאָרט טאַלאַנט איז זי געווען.

טראַכט מען וועגען גאָרדינ'ען, קומט אויפ'ן זינען אַרויף אויך זי, וועלכע צווישען אַלע זיינע פאַרעהרער איז געווען די באַגייסטערטע פאַרעהרערין זיינע, און וועלכע האָט געזעהן אין איהם דעם איבער־דראַמאַטורג, דעם דראַמאַטורג פון אַלע דראַמאַטורגען.

גענוג באַגייסטערטע מענשען האָב איך אויף מיין לעבען געזעהן, וואָס האָבען פאַרהייליגט זייערע געטער, סיי אין דער אַרבייטער־באַוועגונג און סיי אַרום טעאַטער, אָבער אַזוי ווי קעני ליפּצין האָט איהר גאָט, גאָרדינ'ען, פאַרהייליגט, האָבען סיידען נאָר די ערשטע קריסטען פאַרהייליגט דעם נאָמען פון קריסטוס...

איך שטעל זיך מיר פאָר, אַז מיט אַזוינע פרומע, עקזאַלטירטע ליפּען האָבען אויך זיי מסתמא אַרויסגעבראַכט דעם נאָמען פון זייער „ערלייזער", ווי קעני ליפּצין דעם נאָמען פון גאָרדינ'ען.

יעדעס וואָרט פון זיין „פּראָזאַ" איז פאַר איהר הייליג געווען. און האָט אַן אַקטיאָר זיך ערלויבט אַמאָל איבערצוהיפּען אַ וואָרט אין גאָרדינ'ס אַ פּיעסע, וואָס זי האָט געשפּילט, איז זי פאַרציטערט געוואָרען. איהר גאָט האָט מען געלעסטערט, זיין הייליגע תורה האָט מען פאַרשוועכט.

איך דערמאָן זיך: אויף איהרער אַ פאָרשטעלונג פון „מירעלע אפרת" אין טהאַליאַ טעאַטער איז דאָס געווען. קעסלער האָט גע־שפּילט יאָסעלען.

קום איך נאָכ'ן צווייטען אַקט הינטער די קוליסען, טרעף איך

דאָרט אַ סקאַנדאַל. קעסלער־יאָסעלע האָט דאָרט עפּעס פאַר־פעלט צו זאָגען פון זיין ראָל, בעת ער איז פריהער מיט איהר אויף דער ביהנע געווען.

איז מירעלע אפרת־ליפּצין אומגליקלאַך, קלאַפּט מיט איהר שטעקען אין דיל הינטער די קוליסען און שרייט היסטעריש צו קעסלער׳ן:

— דו שפּילסט דאָך ניט פּראָפעסאָר הורוויץ׳עס אַ פּיעסע, קעסלער! דאָס איז דאָך גאָרדינ׳ס פּראָזאַ, קעסלער! יעדעס וואָרט איז הייליג, קיין אות טאָר מען ניט פאַרפעלען, קיין פינ־טעלע... און דו, און דו... וואָס האָסטו צו מיין לעבען?...

דערביי שטעהט איהר מאַן מייקעל מינץ מיט פאַרשצעמטע ציין, וואַרפט בייזע בליקען אויף קעסלער׳ן און מורמעלט אונטער דער נאָז: „שאַרלאַטאַן, שאַרלאַטאַן!" און זוכט צו באַרוהיגען זיין קעני.

קעסלער — איך האָב איהם אין יענער צייט נאָך וויינינג גע־קאָנט — קוקט אויף זיי מיט זיינע אויסדרוקספולע אויגען און זיין גאַנצער פּנים — אַ שטיק שטאַרקע, ניט געקינצעלטע נאַטור — איז איין געזונטער, גוטמוטיגער און שפּאָטישער שמייכעל.

דערנאָך לאָזט ער ארויס אַ שיפּען אויף אַ באַסאָווען טאָן: — זשי! אוהו! — צולאַכט זיך און רעדט אַרויס מיט שניידענדיגען שפּאָט אינ׳ם קול, און אין זיינע אויגען הוליעט דאָס געלעכטער בשעת דעם:

— דהאַט׳ס רייט, מירע־נונ־נונ־יו! דהאַט׳ס רייט, אפרתור־ניו! רייט, רייט, רייט! — הויבט ער אָן מיט אַמאָל אויסצור־קלאַפּען מיט די ליפּען, ווי אויף אַ באַראַבאַן, און, טאָמער איז וויינינג, קלאַפּט ער נאָך צו מיט די פיס צום טאַקט. און דאָ לעגט ער גאָר צו אַ האַנט צום מויל און טרובעט אַרויס אַזוי הויך, ווי נאָר ער האָט געקאָנט, די פּראָזאַ פון יאָסעלע׳ן, און פאַרענדיגט זי מיט אַ קנאַק מיט דער צונג:

— יו סי? מיין חזיר׳שער קאָפּ געדענקט די פּראָזאַ פון יאָסעניו׳ן!

— איך בעט דיך, קעסלער, — רופט זיך שוין אָן ליפּצין מיט געבעטע אינ׳ם קול. — וואָס האָסטו צו מיין לעבען?

— ווער דאַרף דאָס דיין לעבען, אין דר׳ערד אריין? — טוט ער זיך אַ כאַפּ מיט לאַכענדיגע אויגען — נו, גוט, שאַ! דהאַט׳ס אָל רייט! מאָרגען וועל איך דיר דערפאַר שוין צוויי מאָל ארויסהאַוקען די פּראַזע פון יאַסעניו׳ן, וואָס איך האָב היינט פארפעהלט. יו סי? שאַ־אַ!

האָט גראַציעז אַ מאַך געטאָן צו איהר מיט דער האַנט און איז אַוועק צו זיך אין גאַרדעראָב־צימער.

— שאַרלאַטאַן! — מורמעלט מייקעל מינץ און שצעמעט די ציין, באַגלייטענדיג איהם מיט בייזע אויגען.

— אוי, מיט איהם צו שפּילען! — קרעכצט ליפּצין — וואָס איז איהם גאָרדין? ער פארשטעהט דען, וואָס גאָרדין איז?

— אַן איזוואָשציק דאַרף ער שפּילען, ניט יאַסעניו׳ן! — כאַפּט אונטער מייקעל מינץ.

אָט אזוי האָט ליפּצין אָפּגעהיט גאָרדינ׳ס „פּראַזאַ".

איך דערמאָן זיך אויך, ווי אזוי זי האָט מיר אַמאָל, מיט יאָהרען שפּעטער, דערצעהלט, אז גאָרדין האָט פאַר איהר פאַר־ענדיגט אַ נייע פּיעסע.

וואָס פאַר אַ טיפע פארגעטערונג האָט פון איהרע פאַר־חלומ׳טע אויגען ארויסגעשיינט און וואָס פאַר אַ יראת הכבוד האָט זיך אין איהר קול געפיהלט, בשעת זי האָט ארויסגערעדט:

— געזונט זאָלען זיין זיינע הענט און קאָפּ. אזאַ פּיעסע, אזאַ ראָלע האָט ער פאַר מיר אָנגעשריבען! איך בין געוועזען ביי איהם, איך האָב איהם ניט דערקאָנט. זעקס וואָכען איז ער פונ׳ם הויז ניט ארויס. געזעסען אין זיין צימער און האָט געשריבען. באַוואַקסען, ניט ארומגעשאָרען, אזוי פאַרטאָן איז ער געוועזען מיט זיין נייעם גרויסען ווערק...

אזוי זי זי וואָלט פון אַ הייליגען גערעדט, וואָס האָט זיך דערוייטערט פון דער זינדיגער וועלט און איז אין דער איינזאַמ־

קייט אַוועק, כדי צו קאָנען זיך באַהעפטען אומגעשטערט מיט דער קדושה...

* * *

דעם ערשטען מאָל האָב איך זי געזעהן אין גריל‌פּאַרצער'ס „מעדעא" אין גאָרדינ'ס איבערזעצונג. ביז היינט קען איך ניט פאַרגעסען דעם איינדרוק, וואָס זי האָט אויף מיר געמאַכט.

אָט, דאַכט זיך, זעה איך זי נאָך, די טונקעלע, ווילדע פּרינצעסין, מיט די ווייסע אויגען און רויטע ליפּען, און איך הער נאָך איהר ווילדען, רויטען געשריי, פול בלוט און פייער.

זי איז אַזוי ווי געבוירען געוועזן פאַר אַזוינע טראַגעדיעס, ווי „מעדעא". זי האָט פאַר דעם געהאַט דעם קלאַסיש-מעלאָדראַמאַ־טאַרישען טאָן, דעם טעמפּעראַמענט, דעם טראַגישען בליק און דעם געשריי, דאַכט זיך, פון דער טראַגעדיע אַליין, פון וועלכען מען האָט אויפגעצוימט...

איך האָב שוין ערגעץ פריהער באַמערקט, אז ווען זי וואָלט געוועזן ביי די אומות העולם אויף דער ביהנע און מעהר געשולט, וואָלט זי זיכער דאָרט פאַרנומען איינעם פון די ערשטע פּלעצער צווישען די באַריהמטע אַרטיסטקעס פון דער קלאַסישער טראַגעדיע. ווער ווייסט, אפשר וואָלט זי גאָר געווען א צווייטע ראַשעל...

זי איז בשום אופן ניט געווען קיין, וואָס מען רופט, „רעאַליס־טישע אַקטריסע". אַזאַ, אין דעם בעסטען זין, האָבען מיר אַמאָל געהאַט נאָר איינע אויף דער אידישער ביהנע — ס ע ר א א ד ל ע ר. אפילו אין „מירעלע אפרת", איהר בעסטע ראָל פון די לעצטע יאָהרען, איז זי אויך געווען מעהר קלאַסישע טראַגע־דיסטין, איידער רעאַליסטישע שוישפּילערין.

און ווייל די דאָזיגע ראָל אַליין, נאָך מיין מיינונג, האָט ניט ווייניג פון דעם טאָן פון דער קלאַסישער טראַגעדיע, האָט ליפּצין דערפאַר זיך אַזוי באַזונדערס אויסגעצייכענט אין איהר.

אויף מיר אַליין האָט זי דעם טיפסטען איינדרוק געמאַכט,

ווען איך האָב זי דאַן געזעהן אין „מעדעא” און נאָכדעם אין „מעדעא'ס יוגענד”.

אין דער לעצטער פּיעסע האָט באַרים טאָמאַשעווסקי געשפּילט יאַזאנ'ען. איך געדענק, א שעהנער יאַזאַן געווען.

און ווי ווילד האָט איהם די טונקעלע פּרינצעסין מעדעא ליב געהאַט, מיט וואָס פאַר א הונגער אין די אויגען, אינ'ם קול און אין יעדער באַוועגונג איהרער!

די ליידענשאַפט אַליין, די פּרימיטיווע, אין גאַנצען נאַקעט. ווי ערשט פון נאַטור'ס פייערדיגען קוואַל ארוים, האָט זיך מעדעא־ליפּצין פאַר די אויגען געטראָגען.

און ווען זי פאַרלירט איהם... עס הילכט נאָך פאַר מיר איהר געשריי, ווענען וועלכען איך האָב דעמאָלט אינ'ם „אבענד־בלאַט” געשריבען — ניט א פאַרצווייפעלטע פרוי האָט דאָס געשריען, ניט א ליידענשאַפטליך־פאַרליבטע פרוי האָט דאָס געיאָמערט, וועלכע האָט איהר געליבטען פאַרלאָרען, נאָר דער סאַמע אור־קוואַל פון פאַרצווייפלונג און פון ליידענשאַפט האָט דאָס געשריען און געיאָמערט!...

אַזאַ איינדרוק איז ביי מיר פאַרבליבען פון איהר דאַמאָלסט־דיגען שפּילען „מעדעא”.

2.

ליפּצין אין דער היים און ווי זי האָט זיך געגרייט צו איהרען אן אויפטריט.

אין יענער צייט, ווען איך האָב זי געזעהען אין „מעדעא” און אין 'מעדעא'ס יוגענד”, איז זי מיט קיין טעאַטער ניט געווען פאַר־בונדען.

נאָר פון צייט צו צייט האָט זי געדונגען אין א טעאַטער א פּאָר אָווענדען אין מיטען וואָך און איז אויפגעטראָטען אין איהרער א פּיעסע, וואָס גאָרדין האָט ספּעציעל פאַר איהר אָנגעשריבען.

דער „אידישער הערָאלד”, וואָס איהר מאַן מייקעל מינץ האָט ארויסגעגעבען, האָט די דאָזיגע פאָרשטעלונגען פון דער „קעניגין

פון דער אידישער ביהנע, מאַדאַם קעני ליפּצין", רעקלאַמירט ברייט און ווייט.

אַזוי איז זי אויך אויפגעטראַטען אין „מירעלע אפרת", „די שחיטה", „די שבועה", אָדער „דאָניע די פּאָטשטאַרקע", און אין „די יתומה" — שטענדיג אין גערונגענע מיטענוואָכענדיגע אָווענדען.

די דאָזיגע פאָרשטעלונגען איהרע זיינען שטענדיג געווען אַ יום־טוב פאַר דעם אינטעליגענטערען קלאַס טעאַטער־באַזוכער און אַ הייליגער יום־טוב פאַר איהר אַליין.

אין יענער צייט האָב איך אַ פּאָר מאָל געהאַט די געלעגענהייט צו זעהן, ווי זי גרייט זיך צו אַן אויפטריט. אַזאַ מין גרייטען זיך האָב איך צווישען אַקטיאָרען און אַקטריסעס נאָך ביי קיינעם ניט געזעהן.

איך דערמאָן זיך: זי האָט דעמאָלט געוואוינט אויף דער פערטער סטריט, צווישען דריטער און צווייטער עוועניו. אַ געוויסע צייט בין איך געווען אַן אָפטער באַזוכער פון איהר הויז.

אַ מערקווירדיגע בעל־הבית'טע איז זי געווען אין איהר הויז. יעדעס ווינקעלע דאָרט האָט געבלאַנקט און מיט זויבערקייט גע־אָטעמט. יעדע זאַך האָט געמוזט ליגען און שטעהן אויף איהר פּלאַץ. די קלענסטע אומאָרדנונג דאָרט האָט איהר אויג באַלד באַמערקט. עמיצער איז אויף אַ שטול געזעסען, און אַז ער איז אַוועק, איז דאָס ווענטעל פון דעם שטול געבליבען עטוואָס אויס־געדרעהט מיט אַ זייט — ליפּצין האָט עס גלייך באַמערקט, איז צוגעגאַנגען און האָט עס אויסגעגלייכט. אַ ברעג פון אַ טעפּיך האָט זיך ערגעץ אין אַ ווינקעל פאַרקאַשערט, — ליפּצין האָט עס דערזעהן, און באַלד איז זי שוין דאָרט נעבען טעפּיך.

צוויי הינטעלאַך האָט זי געהאַט, שוואַרצינקע, פון דעם טייערען מין, מיט לאַנגע שפּיציגע פּרצופ'ים און מיט שטענדיג אויסגעגלאָצטע אויגען. האָט מען יעדען טאָג זיי געמוזט וואַשען און פוצען, ווייל די פעל אויף זיי, ווי שוואַרצער סאַמעט, האָט

געמוזט בלאַנקען, אַזוי ווי די מעשענע הענטלאַך פון איהרע צימערען.

אַזוי אויך האָט מען געמוזט יעדען טאָג וואַשען און פּוצען די גרויסע געלע קאַץ מיט די ווייסע וואָנצעס, וועלכע איז שטענדיג געזעסען אויף איהר פּלאַץ אין אַ ווינקעלע, אַ פעטע, אַ זאַטע, מיט אַ פאַרריסענעם קאָפּ, און האָט געדרעהט פייערדיגע קייקעלאַך מיט די אויגען.

איך געדענק: איינמאָל האָט איינער פון די הינטעלאַך פאַרבלאָנדזשעט אין איהר קיך און איז דערנאָך אַריינגעקומען אין עס־צימער, וואו מיר זיינען געזעסען, מיט׳ן פּיסק איינגאַנצען פאַרשמירט מיט סמעטענע.

ליפּצין האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן צו איהר מאַן:

— מיכאאיל, קוק אָן דעם באַנדיט!

האָט גענומען דאָס הינטעלע, אַזוי ווי אַ מאַמע איהר איינגעשמוצט עופה׳לע, גוט אַרומגעווישט זיין פּיסק מיט אַ נאַסען טיכעל און דערביי צו איהם גע׳טענה׳ט:

— דו ווייסט, אַז ביי מיר דאַרף מען זיין ריין און ניט קיין נאַשער. פע, איך האָב עס פיינט.

און זי האָט איהם באַשטראָפט דערפאַר דערמיט, וואָס זי האָט גענומען דעם צווייטען הינטעלע צו זיך אויפ׳ן שויס און געגלעטשעט.

און די שטראָף האָט דוקא געווירקט. דאָס פאַרזינדיגט הינטעלע האָט זיך אוועקגעלעגט צו איהרע פיס, אַרויפגעקוקט צו איהר מיט זיינע געלע אויסגעגלאָצטע אויגען און רחמנות׳דיג געוואָיעט, אַזוי ווי עס וואָלט גע׳טענה׳ט: „מעהר ניט, מעהר ניט!״

ביז מייקעל מינץ האָט זיך איבער איהם דערבאַרימט און איהם אַרויפגענומען צו זיך אויפ׳ן שויס.

— אַזוי לערן איך זיי מאַניערען, — האָט ליפּצין מיט אַ שמייכעל באַמערקט. — זיי פאַרשטעהען יעדען וואָרט, וואָס איך זאָג צו זיי...

און מייקעל מינץ, וועלכער איז דאַן געווען בייז אויף אַ גע־וויסען שרייבער, האָט צוגעלעגט:

— מיר אַלע זאָלען אַזוי געזונט זיין, ווי זיי פאַרשטעהען מעהר פון דעם איזוואָזטשיק, דעם בעל־עגלה. (ער האָט אָנגערופען דעם נאָמען פון יענעם שרייבער).

אגב דערמאָן איך זיך, אַז איינער פון די דאָזיגע הינטעלאך האָט געטראָגען אַ מאָדנע שנאה צו דעם פאַרשטאָרבענעם שאַרקאַנסקי.

דער לעצטער איז אויך אַמאָל אַריינגעקומען צו ליפּצין אין הויז. ווי נאָר ער האָט זיך באַוויזען, אַזוי גלייך האָט איינער פון די שוואַרצינקע ברואים'לאך אָנגעשטעלט אויף איהם זיינע געלע אויגען און זיך פאַרגאַנגען מיט אַ בייזער און קוויטשענדיגער האַוקעריי.

שאַרקאַנסקי האָט פאַר איהם מורא געהאַט אימת מות. „דער שוואַרצער פּרא אדם" — האָט ער איהם גערופען.

איך געדענק: מיר זיצען איינמאָל אין דעם פראָנט־צימער און פאַרברענגען. די הינטעלאך שפּילען זיך אַרום אויף אַ טיגער־פעל, וואָס ליגט אויסגעשפּרייט אויפ'ן דיל מיט אַן אויסגע־צויגענעם קאָפּ און מיט גלעזערנע אויגען.

קומט אַן מיט אַמאָל שאַרקאַנסקי. און, אהא, דער שונא זיינער האָט זיך אַ ציה געטאָן געגען איהם און געעפּענט דעם פּיסק מיט אַ בייזען קוויטש.

שאַרקאַנסקי האָט זיך אַ טרייסעל געטאָן, פאַר שרעק איינ־געקאָרטשעט די קני, אַזוי ווי ער וואָלט שוין געפּיהלט דעם ביס פון דעם הינטעל, און איז אַזוי געבליבען שטעהן, ווי אַ פאַר־גליווערטער, מיט צוטומעלטע אויגען אויסגעגלאָצט אויף זיין שונא.

ליפּצין האָט אַ כאַפּ געטאָן דאָס הינטעלע צו זיך אויפ'ן שוים. שאַרקאַנסקי האָט אויסגעגלייכט די קני און איז געקומען צו זיך.

דאָן קאַלופּענדיג מיט אַ פינגער די ציין, ווי זיין טבע איז געווען, האָט ער זיך אָנגערופן מיט אַ נאַאיוון טאָן:

— זאָגט מיר, וואָס האָט צו מיר דער שוואַרצער פּרא אדם?

ליפּצין האָט זיך צולאַכט און מינץ האָט געענטפערט:

— דאָס איז דערפאַר, ווייל דו קענסט ניט שרייבען קיין גוטע פּיעסען.

שאַרקאַנסקי, וועלכער האָט צייטענווייז געהאַט אַ גוטען הומאָר, האָט, נאָך אַלץ קאַלופּענדיג מיט'ן פינגער די ציין, זיך אָנגערופען:

— וואָס מיינט איהר? איהר זענט טאַקע גערעכט. אָבער אַ מאָדנע זאַך, וואָס קלענער אַ קריטיקער איז, אַלץ העכער און בייזער האָוקעט ער.

ליפּצינ'ען איז דאָס שטאַרק געפעלען געוואָרען.

— בראַוואָ! — האָט זי איהם אַפּלאָדירט און האָט צוגעלעגט: — דאָס איז דאָך שיער־שיער ווי פון גאָרדינ'ס פּראַזא! ...

קיין גרעסערען קאָמפּלימענט האָט זי קיינעם ניט געקאָנט געבען פאַר אַ קלוג וואָרט.

האָט זי זיך ניט געגרייט צו אַן אויפטריט, האָבען די געסט מיט איהר געקאָנט ריידען וועגען אַלצדינג אין דער וועלט. הגם אין גאַנצען אומגעבילדעט, האָט זי געהאַט אַן אומגעוועהנליכע איינעבאָרענע אינטעליגענץ און מיט פאַרשטענדניש גערעדט אפילו וועגען זאַכען, וואָס האָבען ניט געהאַט קיין שייכות מיט איהר קונסט.

אָבער ס'רוב האָט זי ליב געהאַט צו ריידען וועגען איהר ווירטשאַפט.

— אין דער היים בין איך ניט קיין אַקטריסע — האָט זי אָפט גערעדט מיט שטאָלץ, — ביי זיך אינ'ם הויז, וויל איך זיין אַ לייטישע בעל־הבית'טע.

און האָט מען געלויבט איהרע פּרייטאָגדיגע פיש, איז זי אמת גליקליך געווען.

האָט זי זיך אָבער גענומען גרייטען צו אַן אויפטריט, דאַן איז זי גאָר געוואָרען אַן אַנדערע. אוים בעל־הבית׳טע, אוים הויז, אוים קאַך, אוים היגטעלאָך, זי האָט גאָרנישט מעהר באַמערקט אין איהר הויז. קיינער און קיין זאַך האָט מעהר פאַר איהר ניט עקזיסטירט, אויסער איהר ראָל און איהר פּיעסע.

איהרע אויגען האָבען מיט אמאָל אַן אַנדער אויסדרוק אָנגענומען, אַזוי ווי זיי וואָלטען געקוקט אין אַן אַנדער וועלט אַריין. און גערעדט האָט זי אויך נאָר וועגען יענער וועלט, וואָס זי האָט אין איהר פאַנטאַזיע געזעהן און אין וועלכער זי האָט זיך אַלץ מעהר און מעהר אַריינגעלעבט מיט איהר נשמה, מיט יעדען געפיהל און געדאַנק איהרען.

— גאָט, גיב מיר כחות — האָט זי דאַן גערעדט מיט פרומקייט אינ׳ם קול — אַז איך זאָל קאָנען אַרויסברענגען די ראָל, אַזוי ווי גאָרדין האָט זי פאַר מיר אָנגעשריבען... אַ ראָל, זעהט! כמעט אַ גאַנצער בוך, דריי פערטעל פון דער גאַנצער פּיעסע האָט ער פאַר מיר אָנגעשריבען, געזונט זאָלען זיין זיינע הענט און זיין קאָפּ! — האָט זי פאַר איהר פאַרגעטערטען מייסטער אויך גאָט געבעטען.

אַזוי האָט זי געפיהלט אויך אויף די פּראָבען אינ׳ם טעאַטער — איינגאַנצען פאַרטאָן, פאַרשוואונדען אין איהר ראָל, ביז זי איז אויפגעטראָטען...

3.

נאָך אַ פּאָר שטריכען פון מאַד. ליפּצינ׳ס טאַלאַנט. איהר מאַן, מייקעל מינץ, אַ מערקווירדיגער כאַראַקטער. זיין טראַגעדיע.

זי איז ניט געווען שעהן אין פאַרגלייך מיט אונזערע אַנדערע באַריהמטע אַקטריסעס, ווי די אַמאָליגע סערע אַדלער, מאַדאַם קאַליש, אָדער בעסי טאָמאַשעווסקי; אָבער אין איהר אויסזעהן האָט זי געהאַט עפּעס, וואָס איז אמאָל מעהר פון שעהנקייט — כאַראַקטער, איינענאַרטיגקייט. און וואו נאָר זי האָט זיך ניט געפונען, צווישען וועמען זי איז ניט



מייקעל מינץ.

געזעסען, האָט מען געמוזט באַמערקען די קליינע טונקעלע פּרוי מיט דעם כאַראַקטעריסטישען ציגיינער־פּנים און מיט די גרויסע כאַראַקטעריסטיש־טראַגישע אויגען.

איך שטעל זיך מיר פאָר, ווען ביי אַ קינסטלער זאָל געבאָרען ווערען אַ בילד פון דער טראַגעדיע אין זיין פאַנטאַזיע, וואָלט עס געדאַרפט אויסזעהן ווי ליפּצין...

איהר האָט אינגאַנצען געפעהלט דער פרייער, געזונטער געלעכטער פון אונזערע אַנדערע באַריהמטע אַקטריסעס; איך, לכל הפּחות, האָב קיינמאָל ניט געהערט, אַז זי זאָל אַזוי לאַכען, ווי מאַדאַם אַדלער, צי ווי מאַדאַם קאַליש, ניט ריידענדיג שוין פון בעסי טאָמאַשעווסקי, וועלכע איז אין גאַנצען געווען איין שטראָמענדיגער געזונטער געלעכטער.

ליפּצינ'ס געלעכטער איז שטענדיג אויסגעמישט געווען מיט טראַגישע טענער. דערפאַר אָבער האָט קיינע פון יענע דריי אַקטריסעס ניט געקאָנט הי סטעריש אַזוי לאַכען, ווי זי האָט דאָס געקאָנט. איך דערמאָן זיך, ווי זי האָט געשפּילט אין מיינע צוויי פּיעסען.

דאָרט, וואו דער געלעכטער האָט געדאַרפט זיין אַ פרייער און אַ פרעהליכער, האָט זי איהם אַרויסגעדעקלאַמירט אַזוי ווי איבערגעוואַלד; האָט זי אָבער געדאַרפט אויסשרייען איהר פאַרצווייפלונג און איהר וועהטאָג דורך געלעכטער, — דאָ איז צו איהר קיין גלייכען ניט געווען; אַזאַ געלעכטער האָט פון איהר אַרויסגעשלאָגען מיט אַזאַ נאַטירליכער קראַפט, אַזוי ווי אַ שטראָם פון אַ קוואַל.

די געבאָרענע טראַגעדיסטין האָט דאַן איהר נשמה געעפענט.

אַ סך פאַרעהרער האָט זי געהאַט. אָבער דער גרעסטער פאַרעהרער איהרער, דער וואָס האָט זי פּשוט פאַרגעטערט, איז געווען איהר אייגענער מאַן, מ י י ק ע ל מ י נ ץ.

אַ מערקווירדיגער כאַראַקטער איז ער געווען, מיט אַ פאַנטאַזיע, וואָס האָט גאָר קיין גרעניץ ניט געהאַט...

אויב די כללים פון אָסקאַר ווײַלד'ס קונסט־טעאָריע — אַז

דער צוועק פון דעם קינסטלער איז צו שילדערען דעם היפּוך פון דער אמת'ער ווירקליכקייט — זיינען ריכטיג, דאן איז אין מייקעל מינץ פּארלאָרען געגאנגען כמעט א געניאלער קינסטלער. זיין פאנטאזיע האָט שטענדיג געארבייט ווי דער סמבטיון, און נאָך מעהר ווי דער דאָזיגער לעגענדארישער טייך, ווייל שבת האָט זי אויך ניט גערוהט...

און די שעהנסטע קינסטלערישע איינפאלען, וועלכע האָבען זיך דאָרט געוועבט (לויט די כללים פון וויילד'ס קונסט־טעאָריע), האָבען כמעט שטענדיג א שייכות געהאט מיט זיין ווייב קעני ליפּצין.

אזוי, צום ביישפּיל, געדענק איך, האָט ער מיר אמאָל דערצעהלט א שעהנע געשיכטע וועגען דער פעל פון דעם טיגער, וואָס איז געלעגען ביי איהם אין הויז אויפ'ן דיל. א היסטאָרישע פעל איז דאָס געווען פון א טיגער, וואָס איז מיט הונדערטער יאָהרען צוריק דערשאָסען געווארען פון א קעניג, צי פון א פּרינץ — דאָס געדענק איך ניט קלאָר, אָבער פון א פּשוט'ען בשר ודם זיכער ניט. איז די דאָזיגע פעל אריינגעפאלען צו א רייכען געשעפטסמאַן דאָ, אין ניו יאָרק. א פארמעגען האָט ער באצאָהלט פאר איהר. מאכט זיך, אז דער געשעפטמאַן קומט אמאָל צו ליפּצינ'ס א פאָרשטעלונג, און אזוי ווי ער איז געווען זעהר א פיינער און אינטעליגענטער מאן, איז ער שיער משוגע געווארען, ווען ער האָט זי דערזעהן שפּילען.

נאָך דער פאָרשטעלונג איז ער ארויפגעלאָפען צו דער ליפּצין אויף דער ביהנע מיט א געשריי: — „גוואלד, מאדאם ליפּצין, גוואלד, איהר האָט מיך משוגע געמאכט! בעט, זאָגט, וואָס ווילט איהר, איך וועל אייך אלצדינג געבען — מיין לעבען, מיין הארץ, מיין נשמה, מיין פארמעגען!"

און דאָ דערצעהלט ער איהר:

— איך האָב עפּעס, וואָס קיינער אין ניו יאָרק האָט ניט, וואָס קיינער אויף דער גאנצער וועלט האָט ניט, נאָר איך אליין.

און דאָס דארפט איהר האָבען, די גרעסטע קינסטלערין אויף דער וועלט!

פרעגט מען איהם:

— וואָס איז דאָס אזוינס?

דערצעהלט ער די גאנצע מעשה וועגען טיגער, ווער עס האָט איהם דערשאָסען און ווי אזוי.

און אויף מאָרגען — עס איז דאָ! צוגעשיקט!

אזוי, אומגעפעהר, האָט מיר מייקעל מינץ אמאָל דערצעהלט וועגען דער פעל פון דעם טיגער, וואָס איז געלעגען ביי איהם אויפ'ן דיל.

אויך וועגען דעם יחוס פון די צוויי שווארצינקע הינטעלאך האָט ער מיר אמאָל דערצעהלט אויף אַ העכסט קינסטלערישען אופן:

זעקס שטיק האָט זייער מאמע געהאט: זיינען צוויי זייערע אריינגעפאַלען צו דוזע; צוויי צו סאַראַ בערנארד, און צוויי צו ליפּצין...

און די קאַץ איז אויך ניט געווען סתם אַ קאַץ אין אַ הויז. זי האָט אויך עפּעס געהאט אַן אומגעוועהנליכע געשיכטע. אימיצער האָט זי, דאכט זיך, געבראַכט פון קאַמטשאַטקאַ און ליפּצינ'ס אַ פארעהרער האָט זי געקראָגען פאר איהר.

זיין גאַנצע פאַנטאַזיע האָט זיך געדרעהט ארום זיין ווייב, און האָט געשפּונען די וואונדערליכסטע המצאות, כדי זיין קעני'ס גרויסקייט צו באווייזען.

צוליב איהר האָט ער זיין צייטונג, דעם „אידישען העראָלד", אויפגעהאלטען.

און איז אמאָל איהר שפּילען עמיצען ניט געפעלען געווען, האָט ער זיך געפיהלט אומגליקליך. ער האָט זיך געביסען די פינגער, געקריצט מיט די ציין און איז באַפאַלען יענעם מיט די גרעבסטע זידלערייען.

פארקערט, האָט עמיצער איהם ארויסגעוויזען באגייסטערונג

זיין פרוי, האָט ער אליין מיט באַגייסטערונג זיך צופלאַקערט, און דאַן האָט ער זיך געשוואָרען מיט די מערקווירדיגסטע שבועות, ס'רוב מיט קעני'ס לעבען, אַז זי איז די גרעסטע קינסטלערין אויף דער וועלט.

שפּעטער, ווען ער איז געוואָרען דירעקטאָר פון טהאַליע טעאַטער און ער האָט אַראָפּגעבראַכט מאַדאַם קאַמינסקי פון רוסלאַנד, אַז זי זאָל שפּילען אין זיין קאָמפּאַניע, איז ער אָפּט פאַרצווייפעלט געווען, ווען זי האָט אויסגענומען אין אַ פּיעסע.

פאַרקעהרט, איז זי דורכגעפאַלען, האָט ער זיך געפרעהט אָהן אַ שיעור.

דורך דעם האָט ער פאַרלאָרען געלד, זיין געשעפט איז שיעור אין גאַנצען ניט אונטערגעגאַנגען, — דאָס האָט איהם אָבער ניט געאַרט, אַבי קעני ליפּצין זאָל בלייבען די גרעסטע אַקטריסע און ניט אסתר רחל קאַמינסקי...

זיין העכסטער אידעאַל איז זי געווען און איהר טאַלאַנט. אונטער דער אויסערליכער גראָבקייט און אַמאָל אומפאַראַנטוואָרטליכקייט האָט אין איהם געלעבט אַ באַגייסטערטע אַרטיסטישע נשמה. ער האָט שטענדיג געבענקט נאָך אַ שעהנערער, נאָך אַ בעסערער ביהנע, ווי אַזוי ער האָט פאַרשטאַנען; האָט באַשעפּטיגט די בעסטע אַקטיאָרען און ער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט גענומען צאָהלען די העכסטע פּרייזען גאָרדינ'ען פאַר זיינע פּיעסען.

אָבער איין זאַך האָט ער אָפּגעהיט: זיין קעני זאָל שטענדיג אַרויסגלאַנצען סיי צווישען די אַקטיאָרען און סיי אין דער פּיעסע, אַניט האָט די פּיעסע קורצע טעג געהאַט...

נאָך גאָרדינ'ס טויט האָט ער אַ געוויסע צייט אין ליפּצין טעאַטער אויפגעפיהרט זאָלאָטאַרעווסקי'ס פּיעסען. זיי האָבען איהם אַ סך געלד אריינגעבראַכט. ער איז אָבער געווען אומגליקליך, האָט געשאָלטען זיך, זאָלאָטאַרעווסקי'ן, די אַקטיאָרען און די גאַנצע וועלט.

ער האָט זיך פּשוט געשעהמט צו ווייזען פאַר מענשען.

איך דערמאָן זיך: איינמאָל זיצט ער מיט מיר אין דעם אָפּיס פון ליפּצין טעאטער א פארזאָרגטער און א פארטראכטער.

רוף איך זיך אָן:

— וואָס זיצט איהר אזוי פארזאָרגט, מינץ? איהר מאכט אזוי פיל געלד מיט זאָלאָטארעווסקי׳ס פּיעסען.

טוט ער א זיפץ.

— וואָס איז געלד? גע׳הרג׳עט זאָל עס ווערען!

און ער הויבט אָן נערוועז צו פּייפען.

מיט אמאָל הויבט ער אָן צו דעקלאמירען פון לערמאָנטאָוו׳ן:

„זלאטאָי וואָסטאָק, סטראַנאַ טשודעס, סטראַנאַ ליובווי אי סלאַדאָסטראַסטיאַ" —

און די אויגען זיינע זיינען פארלאָפען מיט טרערען.

— אָט דאָס איז א געוועזן א פּאָעט, גע׳הרג׳עט זאָל איך ווע־רען! — שרייט ער אוים באגייסטערט, און ווישט זיך די טרערען.

זאָג איך:

— וואָס שילט איהר זיך, מינץ?

— וואָס איך שילט זיך? — ענטפערט ער מיר שוין אין אַן אנדערען, אין א טרויעריגען טאָן — איך טראַכט מיר: ווי אזוי פּעקעלט מען זיך אוועק פון דער וועלט — צי מיט א שטריק, צי מיט א קויל אין שטערען?

— וואָס רעדט איהר, מינץ? משוגע?

מאכט ער:

— מען קאָן משוגע ווערען. קעני ליפּצין שפּילט זאָלאָטא־רעווסקי׳ס „ווייסע שקלאפען". „מירעלע אפרת" האָט געעפענט א הויז פון שאנדע! גע׳הרג׳עט זאָל איך ווערען!

און ער האָט צום סוף זיך מיט זיין אייגענער האנט דער־הרג׳עט.

ער האָט ווידער גענומען שטעלען אין זיין טעאטער בעסערע פּיעסען.

אנדרעיעוו׳ס פּיעסען האָט ער געשטעלט און נאָך אזוינע. זיי האָבען קיין ערפאָלג ניט געהאט.

ער האָט זיך אָבער ניט אונטערגעגעבען, קיין שונד־פּיעסע האָט ער ניט געוואָלט מעהר שטעלען. און אזוי האָט ער ארונטערגעבראכט זיין געשעפט כמעט ביז צום באנקראָט.

דאן — דאָס איז געוועזן די לעצטע פאָרשטעלונג פון דעם סיזאָן — איז ער ארויסגעגאנגען אויף דער ביהנע, האָט זיך געזעגענט מיט זיין פרוי און די איבעריגע פון זיין קאָמפּאני, האָט ארויסגענומען א רעוואָלווער פון קעשענע און צוגעלעגט צום שטערן...

אזוי ווי ער וואָלט געזאָגט:

— איידער שונד אויף דער ביהנע, בעסער זאָל איך ליגען א טויטער —

די לעצטע „ערפינדונג", וואָס זיין רייכע פאנטאזיע האָט אויסגעטראכט, וועלכע איז דוקא געוועזן אזוי טרויעריג איבערצייגענד!

דוד קעסלער.

דוד קעסלער.

דוד קעסלער

.1

ווי אַזוי איך האָב זיך מיט איהם באַקאַנט געהענטער. — ווי איך האָב איהם געלעזען מיין „איסט סייד געהעטאָ” און די לעקציע, וואָס ער האָט מיר וועגען דעם געהאַלטען.

ביי מאַדאַם ליפּצין אינ'ם הויז האָב איך זיך אויך נעהענטער באַקאַנט מיט דוד קעסלער.

דאָס איז געווען אין דער צייט, ווען איך האָב אָנגעשריבען מיין „איסט סייד געהעטאָ”.

קעסלער איז דאַן געווען איינער פון די הויפּט בעלי־בתים פון טהאַליאַ טעאַטער. די איבעריגע זיינען געווען מאָגולעסקאָ, פיינמאַן און שפּאַכנער, דער מאַן פון מאַדאַם קאַליש.

מאַדאַם ליפּצין האָט איינגעלאַדען קעסלער'ן צו זיך אין הויז, ער זאָל אויסהערען מיין נייע פּיעסע.

מיין נאָמען איז שוין אביסעל באַקאַנט געווען אין די טעאַטער־קרייזען, אַ דאַנק „מינא”.

ער קומט אריין אין אַ פּעלערינע, אין אַ הוט מיט ברייטע ראַנדען, מיט אַ דין שטעקעלע אין די הענט.

— נו, עפּעס אַ באָמבעטשקע? — מאַכט ער אין אַ ווייל־ע ארום צו מיר, זעצענדיג זיך צום טיש, און קוקט אויף מיר מיט זיינע גרויסע אויגען און, ווי מיר האָט זיך דעמאָלט אויסגעוויזען, ווי מיט שפּאָט.

איך הויב אָן צו לעזען די פּיעסע מיט מיין ליטווישער אויס־שפּראַך. ער טוט גוטמוטיג אַ לאַך:

— דזשי, אַ „לאָסען”!

ליפּצין בעט איהם:

— קעסלער, האָב א ביסעלע געדולד.

און מייקעל מינץ מישט זיך אויך אריין אויף זיין שטייגער:

— זאָל איך קרענקען, זאָלען מיר אַלע גע׳הרג׳עט ווערען, אויב דו האָסט אויף דיין לעבען אזא ראָלע געהאט. קעסלער, זיי ניט קיין איזוואָשציק!

— נו, נו, שאַ, שאַ, אנטשולדיגט! — מאַכט קעסלער צו מיר — איך האָב, יו נאָו, גאָרניט... סי? נאָר אזוי... לעזט, לעזט ווייטער...

לייען איך ווייטער.

אין דעם ערשטען אַקט קומט דאָרט פאָר אזא מין האַנדלונג: ביי איינעם א קלאָוק-אָפּערייטאָר*), א פרומען אידען, מיט׳ן נאָמען אייבראַם, אין הויז קומען זיך צונויף שמחת־תורה זיין ברודער לייזער און זיינע לאַנדסלייט גוט־יום־טוב־ביטען.

זיי אַלע זיינען אַרבייטער ביי פרויען־מאַנטלען און אַרבייטען אין איין פאַבריק, ביי זייערען א לאַנדסמאַן, מיט׳ן נאָמען לעפּקאָוויטש.

אייבראַם האַלט זעהר א סך פון זיין לאַנדסמאַן, דעם „באָס״. ער האָט נאָך געקאָנט זיין טאַטען, א גביר א איד, אין דער היים. און דער זוהן זיינער פיהרט אויך א „שטאָט״ דאָ, אין אַמעריקא. א שוהל־מענש, האַלט זיין שאָפּ צוגעמאַכט שבת, און, דער עיקר, אזוי פיל אידען ציהען פון איהם זייער חיונה.

אייבראַמ׳ס טאָכטער אַרבייט אויך ביי איהם אין שאָפּ, באַהאַנדעלט זי לעפּקאָוויטש כמעט ווי אַן אייגען קינד. גיט איהר אַמאָל א מתנה אויך.

לאָזט ניט אייבראַם פאַלען אויף איהם קיין קרום וואָרט און נעהמט זיך שטענדיג אָן פאַר איהם.

און יענעם שמחת־תורה ביי אייבראַמ׳ען אין הויז, ווען די באַשנאַפּסקעטע אַרבייטער האָבען זיך צעהוליעט, דערמאָנט זיך מיט

*) אַרבייטער ביי פרויען־מאַנטלען.

אמאָל לייזער, אייבראַמ׳ס ברודער, אַ באַוואוסטזיניגער יוניאָן־מאַן, אָן די וואָכעדיגע צרות און ער צע׳טענה׳ט זיך וועגען זייער באָס דעם לאַנדסמאַן און צעשרייט זיך, אַז מען מוז שטע־לען נייע באַדינגונגען דעם באָס. מען פאַרדינט ניט ביי איהם אויף אַ לעבען. איז צווישען זיי דאָ איינער אַן ארבייטער, מיט׳ן נאָמען מאָטקע באַס, איז ער מסכים מיט לייזער׳ן, אַז מען פאַר־דינט ניט ביי לעווקאָוויטש׳ן אויף אַ לעבען און מען מוז פאָדערען העכערע פרייזען פאַר די ארבייט.

טענה׳ט אייבראַם, אַז לעווקאָוויטש קאָן מעהר ניט צאָהלען מסתמא, אויב ער צאָהלט ניט.

איז מאָטקע באַס מיט איהם אויך מסכים: אַז לעפקאָוויטש צאָהלט ניט מעהר, מסתמא קאָן ער ניט.

ערקלערט לייזער, אַז אויב זיי וועלען לעפקאָוויטש׳ען ער־קלערען אַ סטרייק, וועט ער שוין קאָנען צאָהלען.

שרייט מאָטקע באַס:

— לייזער איז גערעכט, נאָר סטרייקען!

רופט זיך אָן אייבראַם, אַז ער וועט ניט סטרייקען. שקצים סטרייקען, אָבער ניט אנשטענדיגע אידען ביי אַן אנשטענדיגען עהרליכען אידען.

דער סוף איז, אַז דער גוט־יום־טוב־ביטען ענדיגט זיך ביי אייבראַמ׳ען אין הויז מיט אַ קריג צווישען איהם און זיין ברודער לייזער צוליב דעם דאָזיגען סטרייק, ביז ער טרייבט זיי אַלעמען ארויס פון הויז...

דער צווייטער אַקט הויבט זיך אָן ביי לעווקאָוויטש׳ן אינ׳ם שאַפ.

לייזער מיט אַ קאָמיטעט פון אַנדערע ארבייטער קומען צו לעפקאָוויטש׳ן מיט אַ פאָדערונג וועגען העכערען די פרייזען. לעפ־קאָוויטש וויל פון דעם ניט הערען. די ארבייטער ערקלערען אַ סטרייק און געהען ארונטער. נאָר איין אייבראַם בלייבט ארביי־טען. ער וועט ניט נאָכטאָן די משוגעים — זאָגט ער.

און דאָ דערוויסט ער זיך עפּעס, וואָס צעטומעלט איהם גאָר אינגאַנצען.

ער דערוויסט זיך, פאַרוואָס לעפקאָוויטש איז אַזוי גוט געווען צו זיין טאָכטער, פאַרוואָס ער האָט איהר מתנות געשאָנקען.

אַ היבשע צייט קאָן ער דאָס ניט באַנעהמען מיט זיין מוח. ס'טייטש, לעפקאָוויטש, אַזאַ אנשטענדיגער, שעהנער איד — ער האָט דאָך געקאָנט זיין טאַטען! — וואָס הייסט, ער וועט אַזוי קוילענען זיין טאָכטער, דאָס אויג פון זיין קאָפּ?!...

ער קומט צו לויפען אַהיים. זיין טאָכטער איז זיך מודה פאַר איהם. פאַר פאַרצווייפלונג וויים ער ניט, וואָס צו טאָן. צו־ערשט וואַרפט ער אַריין לעפקאָוויטש'עס מתנות אין אַ ברענענ־דיגען אויווען, דערנאָך טוט ער זיך אַ וואָרף צו זיין טאָכטער מיט די פויסטען. באַמערקט אָבער ווי דערשלאָגען זי איז, לאָזען זיך ביי איהם אַרונטער די הענט און עס רייסט זיך ביי איהם נאָר אַרויס:

— וואָס האָט דער רוצח צו דיר געהאַט?!

אַזוי ענדיגט זיך דער צווייטער אַקט.

מעהר האָט קעסלער ניט געוואָלט הערען. די גאַנצע צייט איז ער געזעסען מיט אַזאַ אויסדרוק אויפ'ן פּנים, וואָס האָט גערעדט, האָט זיך געדאַכט:

— וואָס האָוקעט ער דאָרט, דער ליטוואַק?

ער האָט זיך גערעהט אויף זיין שטול, האָט גענענעצט, און דאָ האָט ער גאָר האַלב צוגעמאַכט די אויגען און מיר האָט זיך אויס־געוויזען, אַז באַלד־באַלד וועל איך דערהערען אַ כראָפּען...

אַ פּאָר מאָל האָב איך געוואָלט אויפהערען צו לעזען. נאָר מייקעל מינץ, וואָס איז געזעסען נעבען מיר, האָט יעדעס מאָל מיר אַ בוכע געטאָן מיט'ן אָרעם, איך זאָל לעזען ווייטער.

איך לעז פאַר מיינע פּיעסען גאָר ניט שלעכט. אַנדערע אַק־טיאָרען מיינען, אַז איז בין אַ צו־גוטער פאָרלעזער. אַזוי, צום ביישפּיל, האָט יעקב אַדלער שטענדיג מורא געהאַט צו הערען מיך פאָרלעזען אַ נייע פּיעסע.

— ער נאַרט אָפּ מיט זיין פּאַרלעזען — האָט אדלער שטענדיג געטענה'ט וועגן מיר, — ווען מען הערט איהם פּאַרלעזען, ווייזט זיך אוים זיין פּיעסע אַלעמאָל א סך בעסער איידער דערנאָך, ווען מען שפּילט זי.

אויף דעם, אמת, האָט מאקס ראַזענטאַל אמאָל געענטפערט:

— דאָס באַווייזט נאָר, אז די אַקטיאָרען האָבען זיך ניט באַמיהט ארויסצוברענגען די פּיעסע מיט זייער שפּילען בעסער, איידער דער פּארפאסער מיט זיין פּאַרלעזען.

יענעם אָוונד, ווען איך האָב מיין פּיעסע פאר קעסלער'ן פאַרגעלעזען, האָב איך באַלד פאַרלאָרען דעם טאָן, בעת קעסלער האָט געמאכט זיין באַמערקונג וועגען מיין ליטווישער אויססשפּראַך: „דזשי, א לאָסען": די גאַנצע צייט דערנאָך האָב איך דעם טאָן ניט געקאָנט כאַפּען, מחמת איך האָב געפיהלט די אומגעדולד פון מיין צוהערער. אפילו מאדאם ליפּצין, האָב איך באַמערקט. איז אויך אָנגעשטעקט געוואָרען פון זיין אומגעדולד און האָט א פּאָר מאָל פארשטעלט מיט א האַנט דעם געניץ אויף איהר מויל.

און דעם אמת געזאָגט, האָב איך זיך כמעט דערפרעהט, ווען נאָכ'ן צווייטען אקט האָט זיך קעסלער אויפגעהויבען פון זיין אָרט און א שאָקעל געטאָן דעם קאָפּ.

— דאָש—דאָס—דאָש... וואָש איז דאָש פאר א לאָסען? — האָט ער זיך מיט אמאָל גוטמוטיג צולאכט.

מייקעל מינץ האָט זיך אריינגעמישט:

— א גוטע ראָלע פאר דיר, קעסלער...

— א חזיר, א פארשוק — האָט קעסלער געענטפערט און זיך א קעהר געטאָן צו מיר. — יו סי?*) (ער האָט אויסגעשטעלט צו מיר א האַנט מיט אַלע פינף פינגער) יו סי? א האַנט, הא? פינף פינגער, יו סי? קוקט אויף דעם. איך וועל אייך געבען א ביישפּיל. אָט די האַנט איז א פּיעסע, יו סי? און די פינף פינגער זיינען פינף ראָלען, יו סי? איז איין פינגער, אָט דער קליינער

---

*) איהר זעהט?

ממזר'ל (ער האָט איהם פאַרבויגען), איז א קליינער חזיר'ל, יו סי? א חזיר'ל! דער צווייטער פינגער איז א הונט (דעם האָט ער אויך פאַרבויגען), און דער דריטער איז א שלאַנג, אַן עקדיש, א פיפּער־נאָטער, אַלץ! (דעם האָט ער אויך פאַרבויגען). אָבער דער פערטער, יו סי? (דעם דוקא האָט ער ניט פאַרבויגען, נאָר האָט איהם אויסגעצויגען צו מיר) אָט דער דאַרף זיין א מענש מיט שפּראַך, יו סי? מיט ליכט! אָט אַזוי ווי יענע שאָטען, דאַרף דער זיין ליכט (ער איז דורכגעגאַנגען ווידער זיינע אַלע פינגער) הונד, חזיר, מענש! מענש, הונט, חזיר! שאָטען, ליכט! ליכט, שאָטען! ביי אייך אָבער אין דער פּיעסע איז אינגאַנצען חזיר, חזיר, חזיר! קיין איין לייטישער מענש נישטאָ — נאָר כרוק, כרוק, כרוק!...

אַזוי אייגנאַרטיג איז דאָס געזאָגט געווען, און מיט אַזא גע־זונטער גוטמוטיגקייט, אַז מיר איז אפילו ניט איינגעפאַלען צו באַליידיגען זיך. איך האָב נאָר געוואָלט פאַרשטעהן, וואָס ער האָט געמיינט.

אויף מיין פראַגע האָט ער מיר דערנאָך א לאַנגע צייט ער־קלערט, וואָס ער האָט געמיינט. און הגם עס איז נאָך אַלץ שווער געווען צו דערגעהן, וואָס ער האָט געוואָלט, איז אָבער דער אופן, ווי אַזוי ער האָט גערעדט, געווען אַזוי אומגעוועהנליך, אַזוי אייגענ־אַרטיג, אַז ער האָט מיך אינגאַנצען פאַרכאַפּט.

ער האָט גערעדט מיט פאַרבען און קלאַנגען, און די אינטע־רעסאַנטסטע און מערקווירדיגסטע בילדער האָבען פון זיינע צו־פלאָנטערטע געדאַנקען און ווערטער פאַר מיר ארויסגעטויכט, אַזוי ווי פון א נעץ וואָלטען זיי זיך ארויסגעריסען, אין וועלכער זיי זיינען פאַרפלאָנטערט געווען.

און קאָנטיג איז געווען, אַז דאָס קומט ארויס ביי איהם אויף דעם נאַטירליכסטען אופן, ווי דאָס סוויטשערן ביים פויגעל...

עס איז ניט וויכטיג געווען, וואָס ער האָט געזאָגט, נאָר ווי אַזוי ער האָט געזאָגט...

צום סוף האָב איך זיך פון זיינע רייד אָנגעשטויסען, פאַרוואָס ער האָט געמיינט, אַז אין מיין פּיעסע זיינען דורכאויס חזירים, ווייל

דאָרט האָט זיך געהאַנדעלט װעגען געװעהנליכע שאָפּ־אַרבײטער...

אין יענער צײט זײנען די אידישע אַקטיאָרען געװעהנט געװען צו שפּילען העלדען פון אַן אַנדער מין. אַזאַ פּיעסע, װאָס איהרע הױפּט־העלדען זײנען געװען אידישע אַרבײטער און סטרײקער, קלײנע הענדלער פון דער הײם, איז אין יענער צײט געװען אַזױ ניט עהנליך צו דער געװעהנליכער פּיעסע אױף דער אידישער ביהנע מיט די שעהנע העלדען, אַז קעסלער האָט קײן אַנדער װאָרט ניט געפונען אױף צו כאַראַקטעריזירען די פּאַרשױנען פון מײן פּיע־סע, װי — „חזירים".

איהם איז אָבער באַשערט געװען צו שפּילען די דאָזיגע פּיעסע און צו האָבען אין „אײבראַם דעם ליטװאַק" אײנע פון די בעסטע ראָלען פון זײן רעפּערטואַר...

2.

װי אַזױ קעסלער האָט זיך פאַרהאַלטען צו פּיעסען, װעלכע ער האָט ניט ליב געהאַט.

מ. מאָשקאָװיטש איז צו יענער צײט געװען דער אינטעליגענט צװישען די אַקטיאָרען. ער האָט גערעדט רוסיש, װי מען רעדט די שפּראַך אין אָדעס; איז אַביסעל באַקאַנט געװען מיט דער רוסישער ליטעראַטור; האָט פאַרגעלײענט אױף פאַרזאַמלונ־גען און קאָנצערטען סקיצען פון די בעסערע אידישע שרײבער, — קורץ, ער האָט געמאַכט דעם אײנדרוק פון אַן אינטעליגענט.

האָט מען זיך דערפאַר צװישען די אַקטיאָרען שטאַרק גערע־כענט מיט זײן מבינות אױף פּיעסען.

טרעפט ער מיך אַמאָל און זאָגט מיר, אַז ער װאָלט װעלען הע־רען מײן נײע פּיעסע.

אױסגעהערט מײן „איסט סײד גהעטאָ", זאָגט ער:

— די פּיעסע מוז אױפגעפיהרט װערען. און װען מען זאָל זי נאָך שפּילען אַזױ װי איהר האָט זי געלײענט, אין דער ליט־װישער אױסשפּראַך, װעט זי מוזען האָבען אַן ערפאָלג.

און אין אַ פּאָר טעג ארום לאָזט ער מיר וויסען, אַז איך זאָל קומען ביינאַכט נאָך דער פאָרשטעלונג אין טעאַטער מיט דער פּיעסע.

אַרום צעהן אין אָוועגד בין איך אין טהאַליע טעאַטער. די פאָרשטעלונג ציהט זיך ביז צוועלף. מען שפּילט דאָרט פיינמאַנ׳ס אַ פּיעסע.

איך זעה זיך מיט מאָשקאָוויטש׳ען הינטער די קוליסען. ער דערצעהלט מיר, אַז ער האָט גע׳פּועל׳ט ביי פיינמאַנ׳ען און מאָגולעסקאָ׳ן, זיי זאָלען הערען מיין פּיעסע. און טאָמער וועט קעסלער ניט וועלען שפּילען די ראָל פון אייבראַמ׳ען, וועט זי פיינמאַן שפּילען. ער איז זיכער, אַז זיי וועלען די פּיעסע אָננעהמען, וויל, ערשטענס, האָבען זיי ניט קיין אַנדערע, און, צווייטענס, פאַרלאָזען זיי זיך אויף זיין מבינות.

דערוויל געהט צו צו אונז קעסלער אין אַ מין האַמלעט־גרים. מאָשקאָוויטש פאַרפיהרט מיט איהם אַ שמועס וועגען מיין פּיעסע.

— איך זאָג אייך, קעסלער, — רעדט ער צו איהם — אַז איהר האָט אַ טעות. עס איז אַ גוטע פּיעסע, מיט אַ גרויסער ראָל פאַר אייך.

קעסלער טוט אַ ציה די אַקסלען.

— איך זעה גאָר ניט — מאַכט ער — וואָש, דאָש, לאָזש!

— וועט איהר ניט רעדען ליטוויש, קעסלער...

רופט זיך אָן קעסלער:

— איהר פאַרשטעהט דאָך, מאָשקאָוויטש, אַז איך וואָלט אודאי געוואָלט שפּילען אין אָן אַנדער פּיעסע, ניט אין דעם... כפּעע! — טוט ער אַ כראַקע מיט אַ מין ווילדער קראַפט, און צינדט זיך מיט אַמאָל אָן: — שטיקער פלייש פאַלען דאָך פון מיר!...

און ער טוט זיך אַ קעהר צו מיר:

— פאַרוואָס האָט איהר ניט אָנגעשריבען עפּעס אַ פּיעסעלע, עפּעס אַ ריכטיגע? וואָס טויג אייך צו שרייבען וועגען אַרבייטער, וועגען סטרייקער, — ווער אינטערעסירט זיך מיט זיי?

מישט זיך אריין מאָשקאָוויטש:

— וואָס רעדט איהר, קעסלער? האָט איהר געהערט וועגען הויפּטמאַנ׳ס „וועבער"? אויך אַן אַרבייטער פּיעסע און אַ סטרייק קומט דאָרט פאָר, און די גרעסטע דייטשע אַקטיאָרען שפּילען אין איהר, און זיי רעדען דאָרט אויך אַ מין לשון, ווי דאָש, וואָש, לאָזש!..

בלייבט קעסלער שטעהן מיט זיינע גרויסע אויגען אויסגע־גלאָצט אויף איהם. קאָנטיג געווען, אַז דער דאָזיגער אַרגומענט האָט געווירקט אויף איהם. דאַן טוט ער אַ ציה מיט די אַקסלען און מאַכט:

— חטאָנ׳טי, אפשר זענט איהר גערעכט. מיין גראָבער קאָפּ מוז עס הערען נאָך אַמאָל. גוט, איך וועל היינט בלייבען הערען נאָך אַמאָל די פּיעסע.

און ער קוקט שוין אויף מיר פריינדליכער און נעהמט שוין ביי מיר אַ סיגאַרעטעל.

איך דערפיהל זיך אויך פרייער מיט איהם. איך פרעג איהם, וואָס פאַר אַ מין כאַראַקטער שטעלט ער פאָר אין דעם דאָזיגען גרים.

צולאַכט ער זיך:

— אין דעם מייסטערווערקעניו שפּיל איך שוין גאָר אַ פּיי־נעם כאַראַקטער. פאַרגעסט ניט, אַז זיגמונד פיינמאַנ״קע איז דער פּאַרפאַסער. האָט איהר געזעהן, וואָס פאַר אַ קניע ער האָט?

מאָשקאָוויטש לאַכט אויך.

פרעג איך ווידער:

— דאָך, וואָס שטעלט איהר פאָר אין דעם גרים?

ענטפערט ער:

— אַ קוילעטש־פלעכטער. אין דעם גרים פלעכט איך אַ קוילעטש פון גייצען...

קוק איך איהם אָן.

צולאַכט ער זיך נאָך העכער:

— וואָס קוקט איהר אַזוי אויף מיר? איהר פאַרשעהט ניט? פרעגט מאָשקאָוויטש׳ען. אָט פון די גייצען, וואָס פיינמאַן האָט אַרויסגעצויגען פון זיינע קניע, פלעכטען מיר אַ קוילעטש...

דערווייל זאָגט מען איהם אָן, אַז ער דאַרף באַלד אַרויפגעהן

אויף דער ביהנע. מאָשקאָוויטש האַלט אַ צייטונג אין די הענט, טוט זיך קעסלער אַ כאַפּ צו איהם:

— גיט מיר די צייטונג, מאָשקאָוויטש!

— וואָס דאַרפט איהר די צייטונג, קעסלער!

— גיט אַהער. איך וויל עפּעס אויפטאָן אין דער ראָלע'ניו!

כאַפּט אַרויס ביי מאָשקאָוויטש'ען די צייטונג פון די הענט, רייסט אָפּ שטיקלאַך פון איהר און קלעפּט זיי צום שטערען.

שרייט צו איהם מאָשקאָוויטש און לאַכט:

— מען דאַרף ניט, קעסלער. עס וועט ווידער זיין אַ סקאַנדאַל.

ענטפערט קעסלער:

— זאָל פיינמאַנקע אַ טאַנץ טאָן!

דעם העלד, וואָס קעסלער שפּילט, דאַרף מען אַרויספיהרען אויף דער ביהנע אין קייטען געשמידט פון אַ געפענגניש. קומען צו צו קעסלער'ן צוויי וועכטער מיט קייטען, וואָס זיי דאַרפען איהם שמידען די הענט. מאַכט צו זיי קעסלער:

— אַוועק, ממזרים!

זיי דערזעהען די שטיקלאַך פּאַפּיר, וואָס באַדעקען זיין גאַנ־צען שטערען, און זיי צולאַכען זיך אויך.

דאַן לאָזט זיך געהן קעסלער צו דער ביהנע מיט פאַרטראַכטע טריט און פאַרטאָן אין זיך, ווי האַמלעט בעת זיין באַוואוסטען מאָ־נאָלאָג: „זיין אָדער ניט זיין". אין די הענט האַלט ער נאָך אַ שטיק פון דער צייטונג.

מאָשקאָוויטש און איך קוקען איהם נאָך פון הינטער די קולי־סען. ער זאָגט מיר שטיל, שטיקענדיג אין זיך דעם געלעכטער:

—קוקט איהם אָן, אָט דאָס איז קעסלער, ווען ער הויבט אָן צו רעוואָלטירען געגען אַ פּיעסע, וואָס איהם געפעלט ניט. און איהר זעהט דעם אַלטען דאָרט, וועלכער האָט זיך אָנגעכאַפּט פאַר'ן קאָפּ און שאָקעלט זיך, ווי אין אַבל? — דאָס איז פיינמאַן! זעהט, ווי ער בעט זיך ביי קעסלער'ן אויף שטום־לשון, אַז ער זאָל ניט מאַכען זיינע שטוקעס.

איך הער, ווי פיינמאַן זאָגט זיין „פּראָזע", שטויס איך זיך אָן,

אז ער שטעלט פאַר קעסלער׳ס פאַטער, וועלכער בעט דאָרט ביי א ריכטער פאַר זיין זוהנ׳ס לעבען.

קעסלער אַליין שטעהט דערוויל מיט דעם רוקען צו דעם ריכטער. רייסט ווייטער שטיקלאך פון דעם שטיק צייטונג, פאַטשט זיי צום שטערען מיט אַ געפּילדער, דרעהט מיט דער צונג און גלאָצט מיט די אויגען. און ביי יעדען פּאַטש פון קעסלער׳ן, וואָס הילכט אָפּ אויף זיין שטערען, ציטערט אויף פיינמאַן, קוקט זיך אום אויף איהם, שאָקעלט דעם קאָפּ און אויקעט... די איבעריגע אַק־טיאָרען און אַקטריסעס אויף דער ביהנע, אין איינעם מיט׳ן ריכ־טער, שטיקען זיך פאַר געלעכטער.

און דאָ רופט מען קעסלער׳ן פאַר דעם ריכטער. ווי איך האָב זיך שפּעטער דערוואוסט פון מאַשקאָוויטש׳ן, האָט קעסלער דאַן געדאַרפט האַלטען אַ רעדע פאַר דעם ריכטער, פון וועלכער עס האָט זיך געזאָלט ארויסווייזען, אַז דער שולדיגער איז ניט ער, נאָר דוקא דער אינטריגאַנט, וועלכער האָט אויף איהם אויסגעטראַכט אַ בלבול. נאָך דער דאָזיגער רעדע האָט זיין פאָטער איהם געזאָלט פאַלען אויפ׳ן האַלז מיט אַ פריידענס־געוויין און, אויב איך האָב ניט קיין טעות, מיט די ווערטער:

— ווידער האבע איך מיין ערעלען זאָהן צוריק!

און דער פאָרהאַנג האָט געזאָלט פאַלען...

הקיצור, רופט מען קעסלער׳ן צום ריכטער, געהט ער ניט. נאָר דרעהט איבער דעם פאַרוק אויפ׳ן שטערען, מיט דעם הינטען אויף פאָרענט, און הויבט אָן צו וואָיען, ווי אַ הונט, און וואָיענדיג אַזוי אויף די העכסטע טענער, רעדט ער צום עולם זיין אייגענע פּראָזאַ, פון וועלכער מיר, וואָס שטעהען צווישען די קוליסען, שטיקען זיך פאַר געלעכטער.

ער וואָיעט:

— אַ פּובליקוניו אביסעל! זעה נאָר, זיי ווישען די אויגע־לאַך פון אזא קונצוניו. אָי, ס׳אַרא יאַשטשערקעס, ס׳אַרא פּיפּער־נאַטערס, פאַר וועמען מען דאַרף דאָס ווייזען דאָס קונצוניו!... אָי, אַ בראָך איז צו מיר, און מאַשקאָוויטש וויל, אַז מען זאָל זיי גע־

בען הויפּטמאַנ׳ס „וועבער״ — טוט ער אַ לאָז זיין קול צו די קולי־
סען צו, וואו מיר שטעהען.

פיינמאַן קוקט אויף איהם מיט פאַרצווייפלונג און סאָפּעט, ווי
אַ פאַראָוויק.

ער רעדט צו איהם עפּעס, טופּעט מיט די פיס, עס העלפט ניט.
ביז קעסלער טוט זיך אַ קעהר צו איהם און מיט אַ ווילדען וואָיען
שרייט ער אויס, צושפּרייטענדיג פאַר איהם זיינע אָרעמס:

— טאַטוניו פון דעם מייסטערווערקוניו, מען דארף דאָך שוין
ענדיגען דעם אַקטוניו, טו שוין אַ פאַל, אין דר׳ערד אריין, אויף
מיין האַלז!

פיינמאַן האָט זיך ניט געקענט העלפען און זיך געוואָרפען
איהם אויפ׳ן האַלז.

דער פאָרהאַנג איז געפאַלען, דאָס פּובליקום האָט מיט באַגיי־
סטערונג אַפּלאָדירט.

פיינמאַן האָט זיך צושריען אויף קעסלער׳ן. קעסלער האָט
גוטמוטיג געלאַכט.

דאַן האָט ער זיך אָנגערופען:

— האָט איהר געזעהן אַ פּובליקוניו? דארף מען פאַר דעם
האָבען לייטישע פּיעסען? מען וואָיעט, מען ברוקעט, מען פלעכט
אַ קוילעטש פון גייצען, און עס אַפּלאָדירט!

נאָך דער פאָרשטעלונג האָב איך פאַר זיי אַלעמען געלייענט
מיין פּיעסע.

3.

ווי אַזוי איך האָב די פּיעסע געלעזען. — ווי אַזוי הויפּטמאַנ׳ס „וועבער״ האָבען מיר ארויסגעהאָלפען און ווי אַזוי מען האָט די פּיעסע געשפּילט.

איך געדענק נאָך אַזוי קלאָר יענע מיטען־נאַכטיגע פאָרלעזונג
אין טהאַליאַ טעאַטער נאָך דער פאָרשטעלונג.

ארום אַ טישעל אויף דער ביהנע זיינען געזעסען קעסלער, מאָ־
גולעסקאָ, פיינמאַן, מאָשקאָוויטש און נאָך אַנדערע און האָבען גע־
הערט, ווי איך האָב פאָרגעלעזען מיין „איסט סייד גהעטאָ״.

קעסלער האָט זיך איצט גאַנץ אַנדערש צוגעהערט, ווי ביי מאַדאַם ליפּצין אינ'ם הויז.

ער האָט ממש אָנגעקוואָלען פון יעדער סצענע, פון יעדען פּערזאָן אין דער פּיעסע, באַזונדערס פון דעם אַרבייטער מאַטקע באַס, און נאָכאַנאַנד האָט ער זיך אַ קעהר געטאָן צו מאַגולעסקאָ'ן און איהם ערקלעהרט, וואָס פאַר אַ גוטע ראָל דאָס איז פאַר איהם.

מאַגולעסקאָ האָט צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ, אָבער אָהן התפּעלות. און צייטענווייז האָט זיך מיר גאָר אויסגעוויזען, אַז באמת לאַנגווײַלט איהם די פּיעסע, נאָר, זעהענדיג, אַז קעסלער און מאָשקאָוויטש זיינען באַגייסטערט פון איהר, און אַז פיינמאַנ'ען געפעלט זי אויך, האָט ער קיין מוט ניט געהאַט צו זאָגען, אַז איהם געפעלט זי ניט.

נאָר איינמאָל — דערמאָן איך זיך — האָט ער זיך אָנגערופען:

— אביסעל צו האַרטע עברי...

און קעסלער האָט איהם געענטפערט מיט אַ גאַנצער לעקציע (די לעקציעס זיינען שטענדיג זיין שוואַכקייט געווען):

— וואָס רעדסטו? — האָט ער, אומגעפּעהר, געזאָגט — נעהם, צום ביישפּיל, הויפּטמאַנ'ס „וועבער", יו סי? וואָס איז דאָרט? אויך האַרטע עברי. ניט קיין „מאָנד" און ניט קיין „זאָנע", אַן אַרבייטער־פּיעסע, אַ סטרייק, יו סי? אַזוי, ווי צום ביישפּיל, אין וואַגנער'ס מוזיק: דררום! דררום! הול־ל־ל! הול־הול־הול! האַרט, שטאַרק! מיט אַ האַמער איבער'ן קאָפּ און איבער'ן האַרצען! קיין טרו־ליו־ליו פון אַ פליים פּאַסט דאָרט ניט. סטרייק, קאַמף, דאַרף דאָס געהן — דרררום! דרררום! אָט אַזוי ווי אין די „וועבער"...

קאָנטיג געווען, אַז מאָשקאָוויטש'עס אַרגומענט וועגען הויפּט־מאַנ'ס „וועבער" האָט זיך איהם טיף איינגעגעסען אין קאָפּ. שוין אַזאַ טבע האָט קעסלער אַלע מאָל געהאַט: האָט ער זיך עפּעס אַריינגענומען אין קאָפּ, איז געווען פאַרפאַלען. צי איז דאָס פאַר איהם געווען קלאָר צי טונקעל (ס'רוב טונקעל), ער האָט פון דעם בסדר גערעדט, האָט עס ערקלערט אויף זיין באַזונדערען שטייגער,

געוועהנליך צעפּלאָנטערט, ניט קלאָר, אָבער שטענדיג אינטערע־סאַנט מיט זיין אייגנאַרטיגקייט.

ווען איך בין פאַרטיג געוואָרען מיט דעם לעזען, האָט קעסלער ווידער אַ פּאָר מאָל דערמאָנט הויפּטמאַנ׳ס „וועבער", און דער סוף איז געווען, אַז איך האָב פאַר מיין פּיעסע באַקומען דעם העכ־סטען פּרייז, וואָס אַן אידישער פּאַרפאַסער האָט אין יענער צייט זיך געקאָנט ווינשען — 250 דאָלאַר...

די „פּראָבעס" פון מיין „איסט סייד גהעטאָ" הויבען זיך אָן. יעדער אַקטיאָר און יעדע אַקטריסע, וואָס שפּילט דאָרט, איז גע־בענשט מיט טאַלאַנט. קעסלער, מאָגולעסקאָ, פיינמאַן, מאָשקאָ־וויטש, מאַדאַם קאַליש, מאַדאַם אַבראַמאָוויטש און מאַדאַם ווילענ־סקי — זיי אַלע האָבען דאָרט היבשע ראָלען.

זיי באַציהען זיך אַזוי ערנסט צו זייערע ראָלען און צו זייער שפּילען, אַז נאָך דער פּראָבע אין טעאַטער קומען אַזוינע טאַלאַנ־טען, ווי מאַדאַם קאַליש און מאָשקאָוויטש, צו מיר אַהיים, ערגעץ אויף דעם פערטען שטאָק אין גאָווערניר סטריט, כדי איבערצו־געהן מיט מיר נאָכאַמאָל זייערע ראָלען... (פון די היינטיגע אַק־טיאָרען און אַקטריסעס וואָלט זעלטען ווער דאָס געטאָן).

נאָר איין איינציגער איז ניט צופרידען מיט זיין ראָל — און דאָס איז מאָגולעסקאָ.

ער שפּילט דאָרט דעם שלים־מזל׳דיגען אַרבייטער מאָטקע באַס, שלעפּען זיך איהם שטענדיג נאָך ווערטער בשעת ער רעדט, ווי, למשל: „האָב איך געהאַט, האָב איך"; אָדער: „אַז איך זאָג דאָך, אַז"...

טענה׳ט מאָגולעסקאָ, אַז ער קאָן ניט איינבייסען די עברי; אַז ער פּיהלט, ווי אַן עק וואָלט זיך איהם שטענדיג נאָכגעשלעפּט אינ׳ם מויל...

ער האָט אָבער די „עברי" איינגעביסען און אַ גרויסען פּוראָר געמאַכט אין „מאָטקע באַס". ווי אַזוי דאָס איז געשעהן, וועל איך דערצעהלען, ווען איך וועל ריידען וועגען איהם, מאָגולעסקאָ׳ן.

* * *

איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסען יענעם „טהענקסגיווינג״ אָוונט פון 1898, ווען עס איז פאָרגעקומען די ערשטע פאָרשטע־לונג פון מיין „איסט סייד גהעטאָ״.

פאַר יענער פאָרשטעלונג האָב איך און מיין פרוי פאַרבראַכט ביי דער באַריהמטער מיסס ליליען וואלד, אין הענרי סטריט סע־טעלמענט הויז,ביים „טהענקסגיווינג״־דינער.

דערנאָך זיינען מיר, צוזאַמען מיט מיסס וואלד און איהרע אַנדערע געסט, צווישען וועלכע עס זיינען אויך געווען צוויי ענגלי־שע שריפטשטעלערינס, אַלע אוועק אין טהאַליאַ טעאַטער.

דער פאָרהאַנג האָט זיך אויפגעהויבען. אַן אָרימע שטוב אין אַ טענעמענט הויז איז אויף דער ביהנע. חיה־שרה, אייבראַמ׳ס ווייב, ריכט זיך דאָרט אויף די געסט, וואָס איהר מאַן וועט ברענגען פון דער שוהל. שיינט דער שמחת־תורה ביי מאַדאַם אבראַמאָוויטש חיה־שרה׳ן אויף דעם פּנים. איהר יעדע מינע, דאַכט זיך, זאָגט: „אַ גוטינקער יום־טוב אונז אַלעמען!״

קומט אַרויף איהר שוועסטער (מאַדאַם ווילענסקי), אַ פאַר־ביטערט עלטערע מיידעל, און הויבט אָן אויסצורעדען פאַר איהר דאָס האַרץ און קלאָגט זיך אויף איהר טאָכטער עני׳ן, הלמאי זי לאַכט פון איהר.

מאַדאַם אבראַמאָוויטש ענטפערט איהר מיט אַזוי פיל האַר־ציגער גוטסקייט און נאַטירליכער איינפאַכקייט, אַז מען פאַרגעסט גאָר, אַז אַן אַקטריסע אויף דער ביהנע רעדט עס.

און דאָ ערשיינט עני (מאַדאַם קאַליש). און אַזוי ווי עס וואָלט נאָך ליכטיגער ,יום־טוב׳דיגער געוואָרען אויף דער ביהנע.

יונג און שלאַנק און שפּילעוודיג לויפט זי אַרויף אויף דער ביהנע, אַ שלאַנק גאַזעל אין וועלכער דאָס יונג בלוט האָט זיך צעשפּילט.

איהר קול איז פול מיט כשוף — ווי אַ העלער זילבערנער שטראָם הילכט ער און לאַסטשעט — און איהר לוסטיגקייט איז אַזוי קינדעריש־נאַאיוו.

איהר מאַמע (מאַדאַם אבראַמאָוויטש) קוקט אויף איהר מיט

הרחבה און איהרע אויגען קושען זי. איהר מוהמע, דאָס פאַר־ביטערטע, עלטערע מיידעל (מאַדאַם ווילענסקי) קוקט אויף איהר מיט אויגען, וואָס זיפּצען און קרעכצען פאַר קנאה...

דאַן צעקריגען זיי זיך — דאָס יונגע און דאָס עלטערע מיידעל.

און בשעת זיי ווערטלען זיך אַזוי — די יונגע אויף אַ קינ־דערש־נאַאיווען און צעבאַלעוועטען אופן, און די עלטערע אויף אַ פאַרביטערטען אופן, פול מיט גאַל — ערשיינט קעסלער־אייבראַם מיט אַ געשריי:

— חיה־שרה, די געסט קומען! האָסט אָנגעגרייט כיבוד?

איך דערקאָן איהם ניט. זיין גאַנג, זיין יעדע האַוואַיע, זיין קול, זיין אויסשפּראַך — אַלצדינג אין איהם איז דער טיפּישער אידישער אַרבייטער, וואָס איז אַהער געקומען פון דער ליטע, יענער סאָרט אַרבייטער, וועלכער איז אין־דערהיים געווען אַ קליינער הענדלער. קיין איין רגע מאַכט ער ניט דעם איינדרוק פון אַן אַק־טיאָר, וואָס שפּילט.

ער דערוויסט זיך, אַז זיין שוועגערין האָט זיך געקריגט מיט זיין עני׳ן, נעהמט ער זיך אָן פאַר זיין טאָכטער. בשעת דעם וויזט ער איהר אַרויס אַזוי פיל ליבע, אַז מען זעהט ממש, ווען ער זאָגט, אַז זי איז ביי איהם דאָס אויג פון׳ם קאָפּ, איז דאָס טאַקע אַזוי.

אויף זיין שוועגערין אָבער, דאָס עלטערע מיידעל, האָט ער אויך רחמנות; און דאָס דריקט ער אויך אויס אויף אַ מערקוויר־דיגען, איינפאַכען, קינסטלערישען אופן.

דאַן קומען אָן די געסט. זיי קומען אָן פון דער שוהל הוליענדיג, מיט אַ ניגון — אַלע באַשנאָסקעט. צווישען זיי מאָגולעסקאָ און פיינמאַן אויך.

און דאָ ערשט האָט זיך אָנגעפאַנגען דאָס ריכטיגע שפּילען. מאָגולעסקאָ, פיינמאַן, קעסלער, מאָשקאָוויטש, מאַדאַם קאַליש און מאַדאַם ווילענסקי — אַרבייטער און אַרבייטער־מיידלאַך — און מאַדאַם אַבראַמאָוויטש, אַלע זיינען אויף דער ביהנע, און יעדער און יעדע פון זיי שפּילט.

דער עולם איז הינגעריסען פון זיי. הוליען זיי, ווילט זיך

דעם, עולם אויך מיט זיי הוליען. אָט אָבער האָט לייזער־פיינמאַן (מיט זיין גרים און מיט זיין האַלטונג און מיט זיין יעדען קנייטש א מוסטער פון אַן אַרבייטער אַ באַוואוסטזיניגען יוניאָן־מאַן) זיך צערעדט אין גראַמען, אויף זיין שטייגער, וועגען זייער לאַגע אין שאַפּ, און מאָטקע־באַס־מאַגולעסקאָ, אַ שכור'ער, האָט גענומען דערצעהלען, ווי זיין בערעלע איז קראַנק געוואָרען און אויף קיין דאָקטאָר איז קיין געלד ניט געווען, „און בערעלע איז געשטאָרבען, בערעלע", און דערביי האָט ער זיך צעכליפּעט, האָט מען דערהערט פון אַלע זייטען צווישען דעם עולם אַ זיפצעריי. די פרעהליכע שטי־מונג איז מיט אַמאָל אַנגעזאַפּט געוואָרען מיט אַזאַ טרויעריגקייט...

און באַלד האָט ווידער אייבראַם־קעסלער אַ געשריי געטאָן:

— נו, וואָס האָט איהר זיך דערמאָנט? יום־טוב איז היינט! לחיים!

און ווידער איז פרעהליך געוואָרען.

ביז לייזער האָט ווידער גענומען רעדען וועגען שאַפּ, וועגען זייער לאַנדסמאַן דעם באָס און וועגען סטרייקען, דאַן האָט אייב־ראַם־קעסלער זיך אָנגענומען פאַר דעם באָס, און צום סוף האָט ער אַרויסגעטריבען זיין ברודער מיט זיינע אַנדערע געסט פון זיין שטוב.

דער אַקט האָט זיך געענדיגט מיט אַ קריג צווישען איהם און זיין בּאָרדער, אויך אַן אַרבייטער פון זיין שאַפּ, וואָס מאָשקאָוויטש האָט געשפּילט.

אין דער לעצטער סצענע האָבען אויך מיטגעשפּילט מאַדאַם אבראַמאָוויטש, קאַליש און מאַדאַם ווילענסקי, און זיי אַלע האָבען אַזוי קינסטלעריש געשפּילט, אַז דער עולם האָט גאָר ניט געוואָלט אויפהערען זיי צו אַפּלאָדירען.

בעסערע פּיעסען פון דער „איסט סייד גהעטאָ" האָט די אידי־שע ביהנע געזעהן, אָבער קיין בעסערען שפּילען זיכער ניט.

קעסלער־אייבראַם איז געווען אַ מייסטערווערק פון העכסטען ראַנג. די סצענע אין'ם שאַפּ, ווען ער דערוויסט זיך, פאַרוואָס זיין באָס, פון וועלכען ער האָט אַזוי געהאַלטען, האָט געגעבען מתנות זיין טאָכטער; דער צעטומעלטער געשריי פון זיינע אויגען;

זיין ארויסלויפען פונ'ם שאפ; זיין ארייגקומען אין הויז מיט דעם צעמישטען געשריי: „וואו איז דער בראָנזעלעט? חיה־שרה, דעם בראָנזעלעט אהער!"

און זיין ארייגוואַרפען איהם אין דעם ברענענדיגען אויווען און זיין צוזאמענברעכען דערנאָך איבער זיין טאָכטער, בשעת ער וויל זי שלאָגען, מיט א פארצווייפעלטען שלוכצען: „עני, וואָס האָט דער רוצח געהאט צו דיר?" — דאָס איז געווען אמת'ע שוישפּי־לערישע קונסט...

אזוי אויך אין דעם דריטען אקט, בעת ער איז געווען שכור. ווער קאָן פארגעסען זיין געשריי: „חיה־שרה, א גלעזעלע!"...

נאָר אמבעסטען איז ער געווען אין דעם לעצטען אקט, בשעת ער איז געזעסען פאר דעם ריכטער, פאר וועמען מען האָט אָנגע־קלאָגט דעם באָס. אזוי פיל שטילען צער, שאנד און דערשלאָ־גענקייט האָט אויסגעדריקט זיין יעדע האוואיע.

דער אויסדרוק פון זיינע אויגען, וואָס זיינען געווענדט געווען אין איין פונקט — אויף דעם ריכטער — ווער קאָן פארגעסען דעם דאָזיגען אויסדרוק?

4.

ווייטערע כאראקטעריסטיק פון קעסלער'ן. זייז באריהמטער „חטאַנ'טי".

זינט דער „איסט סייד גהעטאָ" איז ער מיין „שוואכקייט" געוואָרען, וועלכע האָט אָנגעהאלטען די גאנצע צייט כל זמן ער האָט געלעבט — באלד א פערטעל יאָהרהונדערט.

מיט דער אויסנאַהם פון א פּאָר פּיעסען, האָב איך כמעט אלע, וואָס איך האָב אינ'ם משך פון דער דאָזיגער צייט געשריבען, פריהער פאר איהם פאָרגעלייענט איידער פאר די אנדערע אקטיאָרען.

זעהר זעלטען איז איהם מיינע א פּיעסע געפעלען געוואָרען, ווען איך האָב זי פאָרגעלייענט פאר איהם. און דאָך, גלייך ווי איך האָב פארענדיגט א נייע, האָב איך איהם געלאָזט וויסען וועגען דעם, און באלד איז ער געווען ביי מיר אין דער היים און האָט די פּיעסע געהערט.

און ביז היינט איז דאָס פאַר מיר אַ רעטעניש, וואָס ער, וועלכער האָט געוועהנליך קיין געדולד ניט געהאַט אויסצוהערען אַ פּיעסע, איז שטענדיג געקומען אויסצוהערען מיינע, ווען נאָר איך האָב איהם באשטעלט.

און אַז איך האָב געענדיגט מיין פאָרלעזונג, האָב איך כמעט שטענדיג געזעהן דעם איינענעם באַקאַנטען ציה פון זיינע ברייטע אַקסלען, דעם פאַרבלאָנדזשעטען בליק ערגעץ העט־ווייט פון זיינע גרויסע אויגען און דעם גוט־באַקאַנטען וואָרט זיינעם, אַרויסגע־רעדט אין אַ טיפען, באַסאָווען טאָן, האָב איך געהערט:

— חטאָנ׳טי !...

און דער דאָזיגער „חטאנ׳טי” זיינער האָט שטענדיג געמיינט, אַז די פּיעסע איז איהם ניט געפעלען געוועזן.

ווען ער האָט געהערט אַ פּיעסע פון אַן אַנדער פּאָרפאַסער, אויב ער האָט זי נאָר אויסגעהערט ביז׳ן סוף, האָט ער זיין מיי־נונג וועגען איהר אויסגעדריקט אויף אַן אַנדער אופן: אַמאָל איינ־גאַנצען אָהן ווערטער, האָט זיך נאָר אויפגעהויבען פונ׳ם אָרט, אַריינגענומען אַ פינגער אין מויל און איהם אַ זויג געטאָן — און דאָס האָט געמיינט, אַז דער פאָרפאַסער האָט פון פינגער זיין פּיעסע אַרויסגעזויגען. און אַמאָל האָט ער געזאָגט:

— דאָס צאַפּענדעל זיינס האָט ער געעפּענט פון דער קניע !...

אָדער:

— געטראַכט מיט׳ן... מחילה... און אָנגעשריבען מיט די קני...

און ווען דער פאָרפאַסער איז געווען אַזאַ, פאַר וועמען ער האָט אינגאַנצען קיין דרך ארץ ניט געהאַט, האָט ער איהם געזאָגט אָהן צערעמאָניעס:

— ווער גע׳הרג׳עט, הער אויף צו פּאָמפּען דעם מאַרך פון דיינע קניע!

און עס האָט אויך געטראָפען, אַז ווי נאָר אַזאַ פאָרפאַסער האָט אָנגעהויבען צו לייענען זיין פּיעסע, איז קעסלער אומגעדול־דיג געוואָרען און האָט אָנגעהויבען צו מורמלען „זשי!” און נאָך איידער דער פאָרפאַסער האָט זיין ערשטען אַקט געענדיגט, האָט

קעסלער שוין געביסען זיין ארבעל און געהאַווקעט: האַוו, האַוו, האַוו!...

מיינע פיעסען אָבער האָט ער אָפּגע׳פּטר׳ט מיט איין וואָרט:

— חטאַנ׳טי!...

דער סך־הכל אָבער איז געווען אַלע מאָל דער אייגענער — די פיעסע איז איהם ס׳רוב ניט געפעלען געווען.

און עס האָט ניט געהאָלפען, ווען איהר האָט געפּרואווט איהם ערקלערען די פיעסע. ער האָט אייך דאַן איבערגעשלאָגען מיט זיינער אַ לעקציע, וועלכע האָט ס׳רוב ווייניג געהאַט צו טאָן מיט דער פיעסע, וואָס ער האָט געהערט. אָבער דאָס, וואָס ער האָט גערעדט, באַזונדערס ווי אַזוי ער האָט גערעדט, איז אַזוי אינטע־רעסאַנט געווען, אַז ווען ער האָט דערנאָך פאַרלאָזען מיין הויז, האָב איך כמעט אַלע מאָל מעהר געטראַכט וועגען דער אייגענאַר־טיגקייט פון דעם דאָזיגען מענשען, איידער וועגען דעם, הלמאי מיין פיעסע איז איהם ניט געפעלען געווען.

מיין פרוי האָט ניט געקאָנט פאַרשטעהן, ווי אַזוי איך, בטבע אַ מענש מיט ווייניג געדולד, האָב געקאָנט האָבען אַזוי פיל גע־דולד צו איהם.

און ניט איין מאָל, ווען ער איז געקומען הערען מיינע אַ פיעסע, האָט זי איהם געזאָגט:

— מיסטער קעסלער, וואָס דאַרפט איהר הערען די פיעסע? זאָגט בעסער איצט אָפּ אייער „חטאַנ׳טי” און פאַרשפּאָרט דאָס לייענען.

האָט ער זיך אַמאָל גוטמוטיג צעלאַכט און געענטפערט:

— נו, וואָס קאָן איך טאָן? יו סי? אַ קאָפּ מיט קלאָטשע אָנגעשטאָפּט. זאָל איך איהם באַגראָבען, אין דר׳ערד אריין, וואָס?

און אַן אַנדערש מאָל, אַז זי האָט עס איהם געזאָגט, האָט ער זיך פאַרענטפערט פאַר איהר:

— מיינט נאָר ניט, יו סי? הלואי עפּעס אַ פיעסעלע, וואָס איך זאָל זעהן... פון אייער מאַן ערוואַרט איך אַזאַ פאַר מיר.

אפשר האָט ער דאָס מאָל אָנגעשריבען. יו סי? די אַנדערע ממזרים... מרס. קאָברין — האָט ער ביי אַזאַ געלעגענהייט געננ־מען אַמאָל רעדען כמעט מיט האַס — ווען איהר וואָלט געהערט זייערע פּיעסעניוס! צאַפּען פון די פינגער, פון די נעגעל, פון די קניע, גע'הרג'עט זאָלען זיי ווערען, און פליוך אין דער פּיעסעניו אַריין! ניט ווייס, ניט שוואַרץ, ניט בלוי, ניט געל, נאָר אַ קאָ־ליר פון... פּאַ—אַך! — האָט ער אַ כראַקע געטאָן.

נאָך אַזאַ מין שמועס האָב איך פאַר איהם געלייענט מיין נייע פּיעסע, און איך האָב געזעהן, ווי שווער ער שטרענגט זיך אָן צו הערען, וואָס איך לייען. אַמאָל האָט ער אויסגעטאָן דעם ראָק און די וועסט, ווען איך האָב פאַר איהם געלייענט, אַזוי ווי ער וואָלט געוואָלט פרייער מאַכען דעם וועג צו זיין האַרצען. און איינ־מאָל אפילו האָט ער די שיך אויסגעטאָן, בשעת איך האָב פאַר איהם געלייענט. האָט זיך דערביי אַנטשולדיגט פאַר מיין ווייב:

— יו סי? — אפשר איז דאָס אַ סגולה פאַר מיין פאַרשטאָפּ־טען קאָפּ. ביי גאַד, אַי עם — יו סי? — פרענק וויט יו... אָפען־האַרציג מיט אייך — —האָט ער גערעדט מיט דער גרעסטער ערנסטקייט — עס נעהמט מיך ניט... איך פיהל ניט... איך זעה ניט... אפשר טאַקע קלאַטשע אינ'ם קאָפּ! — האָט ער זיך אַ פּאַטש געטאָן אויפ'ן שטערען.

דערנאָך האָט ער זיך אָנגעשפּאַרט מיט ביידע עלענבויגענס אָן טיש, אַריינגענומען צווישען ביידע הענט דעם קאָפּ, אָנגעשטעלט אויף מיר זיינע גרויסע אויגען מיט אַן אָנגעשטרענגטען בליק און עס איז קאָנטיג געווען, אַז ער ווענדט אָן אַלע זיינע כחות אריינ־צולעבען זיך אין דעם, וואָס איך לייען...

באַלד אָבער האָט זיך אַ דרימעל צעצויגען אין זיינע אויגען, צי גאָר אַ חלום האָט דאָרט אויפגעטויכט —

און דער סוף? אַ ציה פון די ברייטע אַקסלען און דער „חטאָנ'טי!"...

אַנדערע פון מיינע פּיעסען האָט ער אַ צוויי־דריי מאָל געהערט, איידער איך האָב זיי פאַר אַנדערע אַקטיאָרען געלייענט.

אזוי האָט ער דעם „פארלאָרענעם גן־עדן" — וואָס אויף דעם סוזשעט פון דער דאָזיגער פּיעסע האָט מיך אָנגעשטויסען אַ מעשה, וואָס ער אַליין האָט מיר דערצעהלט, — צוויי מאָל געהערט לייענען. „שונאים" — צוויי מאָל. „ישראל'ס האָפנונג" — דריי מאָל, און „יאַנקעל בוילע" — די פּיעסע, וואָס איך האָב לכתחילה פאַר איהם געשריבען — ניט ווייניגער פון צ ע ה ן מאָל.

(ווי אַזוי ער האָט, צום סוף, דאָך אויפגעפיהרט „יאַנקעל בוילע" אין 14 יאָהר שפּעטער, וועל איך דערצעהלען אין אַ שפּע־טערדיגען קאַפּיטעל).

ער האָט קיינמאָל ניט פאַרשטאַנען קיין פּיעסע, בעת מען האָט זי פאַר איהם פאָרגעלייענט. אפשר דערפאַר, ווייל ער האָט קיין געדולד ניט געהאַט זיך צו אָריענטירען אויף די מענשען און דער האַנדלונג. אפשר דערפאַר, ווייל די פאַנטאַזיע זיינע, וועלכע האָט זיך שטענדיג געטראָגען, ווי אַ ווילדער, היציגער לאָשאַק, אין אַן אייגענאַרטיגער וועלט פון קאָלירען און קלאַנגען, האָט זיך ניט גע־לאָזט צוימען און איז פאַרביינגעפלויגען די וועלטען, וועלכע די פּיעסען האָבען דאָרט געעפענט.

עס איז אַ פאַקט, אַז כמעט אַלע פּיעסען, אין וועלכע ער האָט געהאַט ערפאָלג, זיינען איהם לכתחילה ניט געפעלען געוועזען, בעת ער האָט זיי געהערט לייענען. ערשט דאַן, ווען ער איז ארויסגע־טראָטען אין זיי אויף דער ביהנע, האָט ער זיך אין זיי דערפיהלט. און האָט ער זיך אין זיי דערפיהלט, האָט ער זיך דאַן אָנגעצונדען. דעמאָלט האָט זיין שפּילען מיט גייסט געשפּריצט, קאַפּריזנע און שוימענדיג, ווי שאַמפּאַניער.

מיר איז ער געווען זעהר נאָהענט. איך האָב איהם ליב געהאַט. מעהר ליב געהאַט, איידער וועמען ניט איז אויף דער אידישער ביהנע.

איך האָב ליב געהאַט דעם גרויסען אַרטיסט אין איהם, אָבער נאָך מעהר דעם געזונטען מענשען אין איהם, דעם נ אַ ט ו ר־

מ ע נ ש, וועלכער האָט זיך שטענדיג געוויזען נאָר אין דער גע־שטאַלט, ווי אַזוי גאָט האָט איהם באַשאַפען. קיין גרים, קיין פיי־גענבלאַט — דאָס האָט דער כאַראַקטער פון דעם נאַטור־מענש מיט'ן אַרטיסטישען טעמפּעראַמענט ניט געקאָנט פאַרטראָגען.

דערפאַר איז ער אַמאָל געווען נאַאיוו און גוטמוטיג, ווי אַ געזונט קינד, און אַמאָל צעררייצט און ברוטאַל. גאַנץ אָפט איז ער געווען ניט אַרומגעהובעלט, גאַנץ אָפט האָט ער ארויסגעוויזען אַ שווערען כאַראַקטער, אָבער שטענדיג איז ער געווען אויפריכטיג.

ער האָט קיינמאָל ניט געזוכט צו „שפּילען" אינ'ם לעבען דעם בעסערען און שעהנערען מענשען. ער האָט קיינמאָל ניט געזוכט אינ'ם לעבען דעם עפעקט.

האָט ער עפּעס ליב געהאַט, האָט ער דאָס ארויסגעוויזען. האָט ער עפּעס פיינט געהאַט, האָט ער דאָס ווידער ארויסגעוויזען.

האָט זיך איהם עפּעס געבאַמבעלט אינ'ם מוח, אַ געדאַנק אָדער אַ מיינונג, האָט ער דאָס געמוזט אויסדריקען, ווי די הוהן, די קוואָטשקע, מוז איהר איי לייגען, און האָט עס אויסגעדריקט גאַנץ אָפט אויף דעם נאַאיווסטען שטייגער, דערפאַר אָבער כמעט שטענדיג אַזוי אָריגינעל, אַזוי אייגענאַרטיג, דורך ווערטער, וואָס זיינען פול מיט פאַרבען און קלאַנגען געווען.

מיר פאַלט איין, אַז די ערשטע נאַטור־מענשען, וואָס האָבען דערפיהלט פאַרבען און קלאַנגען, האָבען געמוזט זיין פון זיין מין...

האָט ער געשפּילט אַ פּיעסע, וואָס איז איהם געפעלען געווען, איז ער באַגייסטערט און גליקליך געווען. און יעדער אַפּלאָוז פון פּובליקום איז איהם טייער געווען. זיין פּנים האָט יום־טוב'דיג געשטראַהלט און צו זיינע מיטשפּילער האָט ער זיך באַזונדערס פריינדליך פאַרהאַלטען און אונטערגעגעבען זיי חשק: „פיין, פיין!" און דעם פאַרפאַסער פון דער פּיעסע האָט ער אויפריכטיג ליב געהאַט.

האָט ער אָבער געשפּילט אַ פּיעסע, וואָס איז איהם ניט געפעלען געווען, איז ער צעררייצט געווען און פאַר קיינעם קיין

גוט וואָרט ניט געהאט. די אקטיאָרען זיינען ביי איהם דעמאָלט געקראָכען ווי „יאשטשערקעס" מיט „פיש־אויגען"... און יענע אקטריסע, געוועהנליך, די „סטאריכע", האָט געהאט „גלעזערנע פיס" און גערעדט ווי „אַ לעבערדיגער קאָלאָש, וואָס האָט זיך אָנגעזופּט מיט בלאָטע, בעת מען טרעט ארויף אויף איהם"...

און דאָן האָט ער אָפּט אין מיטען שפּילען איבערגעדרעהט דעם פּארוק מיט'ן הינטען אויף פּאָרענט, ווי אין פיינמאַנ'ס פּיעסע, האָט מיט איין האַלב מויל גערעדט צו די אַקטיאָרען: „זעהט נאָר אַ פּובליקוניו! און עס קוקט, און עס הערט, און עס לאַכט, און עס וויינט, און עס מיינט, אַז מען ווייזט עס דאָס קונצוניו!" און מיט'ן אַנדערען האַלבען מויל האָט ער גערעדט צום פּיבליקום, וואָס נאָר איהם איז אין מויל אריינגעפאַלען...

אַן אַנדערש מאָל האָט ער זיך מיט אַ כיוון צעהיצט און אָנגעהויבען צו זידלען דאָס פּובליקום אויף די העכסטע טענער, אויף זיין ביי־קול, וואָס האָט געקלונגען ווי אַ וואָיען, אַזוי, אַז דאָס פּובליקום האָט געמיינט, אַז דאָס שפּילט ער מיט אַזאַ פייער זיין ראָל און עס האָט איהם באַגייסטערט אַפּלאָדירט... דאַן האָט ער זיך אין מיטען וואָיען מיט אַמאָל צולאַכט צו די אַקטיאָרען:

— נו, גיב זיי דאָס קונצוניו!

און האָט ער געטראָפען דעם פאַרפאַסער פון דעם שטיק, האָט ער איהם געזאָגט:

— די פּיעסעניו געפעלט דעם ווערטען פּובליקוניו... געזונט זאָלען זיין די קניע, וואָס האָבען דעם מייסטערווערקעניו געשריבען, ביז... מאָרגען!

— קליאָטשע גיט ער מיר קייען... האָווקען זאָל איך... אויסדינען זאָל איהם דער מארך פון די קניע! איז ער מיט אַמאָל באַפאַלען דעם פאַרפאַסער.

אַזאַ פּיעסע, געוועהנליך, האָט לאַנג ניט געלעבט און אַזוינע פּיעסען האָט ער געננוג אויף זיין לעבען באַגראָבען. אַמאָל אָבער האָט ער אויך אַזוי אַ בעסערע פּיעסע באַגראָבען.

.5

אַן אומאַנגענעהמע ערפאַהרונג, וואָס איך האָב אַמאָל מיט איהם געהאַט.

עס האָט געטראָפען, ער שפּילט אַ פּיעסע הינגעריסען, מיט'ן גאַנצען פייער. מיט אַמאָל קומט ער צו צו אַ סצענע, וואָס איז איהם ניט צום הארצען, וועלכע ווייזט זיך איהם אויס משונה'דיג, און סטאָפּ!...

אַזוי ווי אַ צוויאַנגטער פערד וואָלט אין מיטען יאָגען זיך איבער אַ גלאַטען און פרייען וועג, זיך פּלוצים אָנגעשטויסען אָן אַ געמויערטער וואַנט.

ווילד איז ער דאַן געוואָרען. האָט ער געקאָנט יענע סצענע איבערשפּרינגען, האָט ער דאָס געטאָן. אַניט איז וועה געווען צו דער פּיעסע און צו איהר פאַרפאַסער. ער האָט סקאַוואַר־טשעט, גערעדט וואָס נאָר איהם איז אויפ'ן זינען ארויף — געוועהנליך, פּירושים איבער דער פּיעסע און דעם פאַרפאַסער — און אין מיטען דערינען האָט ער געהייסען דעם פאָרהאַנג ארונ־טערלאָזען.

אַזאַ ערפאַרונג האָב איך מיט איהם אַמאָל אויך געהאַט, וועלכע האָט זיך געענדיגט מיט אַ סקאַנדאַל צווישען מיר און איהם הינטער די קוליסען, ווען ער איז ארויסגעטראָטען צום ערשטען מאָל אין מיין פּיעסע „צוריסענע קייטען", אין דעם אַמאָליגען ווינדזאָר־טעאַטער.

יענע פּיעסע, איינע פון מיינע ערשטע, וועלכע אגב איז ווי געשאַפען געווען פאַר זיין טאַלאַנט, האָט ער פריהער צוויי מאָל געהערט לייענען און ביידע מאָל איז זי איהם ניט געפעלען געווען.

און ניט געפעלען איז זי איהם געווען מחמת אַ סצענע, די הויפּט־סצענע אין דעם דריטען אַקט, וועלכע האָט דוקא אויס־געדריקט דעם עצם־געדאַנק פון דער פּיעסע.

יענע פּיעסע פּראָוווט באַהאַנדלען די פראַגע וועגען דעם באַגריף פון מאָראַל אין אונזער געזעלשאַפט, וועלכער איז אַ גאַנץ אַנדערער פאַר דער פרוי ווי פאַר דעם מאַן.

אַ מאַן ווערט דאָרט ארויסגעפיהרט, וועלכער איז אײנ־

גאַנצען געזונטער גוף און יצר־הרע. ער האָט די מעגליכקייט צו געניסען פון דעם לעבען און ער געניסט פון איהם מיט דער גאַנ־צער זשעדנעקייט פון זיין געזונטער און ליידענשאַפטליכער נאַטור.

ער יאָגט זיך נאָך די פּרויען, אַפילו נאָך דער שעהנער דינסט אין זיין הויז. נעבטיגט זעלטען אין דער היים און באַ־ריהמט זיך כסדר פאַר זיינע מענשען מיט זיינע „פּרעפּעטשקעס" און מיט דעם, וואָס ער שפּילט אין קאָרטען מיט דעם פּאָליצ־מייסטער.

דאָך האַלט מען איהם פאַר א חשוב'ן מענשען. מען קומט צו איהם נאָך טובות; מען זוכט זיין פריינדשאַפט; מען קלייבט איהם אַפילו אויס פאַר א „טשלען" אין דער אופּראַווע פון זיין שטאָדט.

זיין אייגענע יונגע פרוי פאַרנאַכלעסיגט ער אינגאַנצען. זי ליידט.

נאָר איין מאָל טרעפט זי זיך מיט אַן אינטעליגענטען יונגען מאַן, וועלכער מאַכט אויף איהר אַן איינדרוק. זי אויף איהם — אויך. זיי פאַרליבען זיך.

און אַז ער, איהר מאַן, דערוויסט זיך שפּעטער וועגען דעם, הויבט ער אויף א גוואַלד: וואָס הייסט, א פאַרהייראַטע פרוי זאָל זיך פאַרליבען אין א פרעמדען מאַן! ווי אַזוי האָט זי זיך דאָס דערוועגט צו טאָן, א מאַמע פון א קינד!...

אָט די דאָזיגע לעצטע סצענע איז דער „קלימאַקס" אין דער פּיעסע.

אוןביידע מאָל, ווען איך האָב פאַר קעסלער'ן געלייענט די פּיעסע, האָט ער ביי דער דאָזיגער סצענע אויסגעפּוטשעט אויף מיר די אויגען, געמורמעלט „זשי", געדריקט די אַקסלען און, צום סוף, ארויסגעזאָגט זיין „חטא'נטי!"

עס האָבען ניט געהאָלפען די טענות, אַז די דאָזיגע סצענע דריקט אוים די אידעע פון דער פּיעסע. ער האָט גערעדט זיינס:

— אַזאַ חזיר, אַזאַ הונט, אַזאַ לאַפּאַצאַן, ער טוט אַלעס,

און אז זיין ווייב פארליבט זיך אזוי אומשולדיג... וואס הייסט? ווען איך זאל דאס ארויסהאווקען, וואס ער האווקעט דארט, וועט דאך דאס פובליקום מיך אויסלאכען, ווי א ליץ!...

און איז ביידע מאל אוועק מיט „חטא'נטי"...

דער פארשטארבענער פינקעל איז דאן געווען אין ווינדזאר טעאטער, האט ער די פיעסע געקויפט און זי אויפגעפיהרט מיט אנדערע אקטיארען. זי האט קיין ערפאלג ניט געהאט.

אין א יאהר שפעטער קומט אן אין ווינדזאר טעאטער קעסלער. פינקעל וויל אויפלעבען מיין פיעסע מיט איהם, רעדט ער איהם איין, אז ער זאל אין איהר אויפטרעטען.

גע'פועל'ט ביי איהם.

אלס זיין ווייב שפילט מאדאם עפשטיין. פינקעל אליין, זעהר א פעהיגער אקטיאר, שפילט אויך.

די פראבען הויבען זיך אן. ווידער די אייגענע געשיכטע... ביז דער דאזיגער סצענע אין דעם דריטען אקט האט קעסלער הנאה פון זיין ראל. נאר קומט ער צו דער סצענע, איז טפרו! שטעלט ער זיך אפ, גלאצט אויס זיינע גרויסע אויגען, קוקט אויף מיר, אויף די אקטיארען און רעדט ניט מעהר.

— מיסטער קעסלער, נו? — רעדט צו איהם פינקעל.

— חטא'נטי! סיידען דער קאפ איז ביי מיר פארשטאפט מיט קליאטשע! — טוט ער זיך א פאטש אויפ'ן שטערען. — מען וועט דאך מיך אויסלאכען, אין דר'ערד אריין!...

שרייט פינקעל צו איהם:

— דאס איז דאך וואס די פיעסע וויל אויסברענגען.

— דערפאר טויג זי דאך אין דר'ערד אריין. יו סי? איך, אזא לאפאצאן, אזא הונט, אזא חזיר, דערזעה איך א ווייבעל, כאפט מיר די ניכפע, גע'הרג'עט זאל איך ווערען! וועל איך — יו סי? — מיט אמאל זיך אוועקשטעלען האווקען וועגען אנ־שטענדיגקייט צו מיין ווייב. זשי!...

טענה'ט ווידער פינקעל:

— אבער דאס איז דאך וואס די פיעסע וויל אויסברענגען...

ענטפערט איהם קעסלער מיט אַ גאַנצער לעקציע. ביז צום סוף מאַכט ער:

— נו, גוט, גוט. ווייטער, ווייטער, אין דר'ערד אַריין. צ'אַרייט. איהר ווילט? איכ'ל האַווקען!

ביי דער פאָרשטעלונג האָט ער זיך אין די ערשטע צוויי אַקטען געפיהלט ווי אַ פיש אין וואַסער. ער האָט ממש גע־שפריצט מיט לעבען און לוסטיגקייט. די טריט האָבען אונטער איהם געברענט.

ווי איך האָב שוין באַמערקט, איז דאָס געווען אַ ראָל, וואָס איז צוגעפּאַסט געווען צו זיין טאַלאַנט.

נאָך יעדען אַקט האָט דער עולם איהם באַגייסטערט אַפּ־לאָדירט.

און אַ גליקליכער האָט ער מיר די הענט געדריקט און גע־רעדט:

— יו סי? אז מען גיט מיר עפּעס צו טאָן? יו סי? — איהר זעהט?...

נאָר אָט שפּילט ער דעם דריטען אַקט. ער איז צוגעקומען צו יענער סצענע — סטאָפּ!

זיין ווייב, מאַדאַם עפּשטיין, וואַרט... דאָס איז אויך איהר הויפּט־סצענע... ער שווייגט!...

זיצענדיג אין לאָזשע, באַמערק איך, ווי זי, אַ צומישטע, ווינקט צו איהם, אַז ער זאָל רעדען. נאָר אָנשטאָט דעם קנייפּט ער זיך מיט ביידע הענט די באַקען און הויבט אָן צו שרייען אויף די אויבערשטע טענער, מיט אַ מין וואָיען:

— איך קען ניט זיין קיין ליז, גע'הרג'עט זאָל איך ווערען!

און מיט אַמאָל טוט ער זיך אַ קעהר צו איהר און הויבט אָן צו רעדען:

— אַזוי? פאַרליבט? צ'אַרייט! (עס האַנדעלט זיך אין רוסלאַנד). איך מעג זיין אַ חזיר, אַ הונט? מעגסטו אויך זיין אַ חזיר, אַ הונט. צ'אַרייט, איך ערלויב דאָס דיר!

און ער האָט אַ לאָז געטאָן אַ קול, ווי אַ דונער, הינטער די קוליסען:

— פאַרהאַנג, אין דר'ערד אריין!

און דער פאַרהאַנג האָט זיך ארונטערגעלאָזט...

איך לויף ארויף אויף דער ביהנע. עס ווערט צווישען אונז אַ סקאַנדאַל. דערביי ווערט אַ שטוהל צובראָכען...

טאַבאַטשניקאָוו (טאָביאַס) האָט יענעם אָוועגט געשפּילט דעם ליבהאָבער. טרעט ער ארוים אויף מאָרגען אין קעסלער'ס ראָל און שפּילט אָפּ די פּיעסע עטליכע וואָכען נאָכאַנאַנד מיט ערפאָלג.

אַ היבשע צייט דערנאָך זיינען מיר ברוגז געווען. אָבער מיינע פּיעסען האָב איך פאַר איהם ווייטער פאַרגעלעזען. די דאָזיגע פאַרלעזונגען, כל זמן מיר זיינען ברוגז געווען, זיינען אַלעמאָל פאָרגעקומען שוין ניט ביי מיר אין הויז, נאָר אויף אַ „נייטראַלער טעריטאָריע", ס'רוב ביי דר. אב. קאַספּע אין הויז.

צו יענע פאַרלעזונגען איז ער שטענדיג געקומען מיט נאָך עמיצען, ס'רוב מיט מאַשקאָוויטש'ן.

מאַשקאָוויטש איז אין יענער צייט צווישען אונז געווען אַ מין לעבעדיגער טעלעפאָן, דורך וועלכען קעסלער האָט גערעדט צו מיר און איך צו איהם.

זיין „חתא'נטי" האָט קעסלער דאָן ארויסגעשיקט צו מיר אויף מאַשקאָוויטש'עס אַדרעס, און איך האָב איהם אויך גע־ענטפערט אויף מאַשקאָוויטש'עס אַדרעס...

מאַשקאָוויטש'ן אַליין זיינען כמעט שטענדיג מיינע פּיעסען געפעלען געווען, אָבער ווירקען אויף קעסלער'ן האָט ער ניט געקאָנט.

דער נס, ווי מיט דער „איסט סייד גהעטאָ, האָט נאָכאַמאָל ניט פּאַסירט.

ער, קעסלער, איז געווען דער איינציגער צווישען אַלע אַקטיאָ־רען, וואָס איך האָב איהם אויף אַזאַ אופן געזוכט. נאָך די אַנדערע בין איך קיינמאָל ניט נאָכגעלאָפען מיט מיינער אַ פּיעסע. דאָס

איז אַלעמאָל געווען געגען מיין נאַטור... און ער האָט מיך הפנים אויך געזוכט. נאָר שטענדיג האָט זיך צווישען אונז אוועקגעשטעלט זיין „חטאַ'נטי", ווי אַ וואַנט!

אין דעם דאָזיגען „חטאַ'נטי" איז, דאַכט זיך, דער גאַנצער קעסלער געווען. אַמאָל האָט עס געקלונגען אַזוי קינדיש, אַזוי נאַאיוו און אַזוי טראַגיש, ווי עס וואָלט גערעדט: „נו, איך זעה ניט, איך פאַרשטעה ניט, וואָס קאָן איך העלפען?" און אַמאָל האָט עס געקלונגען ווילד, ברוטאַל און פאַר'עקשנ'ט, ווי עס וואָלט געזידעלט:

— אין דער ערד אריין, אַזאַ פּיעסעניו קאָן איך ניט פאַר־שטעהן!

און, דער עיקר, אויפריכטיג האָט עס געקלונגען...

פאַלש געגען זיך אַליין האָט ער קיינמאָל ניט געקאָנט זיין. עס האָט געטראָפען, אַז אַמאָל ביים לעזען, אָדער ביי דער פּראָבע, איז ער שטאַרק באַגייסטערט געוואָרען פון אַ פּיעסע און ער האָט געגוואַלדעוועט, אַז זי וועט „געהן" אַ גאַנצען סעזאָן; דערנאָך, אַז ער איז אין איהר אויפגעטראָטען און האָט דערפיהלט, אַז דאָס איז ניט דאָס, וואָס ער האָט געמיינט, האָט ער גלייך ביים שפּילען דאָס ארויסגעוויזען און אַליין באַגראָבען די פּיעסע...

פאַרקעהרט, ווען אַ פּיעסע ביים לעזען איז איהם ניט גע־פעלען געווען — און דאָס האָט כמעט שטענדיג געטראָפען — און ביים שפּילען האָט ער זי דערנאָך דערפיהלט און זי איז איהם געפעלען געוואָרען, האָט ער עס ווידער ארויסגעוויזען: האָט זיך אַלץ מעהר און מעהר צופלאַקערט און אַלץ בעסער געזוכט צו שפּילען.

און האָט מען איהם דאַן דערמאָנט, אַז די פּיעסע איז איהם פריהער ניט געפעלען געווען, האָט ער אויף דעם געענטפערט מיט קינדערשער חרטה:

— חטאַ'נטי!...

צווינגען זיך, פאַרשטעלען זיך, האָט ער קיינמאָל ניט גע־קאָנט. דאָס איז געווען געגען זיין נאַטור.

א כאַראַקטעריסטישע סצענע, פֿול מיט הומאָר, דערצעהלט מיר בעסי טאָמאַשעווסקי וועגען איהם, ווי אַזוי ער האָט אַמאָל געפּרואווט שפּילען זאַלאַטאַרעווסקי'ס „ישיבה־בחור". דער גאַנ־צער קעסלער לעבט־אויף אין דער דאָזיגער סצענע.

6.

ווי אַזוי קעסלער האָט אַמאָל געשפּילט דעם „ישיבה בחור".

דערצעהלט מיר בעסי טאָמאַשעווסקי:

— דאָס איז געווען אין יענער צייט, ווען אונזערע בעסטע אַקטיאָרען, וועלכע האָבען „ליטעראַטור" געשפּילט, זיינען אָפּט געווען אויף גרויסע צרות...

לאָזט זיך פֿון דאַנען אַוועק אויף דער פּראָווינץ א קינסט־לער־קאָמפּאַניע צו שפּילען גאָרדינ'ס רעפּערטואַר.

די הויפּט־אַקטיאָרען אין יענער קאָמפּאַניע זיינען קעסלער, מאָשקאָוויטש און טאָרענבערג — קינסטלער, וועלכע האָבען ליב געהאַט צו שפּילען אין דער בעסערער פּיעסע.

הײנט, אַז א קאָמפּאַניע פֿאָהרט ארוים אויף דער פּראָווינץ, שלעפּט זי מיט זיך גרויסע קופּערטען מיט זאַכען, אַמאָל אפילו פֿיהרט זי מיט זיך גאַנצע סצענערים פֿון א פּיעסע, וואָס זי האָט דאָ געשפּילט.

אין יענער צייט אָבער, — בפֿרט נאָך די ליטעראַרישע אַק־טיאָרען, — האָבען זיי ניט געהאַט וואָס צו פּאַקען אין גרויסע קופּערטען. און צו שלעפּען גאַנצע סצענערים פֿון דאַנען — פֿון דעם האָט קיינער אפילו ניט גע'חלום'ט.

איינגעפּאַקט די ביסעל אָרימקייט אין קליינע קעסטלאַך — די באָרד, דעם פּאַרוק, און די אנדערע פּאָר זאַכען, וואָס זיינען נויטיג, און גענומען די קעסטלאַך אין די הענט אריין, און מאַרש!

קומט די קאָמפּאַניע אין שיקאַגאָ. שפּילט „ליטעראַטור". איין פּיעסע אויפֿגעפֿיהרט פֿון גאָרדינ'ען — שלעכט. דער עולם קומט ניט. א קאַלטער ווינט בלאָזט אין דער קאַסע...

פיהרט מען אויף גאַרדינ'ס אַ צווייטע פּיעסע — עס העלפט ניט. די קאַסע איז אין גאַנצען פּאַרפרוירען...

די אַקטיאָרען הונגערען. אינ'ם האָטעל האָט מען אַנגע־באָרגט. זייערע „קעסטלאַך" זיינען דאָרט כמעט פאַר'משכנ'ט...

פאַלען די אַקטיאָרען אויף אַ פּלאַן: קעסלער זאָל שפּילען דעם „ישיבה בחור", וועט דאָס זיי ראַטעווען.

שטעהען צו צו איהם מאַשקאָוויטש און טאָרענבערג:

— קעסלער, מען דאַרף דאָך עסען. און אינ'ם האָטעל מוז מען דאָך אויך באַצאָהלען, אַניט וועט מען דאָרט פאַרהאַלטען אונזערע קעסטלאַך.

קורץ, מען האָט דאָס ביי איהם גע'פּועל'ט.

שטעלט מען אויף דעם „ישיבה בחור" און מען רעדט אויס מיט איהם אַפריהער:

— געדענקט־זשע, קעסלער, געשפּילט עס ערנסט, ווי קינסט־לער, ניט חוזק געמאַכט. פאַרגעסט ניט, מיר ווילען עסען...

ענטפערט ער זיי:

— צ'אָרייט! ציץ! ציץ! דינ'ט אַי פּראָמיסד? *) איהר'ט עסען! איהר'ט עסען! ציץ!...

דאָס טעאַטער איז געפּאַקט. אַ גרויסער עולם איז געקומען צו יענער פאָרשטעלונג, צו הערען, ווי אַזוי קעסלער וועט זינגען דעם קדיש אינ'ם „ישיבה בחור".

מאַשקאָוויטש שפּילט דעם אינטריגאַנט, מיט דער רויטער באָרד. טאָרענבערג — דעם בעל־עגלה, דעם רבי'ן, און קעסלער אַליין — דעם „ישיבה בחור".

אַלע אַקטיאָרען פרעהען זיך מיט דעם גרויסען עולם און באַמיהען זיך צו שפּילען וואָס בעסער און וואָס ערנסטער. זיי זיינען נאָר אומרוהיג וועגען קעסלער'ן — צי וועט ער זיך קאָנען האַלטען ערנסט...

ער קומט ארויף אויף דער ביהנע, אַנגעטאָן אין זיידענע

*) האָב איך אייך ניט געגעבען מיין וואָרט?

זאַכען און אין א לאַנגער קאַפּאָטע. דאָס פּובליקום אַפּלאָדירט איהם. ער טוט זיך א קעהר צו מאַשקאָוויטש'ן און זאָגט אויף די אונטערשטע טענער:

— זעה נאַר, זעה נאַר, גוואלד, ווי זיי האָבען זיך א ריהר געטאָן פון זייערע נעסטען, די יאַשצערקעס און די פּיפּערנאַטערס, אָנצוקוקען דעם „ישיבה בחור'ל!" (ווייזט אָן אויף זיך) קוק אָן א „ישיבה בחור'ל", מיט פּלייצקעלאַך און פּיסענוטשקעלאַך, א זוהנוניו דארף דאָס זיין, א קינדעלע, א יתומ'ל, גע'הרג'עט זאָל ווערען איציקעל! *)

ברעכט איהם אונטער מאַשקאָוויטש מיט געבעט אינ'ם קול:

— קעסלער, איך בעט אייך, איהר האָט דאָך עפּעס פאַר־שפּראָכען...

ענטפערט איהם קעסלער:

— ציץ! דינ'ט אי פּראָמיסד? צ'אָרייט! איהר'ט עסען!

א „ספּאָט־לייט" (פּראָדזשעקטאָר) דארף דאָ פאַלען אויף איהם. ער האָט די „ספּאָט־לייט" פיינט געהאַט. טוט איהם א זעץ דאָס דאָזיגע עלעקטריש ליכט אין די אויגען אריין, צאַפּעלט ער זיך אויף און ער צושרייט זיך:

— גע'הרג'עט ווער! נעהם אוועק די זון! איך וויל ניט שפּילען מיט דער זון!

לויפען צו צו איהם מאַשקאָוויטש און טאָרענבערג:

— קעסלער, האָט רחמנות...

ענטפערט ער ווידער:

— צ'אָרייט! ציץ! דינ'ט אי פּראָמיסד?

און ער הויבט אָן צו ריידען ערנסט זיין „פּראָזא". מאַש־קאָוויטש און טאָרענבערג היטען איהם. ביז עס קומט צו דעם פּלאַץ, וואו ער דארף זאָגען: „וואו איז מיין טאַטוניו? ווייסט ער ניט, אז זיין קינדעלע איז געקומען?" דאָ שטעלט ער זיך

*) איציק זאָלאָטאַרעווסקי, דער פאַרפאַסער פונ'ם „ישיבה בחור".

אָפּ און טוט זיך אַ פּיהר מיט אַ האַנט פונ'ם קאָפּ ביז צו די קני און מורמעלט ארוים אויף די אונטערשטע טענער:

— קינדעלע! ס'אַרא „קינדעלע!" איך געה מאַכען אַ גריבעלע, גע'הרג'עט זאָל ווערען איציקעל". (דאָס הייסט אַלץ איציק זאַלאָטאַרעווסקי, דער פאַרפאַסער פון דעם שטיק „דער ישיבה בחור").

צופּט איהם מאַשקאָוויטש פון איין זייט:

— קעפּלער!

און טאָרענבערג פון דער אַנדער זייט:

— מיר בעטען אייך!...

ענטפערט ער זיינם:

— ציץ! צ'אַרייט!...

און הויבט אָן ווידער ערנסט צו זאָגען די „פּראָזא". ער שפּילט אַזוי ערנסט ביז ער קומט צו די ווערטער: „ווייסט איהר דען ניט וואָס אַ קינד איז שולדיג זיין טאַטען?" (איידער ער הויבט אָן צו זינגען דעם קדיש).

די מוזיק שלאָגט אָן. ער טוט זיך אַ כאַפּ:

— נו, דאָס קדיש'ל... מאַך אויף, קינדעלע, דאָס צאַפּענדעל און לאָז ארוים אַביסעלע זיסקייט!...

מאַשקאָוויטש און טאָרענבערג זיינען שוין ווידער נעבען איהם.

— קעפּלער!...

— ציץ! צ'אַרייט! איהר'ט שוין עסען! — מאַכט ער און הוסט זיך אוים און גרייט זיך צו זינגען דעם קדיש.

ער הויבט אָן צו זינגען. זינגט מיט זיין דאַמאָלסט־וואונדערליכער שטים און רייסט זיך אַליין מיט...

ביז ער קומט צו די ווערטער אין דעם קדיש: „גיסט מיינע טרערען, אַי וועה איז מיר! איהר זאָלט נאָר פליסען אויף מיין טאַטען דעם זיסען", הויבט ער אָן מיט אַמאָל צו האווקען:

— האוו! האוו! א זיסער טאטע, א רומענישער, געהרג׳עט זאָל ער ווערען! *)

מאַשקאָוויטש און טאַרענבערג צופּען איהם ווידער פון ביידע זייטען:

— קעסלער!...

זינגט ער ווייטער:

— אויף וועמען האָסטו איבערגעלאָזען דיין קינד? א יתומ׳ל, וועה איז מיר אצינד!

ברעכט ער זיך ווידער מיט אמאָל אונטער:

— זשי! א יתומ׳ל!...

קוקט אָן שוין מיט רציחה מאַשקאָוויטש׳ן און טאַרענבערג׳ן און פלוצים ארויסגעפאָהרען אויף די אויבערשטע טענער, מיט א וואויען:

— איך קאָן שוין ניט מעהר! די קישקעס קריכען מיר שוין פון האלז! האוו! האוו! האוו!...

מאַשקאָוויטש און טאַרענבערג קאָנען איהם שוין מעהר ניט איינשטילען. ער שרייט צו זיי:

— אוועק, ממזרים! גענוג געמוטשעט! קראַפּירט פאר הונגער, געהרג׳עט זאָלט איהר ווערען!...

אזוי האָט קעסלער אמאָל געשפּילט דעם „ישיבה בחור“...

7.

קעסלער א מין פענאָמען, וועלכער איז פול געווען מיט קאָנטראַסטען.

וואָס מעהר איך טראַכט וועגען איהם, וואָס מעהר איך דערמאָן זיך אָן איהם, אלץ קלאָרער ווערט מיר, אז ער איז געווען אן אומגעוועהנליכע ערשיינונג, א מין פענאָמען...

איך בין ניט אויסען איהם צו אידעאליזירען, אָבער ווי ניכטער

---

*) ווי מאַדאַם טשאַמאַשעווסקי ערקלערט מיר, געברויכען די רומענישע אידען אַזעלכע לאַטשעענדיגע ווערטער אין זייערע רייד, ווי „גוטינקער“, „זיסינקער“ און ד. ג. און דאָס האָט קעסלער געמיינט.—ל. ק.

איך זאָל איהם ניט באטראכטען, — פארגלייך איך איהם צו דעם דורכשניטליכען מענשען, צי צו די איבעריגע קאָלעגען זיינע, — קאָן איך זיך ניט אָפּוואונדערען פון דער דאָזיגער טשיקאווער פערזענליכקייט, פון דעם דאָזיגען רויהען שטיק נאטור, דורך וועלכען אַ מין ווילדער זשעני האָט זיך אַנטפּלעקט אויף אַ סטיכישען אופן...

אזוי ווי די נאטור וואָלט אַ קליינינקען טייל פון איהר פול אָנגעטרונקען מיט איהר ליכט און שאָטען, מיט די פארשיידענסטע פארבען איהרע און קלאַנגען, און אַלערליי אַנדערע אייגענשאַפטען פון איהר, סיי גוטע און סיי שלעכטע, אין דעם אריינגעגעבען מיט דער פולער און גרויסער מאָס, און געזאָגט צו דעם: — דורך דיר זאָל איך זיך אַנטפּלעקען מיט מיין פילפּנים'דיגקייט, מיט מיין פילפארביגקייט און פילקלאַנגענדיגקייט און די אייגענשאַפטען מיינע, סיי די גוטע און סיי די שלעכטע, זאָלסטו אין בולט'ע, שארפע שטריכען אויסדריקען, נאַקעט און אומפארדעקט, אזוי ווי איך האָב זיי אין דיר אריינגעגעבען...

און ער האָט עס דערנאָך פון זיך געוואָרפען אוממיטעלבאַר, סטיכיש, ווי אַ שטיק ערד, וואָס איז אָנגעטרונקען מיט זון־שטראַלען, זיין ווארעמקייט, אין לעבען און אויף דער ביהנע...

האָט געוואָרפען פון זיך כוואַליעס־ווייז ווארעמקייט און קאַלטקייט, געשמאַקע זאַפטיגקייט און טרוקענקייט פון שטיין און זאמד...

קאַלטע נאַכט־פארבען און זוניגע טאָג־קאָלירען האָט ער פון זיך געוואָרפען און קלאַנגען, וואָס האָבען אַמאָל — בפרט אין זיינע אינגערע יאָהרען — דערמאָנט אָן קארוזאָ'ס שטים און אָן אַנדערש מאָל — אָן דעם וואָיען פון אַ הונט...

וואָרים די דאָזיגע אַלע קאָנטראַסטען האָט ער אין זיך געטראָגען, דער ווילדער זשעני. געשטראָמט האָט עס אין איהם אין טיפע און שטאַרקע שטראָמען דאָס גוטע און דאָס שלעכטע, בסדר, בסדר מעבטיג, בסדר פארטיסימאָ...

שלעכט און הארט, כמעט ברוטאַל, אין איין מאָמענט צו זיינע נאָהענטע מענשען, האָט ער אין אַ ווייַלע אַרום געוויינט ווי אַ

קינד, מיט אמת'ע טרערען, בשעת ער האָט מיר אמאָל דערצעהלט, ווי אַ קעצעלע האָט אין אַ קאַלטער נאַכט געזוכט אַ וואַרימע היים...

גלײכגילטיג צו דעם געדרוקטען אידישען וואָרט פון אידישע שרײבער און דיכטער, ווי כמעט אַלע אונזערע אידישע אַקטיאָרען און אַקטריסעס, האָט אַ שעהנע פראַזע אין אַ אידישען געדיכט, וואָס ער האָט אַמאָל צופעליג געהערט, אָנגעצונדען איהם מיט אַ מין ווילדער באַגײסטערונג.

ער האָט זיך געקלאַפּט אין הארצען, געווישט זיך די טרערען און געמורמעלט מיט אַ ליכטיגען, באַגײסטערטען שמײכעל: — אַ זאָג אַ ביסעל! גאָט!...

האָט אַרײנגענומען יענע פראַזע אינ'ם קאָפּ און, ווען נאָר ער האָט דאַן געטראָפען, האָט ער פאַר יענעם זי איבערגע'חזר'ט און דערבײ האָט ער שטענדיג אַ דריק געטאָן מיט די אויגען, און טרערען האָבען אַ שפּריץ געטאָן, ווי פון אַ פאַרטיגען קוואַל...

טרעף איך איהם אַמאָל אין אַזאַ מאָמענט, ווען ער איז באַ־גײסטערט פון אַ פראַזע אין אַ אידישען געדיכט, און פרעג איהם, פאַרוואָס ער לײענט ניט די אידישע דיכטער, קוקט ער מיך אָן אַ װײלע מיט זײנע גרויסע, אויסדרוקספולע אויגען און ענטפערט מיר דערנאָך גוטמוטיג, נאַאיוו: — ווער האָט עס געדולד פאַר זײערע נאַרישקײטען!...

קאַרג און געלט־גײציג, אָפּט ביז קלײנליכקײט, איז ער אַמאָל אויך צוליב דעם אַרויסגעטראָטען אין אַ שונד־פּיעסע. אָבער אַרויסגעטראָטען אין איהר, האָט ער כמעט שטענדיג, באַלד ווי ער האָט דערשמעקט איהר גערוך, אינגאַנצען פאַרגעסען די געלט־חשבונות. אַ רידעל האָט ער שוין אין די הענט געהאַלטען און אַ קבר פאַר איהר אויף דער ביהנע געגראָבען...

און ווען אַזאַ פּיעסע, אַז ער איז אין איהר אַרויסגעטראָטען, האָט זיך דאָך אַמאָל אַ לאַנגע צײט דערנאָך געהאַלטען אויף דער ביהנע, ווי למשל, מיט יאָהרען צוריק לאַטײנער'ס „דאָס אידישע הארץ“, איז דאָס געווען נאָר דערפאַר, ווײל די אַנדערע אַקטיאָ־

רען, וואָס האָבען מיט איהם געשפּילט, האָבען זי ביים לעבען דערהאַלטען.

אַזוי האָט די פּיעסע „דאָס אידישע הארץ“ דעמאָלט פאַר איהר ערפאָלג געהאַט צו פאַרדאַנקען אין גאַנצען מאָגולעסקאָ׳ס קליין פיסעל, ווי איך וועל דאָס באווייזען שפּעטער, ווען איך וועל פּרואווען געבען אַ כאַראַקטעריסטיק פון אונזער פאַרשטאָרבענעם גרויסען קאָמיקער.

ווען אָבער אַ שונד־פּיעסע האָט זיך אין גאַנצען געהאַלטען אויף זיינע כחות — האָט קעסלער, געוועהנליך, איהר אַ גיכען סוף געמאַכט.

די אידישע ביהנע איז פול מיט אַזוינע „קדושים“, וואָס זיינען געפאַלען פון קעסלער׳ס הענט...

דערפאַר, אגב, האָבען די מענעדזשערס, וואָס זיינען פאַרבונדען געוועזען מיט איהם, כמעט אַלע מאָל געזוכט אַזעלכע פּיעסען, אין וועלכע אַנדערע, אחוץ איהם, זאָלען אויך האָבען וואָס צו טאָן.

אין אַזעלכע פּיעסען האָט ער, געוועהנליך, געשפּילט זעהר שלעכט, אַ סך ערגער, איידער אַ מיטעלמעסיגער אַקטיאָר, אויב ער האָט אין איהר געמוזט שפּילען.

אין אַזאַ שטיק האָט מען איהם שטענדיג געזעהן אַ מגושמ׳דיגען, אָהן שום נשמה, און נאָך אָפטער — אַ בייזען און אַ צו־רייצטען, וועלכער האָט געמרוקעט ווערטער, וואָס מען האָט זיי קוים פאַרשטאַנען...

טויטע, אויסגעלאָשענע טענער האָט זיין קול דאַן ארויסגעגעבען. יענער קול, וואָס אַז ער האָט זיך אָנגעצונדען, האָט געפלאַקערט מיט אַלערליי קאָלירטע פייערען און געהילכט מיט די פאַרשיידענסטע קלאַנגען, אָנגעזאַפּטע מיט זון און לעבען, און גלאַטע און לאַשטשענדע, ווי די אָנגעטרונקענע מיט לעבעדיגען פאַרב בלומען־בלעטלאַך — אָט דער דאָזיגער קול זיינער האָט דאַן הילצערן און דומף געהילכט, ווי פון אַ פוסטער פאַס...

און אַזוי טויט זיינען דאַן אויך געוועזען זיינע אַלע באַווע־

גונגען, וועלכע, ווען ער האָט ריכטיג געשפּילט, זיינען געווען גראַציעז און עלאַסטיש אָהן אַ סוף...

דערמאָן איך זיך טאַקע, ווען איך האָב איינמאָל פאַרבלאָנדזשעט מיט מיינעם אַ גרינעם פריינד, וועלכער האָט קעסלער'ן פריהער קיינמאָל ניט געזעהן, אין אַ טעאַטער, בשעת קעסלער האָט אַזאַ פּיעסע געשפּילט, האָט מיין פריינד זיך אָנגערופען:

— ביי אונז, אין רוסלאַנד, וואָלט מען אַזאַ קאַליעקע ניט ארויפגעלאָזען אויף דער ביהנע!...

די שאַרפסטע קאָנטראַסטען האָבען זיך דורך איהם אנטפּלעקט.

אומגעוועהנליך איז אויך דער וויטערדיגער שטריך אין איהם געווען:

ער איז גאָר, דאַכט זיך, ניט געווען קיין דאַמען־העלד. איך האָב איהם געקאָנט אַזוי פיל יאָהרען, און נאָהענט, האָט ער כמעט שטענדיג אויף מיר אַן איינדרוק געמאַכט, אַז דער ווייבערשער מין געהט איהם אין גאַנצען נישט אָן.

און דאָך קאָן איך ניט איין מאָן — ניט אפילו אין דער ליטעראַטור, בפרט נאָך צווישען קינסטלער־אַקטיאָרען — וואָס זאָל זיין אין אַ משך פון צעהנדליגער יאָהרען, ביז אין טויט אריין, אונטער דעם שטענדיגען כשוף פון אַ פרוי, ווי קעסלער איז געווען...

יענע פרוי איז געווען זיין אייגענע ווייב.

איז זי אין טעאַטער געווען, האָט ער דאַן, אָהן אַ גוזמא, געשפּילט נאָר פאַר איהר אַליין.

די אַקטיאָרען וואָלטען געקאָנט דערצעהלען, ווי אַזוי ווען ער האָט זי פּלוצים פון דער ביהנע באַמערקט, האָט ער זיך אַן אויפגערעגטער צו זיי געווענדט:

— באָיס, מאַדאַם ק. איז אינ'ם טעאַטער; איך בעט אייך, פּליז, נעמט זיך די מיה און שפּילט. פּליז, באָיס, איך בעט אייך!

עס האָט געטראָפען, ער איז אַרויסגעטראָטען אין אַ נייער ראָל, וועלכע איז איהם דוקא געפעלען געווען, נאָר זי, זיין ווייב,

איז דערנאָך ארויפגעקומען צו איהם און האָט איהם געזאָגט, אז ער זעהט אויס אין איהר ווי א ברוט, ווי א ווילדער, איז א סוף געווען. ער האָט שוין יענע ראָל ניט געקאָנט מעהר אָנקוקען...

פארקערט: א ראָל איז איהם אמאָל ניט געפעלען געווען, נאָר זיין ווייב האָט איהם געזאָגט, אז זי פּאסט פאר איהם, האָט די ראָל דערנאָך א נשמה באקומען — קעסלער'ס גאנצע נשמה...

ווי קארג ער איז ניט געווען — אָבער ניט פאר זיין ווייב. ווי געלט־גייציג ער איז ניט געווען — האָט ער ביז זיין לעצטען סענט איהר אָפּגעגעבען.

אמבעסטען איז ער געווען אין כאראקטער־ראָלען. בפרט האָט זיך קיינער ניט געקאָנט פארגלייכען צו איהם אין שפּילען פּאָלקס־מענשען אויף דער אידישער ביהנע. אין אזעלכע ראָלען איז ער געווען אַן ארטיסט פון העכסטען ראנג, א גייסטרייכער און טיפער פּארטייטשער פון דעם טעקסט און פון דעם כאראקטער.

אין אזוינע ראָלען האָט ער זיך ערשט ריכטיג דערפיהלט. זיין אויסזעהן, זיין אָרגאַן, זיין טעמפּעראַמענט און זיין גאנצער מהות זיינען ווי באשאפען געווען צו שפּילען געזונטע „פּאָלקס־מענשען" מיט שטארקע און טיפע איבערלעבונגען — אויסצודריקען זייער נאאיוויטעט, זייער געזונטע גוטסקייט און ווילדע ברוטאליטעט.

אין אזוינע ראָלען איז ער פריי ארומגעשוואומען, ווי א פיש אין ים.

קיינער האָט ניט געקאָנט אזוי אויסדריקען, ווי ער, דעם געלעכטער פון דעם פּאָלקס־מענשען, זיין טרער און זיין פויסט...

ווייל אין איהם אליין האָט דאָס שטארק געלעבט...

זיין אייבוש אין דער „שבועה" איז געווען א מייסטערווערק. זיין „שלמה'קע שארלאטאַן" איז צוזאמען מיט איהם געשטאָרבען. די דאָזיגע זעהר שלעכטע פּיעסע האָט נאָר מיט זיין לעבען געלעבט.

אזוי אויך קאָן מען ניט פארגעסען דעם קעסלער'ן פון פּינסקי'ס „יאנקעל דער שמיד" און ניט פון „יאנקעל בוילע".

דערפֿאַר איז ער מיר קיינמאָל ניט געפֿעלען געווען אַלס הערשעלע דובראָוונער פֿון „גאָט, מענש און טייפֿעל".

צו ווייניג קליינשטעדטעלדיגער סופֿר איז ער געווען, צו ווייניג אין קדושה אויסגעווייקט, צופֿיל געזונטער חומר...

און נאָך עפּעס:

אַלס אַקטיאָר איז ער געווען ווי אַ גרויסע שיף, וועלכע האָט געמוזט האָבען גרויסע, טיפֿע וואַסערען, כדי צו קאָנען זיך באַוועגען... אין אַ קליין טייכעל וואָלט ער זיך ניט געקאָנט אַ ריהר טאָן.

איך דערמאָן זיך, וואָס ער האָט מיר אַמאָל דערצעהלט וועגען אַ געוויסער ליטעראַרישער פּיעסע, וועלכע ער האָט נאָר איין מאָל געשפּילט אין טהאַליאַ טעאַטער.

— יו סי? אַיינגערעדט. פּרואוו איך. אַריינגעקראָכען! יו סי? אַזוי ווי איך וואָלט זיך געלאָזט שווימען אין אַ וואַשטאָפּ! אפֿילו ניט ביז די קני. אַרויסגעשפּרונגען, אין דר'ערד אַריין! אפֿילו דעם דריטען אַקט ניט געוואָלט שפּילען!

ער איז געווען פֿון יענעם מין אַקטיאָרען, צו וועלכען עס האָבען געהערט אַ רוסישער וואַרלאַמאָוו, ציאַן איוואַנאָוו־קאַזעלסקי, וואָס דעם לעצטען האָב איך אין מיינע יונגע יאָהרען אַ סך מאָל געזעהן אין מיין שטאָדט וויטעבסק. ער, ווי זיי, האָט געמוזט האָבען פּיעסען מיט שטאַרקע קאָנפֿליקטען און איבערלעבונגען, כדי צו קאָנען לעבען אויף דער ביהנע.

מיט אַנדערע ווערטער: כדי צו שפּילען טעאַטער — ווי מען זאָגט אויף דעם לשון פֿון אַקטיאָרען — האָבען זיי געמוזט האָבען טעאַטער...

און „טעאַטער" — זיינען טעאַטראַלישע פּיעסען, וואָס זאָלען טאַקע מיט זייערע קאָנפֿליקטען און האַנדלונגען רעגען, וועקען און פֿאַרכאַפּען די פֿאַנטאַזיע און דאָס האַרץ פֿון דעם שוישפּילער און דורך איהם — פֿונ'ם צושויער...

וואו דאָס איז ניטאָ — איז קיין אמת'ער טעאַטער ניטאָ.

דאָס איז אַן אמת נאָך זינט פֿון אַריסטאָטעל'ס צייטען, וואָס

וועט אייביג בלייבען אַן אמת פֿאַר יענע, ביי וועלכע דאָס טעאַטער איז אַ לעבעדיגער טייל פֿון זיי...

8.

די קנאה פֿון סטאַרס איינער צום אנדערען. — און ווי אזוי קעסלער האָט צוערשט זיך באַצויגען צו „יאַנקעל בוילע".

ווי איך האָב שוין פֿריהער באַמערקט, האָב איך מיין פּיעסע „יאַנקעל בוילע" לכתחילה געשריבען פֿאַר איהם.

דאָס מיינט ניט, אַז ער האָט ביי מיר באַשטעלט די דאָזיגע פּיעסע, נאָר אַז איך האָב איהם אינ'ם זינען געהאַט, בשעת איך האָב זי געשריבען.

איך בין זיכער געווען, אַז ווען איך וועל זי פֿאַר איהם פֿאָר־לייענען, וועל איך פֿון איהם ניט הערען זיין „חטאָנ'טי"...

גראָד זיינען מיר דעמאָלט געווען ברוגז (זייט דעם סקאַנדאַל מיט די „צוריסענע קייטען"), האָב איך דורך מאָשקאָוויטש'ען זיך צונויפגערעדט מיט איהם און באַשטעלט אַ פֿאָרלעזונג פֿון „יאַנקעל בוילע" ביי דר. אב. קאַספּע אינ'ם הויז.

איך געדענק: אַ קאַלטע ווינטערדיגע נאַכט געווען. ביי דר. קאַספּע'ן אינ'ם הויז איז עפּעס די עלעקטריק קאַליע געוואָרען, האָט מען אָנגעצונדען סטערינאָווע ליכט, ארום אַ צעהנדליג שטיק, און זיי אויסגעשטעלט ארום און ארום דעם לאַנגען טיש אין לייכטער, טינטערס און פֿלעשער. דער גאַנצער טיש האָט אויסגעזעהן ווי אי־לומינירט...

אויסער קעסלער'ן און מאָשקאָוויטש'ן זיינען צו דער פֿאָרלע־זונג געקומען עטליכע פֿריינד. דר. ה. זאָלאָטאַראָוו אויך צווישען זיי.

הויב איך אָן צו לייענען, און עס נעהמט ניט קיין צעהן מינוט באַמערק איך אויף קעסלער'ס פּנים דעם „חטאָ'נטי"...

אויסגעגאָסען איז דאָרט, פֿון זיינע אויגען ביז צו זיין אונ־טערשטער ליפּ, וועלכע ער בייסט פֿאַר אומגעדולד — איין גרויסער „חטאָ'נטי"...

איך ענדיג דעם ערשטען אַקט. ווייטער וויל איך ניט לייע־

נען. קאספע, זאלאטאראוו, מאשקאוויטש — זיי אלע שטעהען צו צו מיר, אז איך זאל לייענען ווייטער. איך אבער ערקלער, אז אויב דער ערשטער אקט געפעלט ניט קעסלער׳ן, וועלען די אנדערע אקטען איהם אויך ניט געפעלען. און אומזיסט מיין לייענען.

און מיט דעם האט זיך יענע פארלעזונג געענדיגט.

געהט אוועק א געוויסע צייט, מיר זיינען ווידער גוט־פריינד געווארען. לעז איך פאר איהם און מאשקאוויטש׳ן ווידער די פיעסע. טענה׳ט צו איהם מאשקאוויטש: פיהרט אויף די פיעסע, קעסלער! ענטפערט ער:

— איך זעה אין דעם גארניט. א חזיר!...

אזוי האב איך, אין פארשיידענע צייטען, ווידער און ווידער איינגערעדט איהם צו הערען די פיעסע, געהאפט אלץ, טאמער וועט ער זי דאך דערפיהלען.

ער האט זי נאך אמאל און נאך אמאל אויסגעהערט און... „חטא׳נטי"...

ביז איך האב זיי איינמאל פארקויפט צו טאמאשעווסקי׳ן.

איז אבער באשערט געוועזן מיין „יאנקעל בוילע׳ן", אז ער זאל האבען לענגערע יאהרען, איידער א טוצען אדער מעהר פיעסען מיינע, וואס טאמאשעווסקי האט זיי אויפגעפיהרט. דארף איהם איינפאלען די דאזיגע פיעסע „אויסצובעסערען", וואס ער האט זיך קיינמאל ניט ערלויבט צו טאן מיט מיינע אנדערע פיעסען, לכל הפחות די ערשטע צייט פון זייער אויפפיהרונג...

לאזט ער מיר איינמאל וויסען, אז איך זאל קומען צו פראבע אין טעאטער. דאס איז געוועזן אן ערך אין א יאהר ארום נאכ־דעם ווי איך האב איהם די פיעסע פארקויפט.

איך קום צו פראבע. די אקטיארען הויבען אן צו דבר׳ן פון זייערע ראלען. איך דערהער אומבאקאנטע „דבורים".

— פון וועלכער פיעסע מאכט מען דאס פראבע? — טו איך א פרעג טאמאשעווסקי׳ן.

— פון אייערע, פון „יאנקעל בוילע"...

דריקט אוים מיין פנים: ? !...

דריקט אוים זיין פּנים: !!...

קורץ: ער זאָגט, אַז ער האָט געמוזט „אויסבעסערען" מיין שפּראַך און מיין „פּראָזא", ווארים ער וועט ניט ארויפגעהן אויף דער ביהנע און רעדען ווי אַ ווילדער. און איך טענה: אָדער ער שפּילט די פּיעסע, אַזוי ווי איך האָב זי געשריבען, אַניט שפּילט ער זי ניט.

צום סוף רופט ער זיך אָן:

— אָלרייט. באַצאָהלט מיר צוריק מיין געלט, וועל איך אייך צוריקגעבען די פּיעסע.

זאָג איך:

— צופרידען.

קוקט ער מיך אָן:

— משוגע'נער, — מאַכט ער, — די פּיעסע וועט דאָך ביי אייך קיינער ניט נעמען, איהר האָט דאָך שוין געפּרואווט! זי וועט דאָך בלייבען ליגען ביי אייך... און איהר האָט דען דאָס געלט, עטליכע הונדערט דאָלער?...

און דעם אמת געזאגט, האָב איך זיך טאַקע דאַן געפרעגט: וואו וועל איך נעמען די עטליכע הונדערט דאָלאר פאַר איהם? ווייל דאָס געלט, וואָס איך האָב פאַר דער פּיעסע באַקומען מיט אַ יאָהר צוריק, איז שוין לאַנג ביי מיר אַוועק...

מיר איז אָבער געלונגען צונויפצושאַרען די עטליכע הונדערט דאָלאַר — אַ ביסעל ביי זיך אליין, די איבעריגע געליהען — און פּטור! דערלאַנגט איהם די מזומנים און צוריקגענומען די פּיעסע, און זאָל זי ליגען דאָרט צווישען די אַנדערע מיינע פּאַפּירען...

טרעפט מיך דערנאָך קעסלער און לאַכט פון מיר:

— אַז איך זאָג קאָברינקע'ן, אַז דאָס איז ניט קיין פּיעסע, זאָגט ער מיר, אַז איך האָב קלאָטשע אין קאָפּ. טאָמאַשעווסקי האָט דאָך ניט קיין קלאָטשע אין קאָפּ, ער פאַרשטעהט דאָך שוין יאָ קאָברינ'קעס פּיעסען, הייַנט פאַרוואָס האָט ער ניט אויפגעפיהרט „יאַנקעל בוילע"?

פאַלט מיר דערנאָך איין, אויב איך קאָן זי ניט אויפפיהרען, וועל איך זי אָפּדרוקען אין א צייטונג.

דער „אידישער קעמפּער" איז דאַן ארויסגעגאַנגען אונטער דער רעדאקציע פון ק. מרמר.

א וועכענטליכע צייטונג איז דאָס געווען, ארויסגעגעבען פון די היגע פועלי ציון. האָט מרמר די פּיעסע דאָרט אָפּגעדרוקט אונטער דעם נאָמען „דער נאַטור־מענש".

דערווייל שרייב איך אַנדערע פּיעסען און שטעל זיי אויף אין די טעאַטערס.

פאַראייניגען זיך אַלע טעאַטערס אין אַ טראָסט. אין טאָמאַשעווסקי'ס טעאַטער פיהרט מען אויף מיין קאָמעדיע „ברייטש אָון פּראָמיס" (בערטשיק), וועלכע האָט גרויס ערפאָלג. ברעכט אויס מיט אַמאָל אַ סטרייק אין יענעם טעאַטער, — די אַקטיאָרען סטרייקען — מיין ערפאָלג איז דער'הרג'עט.

די פּיעסע ציהט איבער מיט טאָמאַשעווסקי'ן אין קעסלער טעאַטער. אַנשטאָט די איינגעשטודירטע אַקטיאָרען, טרעטען אין איהר ארויס די „סטאַרס", אַדלער און קעסלער — דאָס הייסט די שותפים פון דעם אידישען טעאַטער־טראָסט.

און זיי דארפען עס אונטערשפּילען טאָמאַשעווסקי'ן, וועלכער שפּילט דאָרט אויסערגעוועהנליך גוט די הויפּט־ראָל, בערטשיק'ן, א געוועזענעם רוסישען סאָלדאַט.

איך דערמאָן זיך, אגב, איך קום יענעם בייטאָג אין קעסלער'ס טעאַטער, וואו די אַלע דריי „סטאַרס" האָבען געמאַכט די איינ־איינציגע פּראָבע פאר זייער ערשטען אויפטריט צוזאַמען אין „ברייטש אָון פּראָמיס", וואס האָט געזאָלט פּאַרקומען יענעם אויפדערנאַכט.

די ראָלע פון בלאַנק'ען האָט אַדלער איבערגענומען. פון גראַפ'ן — קעסלער, און פון מאַדאַם אבראַמאָוויטש — פּאַולינא עדעלשטיין. טאָמאַשעווסקי איז געבליבען ביי דער הויפּט־ראָל, ווי פריהער.

דערזעה איך אַלעמען ביי דער פּראָבע און טראַכט מיר:
„נאָך מיין פּיעסע!" און זאָג טאַקע אויפ'ן קול:
„יתגדל ויתקדש..."

אדלער שטויסט זיך אָן, וואָס איך מיין, און שמייכעלט. קעסלער'ן דארף איך ערקלערען, וואָס איך מיין. פארזיכערט ער מיר, אז ער מיט אדלער'ן וועלען שפּילען ערנסט זייערע ראָלען. און טאָמאַשעווסקי אליין רופט זיך אָן צו מיר:

— קינדעלע, וואָס רעדט איהר? זיי וועלען מוזען זיך האלטען ערנסט אין זייערע ראָלען. דאָס איז דאָך ניט קיין שפּאַס. א קאמף אויף לעבען און טויט! ...

איך געה דאן אוועק פונ'ם טעאַטער מיט א שווערען הארצען. ערשטענס, איז מיר זעהר אומאנגענעם, וואָס מיט מיין פּיעסע באקעמפען באַסעס זייערע ארבייטער, וואָס סטרייקען ביי זיי. צווייטענס, בין איך זיכער געווען, אז זיי וועלען דער'הרג'ענען די פּיעסע.

וואָרים איך האָב זיי אַלעמען גוט געקאָנט. איך האָב גוט געוואוסט, אז ניט אדלער און ניט קעסלער וועלען קאָנען ערנסט שפּילען אין א פּיעסע, וואו טאָמאַשעווסקי האָט די הויפּט־ראָל און וועלכער ער האָט נאָך דערצו אזא ערפאָלג...

און אזוי איז טאַקע געווען:

דעמזעלביגען אָווענט שוין, ביי דער ערשטער פאָרשטעלונג, ווען די אַלע דריי „סטאַרס" זיינען ארויסגעטראָטען אין מיין פּיעסע, אין דעם „קאמף אויף לעבען און טויט" געגען זייערע שונאים, די יוניאָן־אַקטיאָרען, האָבען זיי באוויזען, אז איך בין געווען גערעכט.

הינטער די קוליסען, זעה איך, שטעהט קעסלער, גרימירט אין גראַפ'ס ראָל, קוקט פון דאָרט ארויס אויף דער ביהנע, וואו טאָמאַשעווסקי שפּילט, און ער מאכט איהם נאָך, ווי ער רעדט און דערביי וואויעט ער אויפ'ן קול:

— זעה נאַר, זעה, ווען איך דארף אונטערשפּילען, דעם סאָלדאט!*)

און אין אַ ווײַלע ארום, ווען ער ערשײַנט אויף דער ביהנע, ווייסט ער ניט קיין איין וואָרט פון זיין ראָל און רעדט וואָס נאָר איהם פאַלט אריין אין מויל, האקט „פּראָזא" פון „שלמה'קע שארלאַטאן" און פון אנדערע פּיעסען און אין מיטען דערינען הויבט ער גאָר אָן צו ריידען מיט טאָמאשעווסקי'ן אויף'ן פּאַסאַח־דייטש און פון צייט צו צייט טוט ער אַזוי אַ לאָז אַ „טאָנעניו", נאָכמאַכענדיג טאָמאַשעווסקין... און מיט אמאָל הויבט ער גאר אָן ארויסצוכאַפּען די „פּראָזא", וואָס געהערט טאָמאַשעווסקי'ן... איז ער גאָר דער סאָלדאַט, און טוט איהם עפּעס! ...

טאָמאַשעווסקי אליין, ווען זיין ראָל און דער ערפאָלג אין דער פּיעסע איז טייער, ווענדט אָן אַלע זיינע כחות, איינצוהאַלטען זיך אין דער ראָל, ניט צו פארלירען זיך.

דאָ אָבער טרעט אויף אדלער אין דער ערנסטער דראַמאַטישער ראָל, וועלכע בלאַנק האָט פריהער געשפּילט מיט גרויס ערפאָלג, — און די ביהנע פארוואנדעלט זיך אין אַ משוגעים־הויז...

אדלער טרעט אויף אין איהר, רייטענדיג אויף אַ בעזים, מיט אַ ווילדער באָרד און מיט ברילען אויפ'ן שטערן. ער הויבט אָן צו דערצעהלען עפּעס אַ מעשה וועגען „סעמיאַטשקעס". דער עולם לאַכט.

דאָ פארלירט זיך טאָמאַשעווסקי. ער דערזעהט, אַז אדלער נעהמט אוועק ביי איהם זיין קאָמיזם, צולאָזט ער זיך אויך...

אוים פּיעסע, אוים ראָל, אוים „קאַמף אויף לעבען און טויט" געגען די סטרייקער... אויף דער ביהנע שטעהען „סטארס", וואָס יעדער פון זיי רייסט איינער ביים אנדערען דעם אפּלאָדיסמענט און דעם געלעכטער פון פּובליקום! ...

---

*) טאָמאַשעווסקי האָט דאָרט געשפּילט די ראָל פון אַ געוועזענעם רוסישען סאָלדאַט. — ל. ק.

און ווען קעסלער קומט דערנאָך ווידער ארויף, איז שוין ניט נאָר די ביהנע אליין אַ משוגעים-הויז, נאָר דאָס גאַנצע טעאַטער.

איין גרויסער ווילדער געלעכטער און אַ פּאַטשעריי און אַ קוויטשעריי הילכט פון אַלע זייטען...

די פּיעסע האָט מען דער׳הרג׳עט. איינעם פון מיינע גרעסטע ערפאָלגען, אויך אינ׳ם ליטעראַרישען זין.

ניט באַצאָהלט האָט מען מיר אויך. האָב איך פאַרקלאָגט דעם „טראָסט" אין גריכט.

דערפאַר האָבען די טעאַטער מענעדזשערס דעם קומענדען סעזאָן באָיקאָטירט מיינע פּיעסען.

איז מיר דאָן איינגעפאַלען, אויפצופיהרען מיינע אַ פּיעסע אין אַ מוזיק-האָל.

9.

דער ערשטער ערפאָלג פון „יענקעל בוילע". — ווי אזוי מען האָט דער-הערט נעמען פון אַקטיאָרען, וואָס מען האָט זיי פריהער ניט געהערט.

דער קליינער אָדעאָן טעאַטער, אויף קלינטאָן סטריט, איז צו יענער צייט געווען אַ מין מוזיק-האָל, וואו גאנץ אומבאַקאַנטע אַקטיאָרען און אַקטריסעס זיינען אויפגעטראָטען אין וואָדעוויל-נומערען און אין גאַנצע פּיעסען פון זאָלאָטאַרעווסקי׳ס און ראַקאָוו׳ס רעפּערטואַר, אַ חוץ וואָס מען האָט דאָרט געוויזען קינעמאַטאָגראַף-בילדער...

יעדע פּאָר טעג איז דאָרט אויפגעפיהרט געוואָרען אַ נייע פּיעסע.

דאָס טעאַטער׳ל איז אָנגעוויזען געווען אויף די נאָהענטע ארומיגע שכנים. קיין אנדערער עולם איז אהין ניט געגאַנגען, האָט גאָר, גלויב איך, ניט געוואוסט פון אַן אָדעאָן טעאַטער.

אַ געזעלשאַפט, נאָך דעם מוסטער פון קיט׳ס סוירקוט, וואָס האָט נאָך אַנדערע טעאַטערס אין אנדערע געגענדען, אונטער דעם נאָמען „אָדעאָן", האָט אויך דעם טעאַטער׳ל אויף קלינטאָן סטריט אויפגעבויט.

און אזוי ווי וואָדעוויל אין ענגליש האָט דאָרט קיין ערפאָלג ניט געהאט, האָט די געזעלשאַפט באַשלאָסען צו געבען דאָרט אידישען וואָדעוויל און גאַנצע פּיעסען, כדי ארייַנצוציִען דעם אידישען עולם פון דער ארומיגער געגענד.

האָט זי צונויפגעשטעלט א קאָמפּאַניע פון אידישע מוזיק־האָל אַקטיאָרען און אקטריסעס, וועלכע האָבען דאָרט זייערע וואָדעוויל־סצענען און גאַנצע פּיעסען אויפגעפיהרט, גאַנץ אומ־באַמערקט פון דער אידישער פּרעסע און פון דער אידישער קריטיק.

דער געשעפטס־פיהרער פון׳ם אָדעאָן טעאַטער איז געווען אַן אינטעליגענטער יונגערמאַן מיט׳ן נאָמען לעאָ ברעכער, וועלכען איך האָב געקאָנט נאָך פון פריהער, איידער ער האָט זיך פאַרבונדען מיט דעם דאָזיגען טעאַטער.

קום איך איינמאָל צו איהם — א פּאָר וואָכען פאַר סכות איז דאָס געווען — און זאָג איהם, אז איך וואָלט וועלען אויפ־פיהרען א נייע פּיעסע אין זיין טעאַטער. מיינט ער אפריהער, אַז איך שפּאַס פון איהם. דערנאָך אָבער, ווען ער דערזעהט, אַז איך מיין טאַקע „ביזנעס", ערקלערט ער מיר:

אָל־ראַיט. ער איז צופרידען. ער שטעלט גאָר נישט איין. אויב מיר לוינט זיך, לוינט זי איהם אודאי.

איך מאַך מיט איהם אָפּ, אז איך זאָל קומען אויף מאָרגען פאָרלעזען מיין פּיעסע פאַר זיינע אַקטיאָרען.

קום איך אויף מאָרגען אהין מיט מיין „יאַנקעל בוילע". די אַקטיאָרען וואַרטען שוין אַלע דאָרט אויף מיר. ברעכער אויך.

צווישען די אַקטיאָרען איז אויך געווען ס א מ א י ל אָ ו ו און צווישען די אַקטריסעס — די פּאַרשטאָרבענע א י י ד א פּ י י ן און אויך א י י ד א ד ו ו אָ ר ק י ן. (דאַן האָב איך נאָך קיינעם פון זיי ניט געקענט).

ווען איך האָב געענדיגט די פאָרלעזונג, האָבען די אַקטיאָרען מיך גענומען בעטען, אז איך זאָל די פּיעסע מיט זיי ניט אויפפיהרען.

איך דערמאָן זיך, ווי סאַמאָילאָוו איז מיר נאָכגעלאָפען און האָט גע׳טענה׳עט צו מיר:

— וואָס האָט איהר צו אונז? מיר מאַכען דאָ א לעבען. קיינער קימערט זיך ניט ווי און וואָס מיר שפּילען דאָ. מען שרייבט ניט וועגען אונז און מען לאָזט אונז צורוה. אבער, ווען איהר פיהרט אויף מיט אונז אייער פּיעסע, דאַן וועלען דאָך קומען די קריטיקער און זיי וועלען שרייבען וועגען אונז. קיין גוטס וועלען זיי דאָך ניט שרייבען. און אייער פּיעסע מוז דאָך אין אונזער טעאַטער דורכפאַלען...

— באַטראַכט נאָר — האָט ער ווייטער גע׳טענה׳עט מיט אמת׳ער פאַרצווייפלונג — איהר ווילט זי נאָך אויפפיהרען סכות, ווען אפילו אין די גרויסע טעאַטערס האָבען זיי מורא אויפצופיהרען אַן ערנסטע פּיעסע...

אזוי האָבען אויך די איבעריגע קאָלעגען זיינע געטענה׳עט צו ברעכער׳ן.

אָבער דער לעצטער האָט זיי ערקלערט:

— מיר שפּילען די פּיעסע!...

איך האָב אָנגעהויבען צו מאַכען פּראָבע מיט זיי. און דאָס מוז געזאָגט ווערען, אַז זיי אַלע האָבען זיך דערנאָך א נעהם געטאָן מיט א באַזונדערען אייפער צו זייערע ראָלען. יעדער און יעדע פון זיי האָט זיך באַמיהט אויסצולערנען דעם טעקסט אויף אויסווייניג און אויפצופּאַסען זיין און איהר ראָל.

מיט א באַזונדערער ליבע און דאַנקבאַרקייט דערמאָן איך זיך נאָך היינט אָן זיי אַלעמען.

אזוי ווי אויף דער ביהנע האָט מען געאַרבייט די סצענעריס, האָבען מיר אונזערע פּראָבען געמאַכט אויף דער גאַלערעע. אבער אזוי לאַנג ווי זיי זיינען אָנגעגאַנגען מיט חשק, מיט א ברען, איז קיין אונטערשייד ניט געווען, וואו מיר האָבען די פּראָבען געמאַכט.

צווישען די אַקטיאָרען פון אונזערע גרויסע טעאַטערס און צווישען מיינע קאָלעגען, די שרייבערס, האָט מען זיך אויסגעלאַכט

פון דער דאָזיגער אונטערנעמונג מיינער. זיי אַלע זיינען זיכער געווען, אז מיין פּיעסע אין אָדעאָן טעאַטער, געשפּילט פון די דאָזיגע „פּורצעס"־אַקטיאָרען, וועט דאָרט האָבן אַ שטילע באַגרעבעניש...

עס האָט זיך אָבער גאַנץ אַנדערש אויסגעלאָזען.

ניט פריהער און ניט שפּעטער, אין דער גאַנצער געשיכטע פון'ם אידישען טעאַטער, האָט אַ פּיעסע, אונטער אַזעלכע אומשטענדען, דאָ אַזאַ רושם ניט געמאַכט, ווי „יאַנקעל בוילע" דעמאָלט אין אָדעאָן טעאַטער, מיט יענע אַקטיאָרען און אַקטריסעס, מיט וועלכע קיינער האָט זיך ביז דאַן גאָרניט גע־רעכענט.

אַלע צייטונגען זיינען פול געוואָרען מיט אָדעאָן טעאַטער און מיט „יאַנקעל בוילע" און מיט די נעמען פון די אַקטיאָרען און די אַקטריסעס, וועלכע האָבען אין דער פּיעסע געשפּילט.

און אַ געוויסע צייט האָט כמעט אויסגעזעהן, ווי דער דאָזיגער טעאַטער, פון וועלכען קיינער האָט פריהער גאָרניט געוואוסט, איז דער איינציגער אין דעם אידישען קוואַרטאַל געווען.

אין אַ טעאַטער, וואו יעדע צוויי טעג האָט מען פריהער אַן אַנדער פּיעסע אויפגעפיהרט, האָט מען „יאַנקעל בוילע" געשפּילט 58 מאָל. חוץ דעם האָט מען די פּיעסע אויפגעפיהרט עטליכע מאָל אינמיטען וואָך אַלס „פּראָפעסיאָנעלע פאָרשטעלונגען", צו וועלכע אַקטיאָרען זיינען ספּעציעל איינגעלאַדען געווען. און אַנשטאָט דעם, וואָס פריהער איז דער העכסטער פּרייז פאַר אַ בילעט אין יענעם טעאַטער געווען 25 סענט, האָט מען געצאָהלט צו די פאָרשטעלונגען פון 'יאַנקעל בוילע" צו דאָלאַר און מעהר פאַר אַ בילעט, אין יענער צייט דער העכסטער פּרייז, און דער טעאַטער איז שטענדיג געפּאַקט געווען...

נאָך עפּעס: דער אָדעאָן טעאַטער האָט אָפּגעדרוקט מיין פּיעסע אין בוך־פאָרם (דאָס ערשטע און, דאַכט זיך, דאָס איינציגע מאָל, וואָס אַ אידישער טעאַטער האָט אַזאַ זאַך געטאָן) און אַלע

עקזעמפּליאַרען, עטליכע טויזענט, זיינען זיך אין אַ גאַנץ קורצער צייט צוגאַנגען...

דער ערפאָלג פון דער פּיעסע האָט געפיהרט דערצו, אַז קעסלער׳ס פאַרעהרער זאָלען צושטעהן צו איהם, אַז ער זאָל אויפ־פיהרען די פּיעסע אין זיין טעאַטער...

און איינמאָל, ווען מיר האָבען זיך געטראָפען, מאַכט ער צו מיר:

— איהר ווייסט, פון אַלע זייטען ריידען זיי מיך צו, אַז איך זאָל אַרויסטרעטען אין „יאַנקעל בוילע". אפשר זאָל איך?...

און אַזוי האָט ער צום סוף באַשלאָסען אַרויסצוטרעטען אין דער דאָזיגער פּיעסע.

10.

ווי אַזוי קעסלער האָט געשפּילט „יאַנקעל בוילע" און ווי אַזוי בעסי וויסמאַן איז „אַריינגעפאַלען" אין דער ראָל פון נאַטאַשאַ׳ן.

די גאַנצע אידישע ביהנע האָלט זיך אויפ׳ן צופאַל.

דער צופאַל איז דאָרט דער הויפּט-העלד, וואָס פיהרט אָן דעם געשעפט און די ביהנע און וואָס ברענגט אַמאָל דעם ערפאָלג און אַן אַנדערש מאָל — דעם דורכפאַל פון אַ פּיעסע.

אַזוי איז דאָרט כמעט אַלע מאָל געווען און אַזוי איז דאָרט נאָך היינט אויך.

הפקרות, איגנאָראַנץ באַהערשט פונ׳ם צופאַל, אין אַלצדינג דאָרט, אין אַלצדינג...

דאָס האָט באַזונדערס געפיהלט כמעט שטענדיג דער אידישער פּראָפעסאָר, בעת ער האָט אויפגעפיהרט אַ נייע פּיעסע אויף דער אידישער ביהנע.

ווען אויף דער ביהנע ביי לייטען שטודירט מען חדשים־לאַנג אַ פּיעסע אונטער אַ רעזשיסאָר, איידער מען פיהרט זי אויף, פיהרט מען אויף אַ פּיעסע אויף אונזער ביהנע ס׳רוב מיט עטליכע „פּראָבען" און אַמאָל אפילו אָהן איין ריכטיגער פּראָבע, יאָ, אָהן איין ר י כ ט י ג ע ר פּראָבע.

די אַקטיאָרען מאַכען ערשט „פּראָבע" אויף דער ביהנע. גע־

לינגען די „פּראָבען״ איז גוט, אָניט, איז אַלע מאָל די פּיעסע שולדיג... ליידט דערפאַר די פּיעסע און ס׳רוב ווערט זי דער־הרג׳עט, נאָך איידער די אַקטיאָרען האָבען אפילו זייערע ראָלען ריכטיג אויפגעפאַסט.

און אַז מען דערמאָנט זיך נאָך, אַז אַמאָל מוז מען אַ פּיעסע שניידען אויך, ווייל זי איז צו לאַנג, און מען טוט עס געאייל־טער־הייט, ווייל אָט־אָט דאַרף זי געשטעלט ווערען, לאָזט מען אַריין דעם מעסער וואו עס פאַלט — טרעפט עס אָפט אין דער סאַמע נשמה פון דער פּיעסע.

דער פּראָפעסער שטעהט דערביי אַ צוטומעלטער, ווי ביי אַ שׂרפה... ער וויל זיין פּיעסע אַרויסראַטעווען פון דעם דאָזיגען אימפּעטיגען פייער. עפּעס מוז ער דאָרט מקריב זיין אין דער שׂרפה, ער ווייסט אָבער ניט וואָס, ווייל אַלצדינג דאָרט איז איהם טייער. שפּילט דאָ דער צופאַל ווידער זיין הויפּט־ראָל...

אויך קעסלער האָט זיך ניט שטאַרק פאַרנומען מיט „פּראָבען״, בעת ער האָט אויפגעפיהרט אַ נייע פּיעסע. זיין טאַלאַנט אָבער האָט איהם ס׳רוב אַרויסגעטראָגען, ווען ער האָט אפילו זיין ראָל ניט געקאָנט.

ווער עס האָט געהאַט אויגען, האָט געקאָנט זעהן, ווי אַזוי ער, דערפיהלענדיג זיין ראָל, האָט זיך מיט שאַפונגס־פייער אָנגעצונדען, ווי אַזוי ער האָט זיין ראָל אויף דער ביהנע געקנאָטען און גע־מאָדעלט און ווי אַזוי ער אין איהר און זי אין איהם איז אַרויס־געוואַקסען אַלץ זיכערער און אַלץ קאָנטיגער — אַ מייסטערווערק פון אַן אמת׳ן סקולפּטאָר.

צו די פּראָבען פון „יאַנקעל בוילע״ האָט ער זיך גאַנץ אַנ־דערש פאַרהאַלטען איידער געוועהנליך.

מחמת די פּיעסע האָט געהאַט אַזאַ ערפאָלג אין אָדעאָן טע־אַטער, האָט ער ניט געוואַגט אין איהר אַרויסצוטרעטען מיט ווייניג פּראָבען.

ער איז אַזוי ערנסט צוגעטראָטען צו איהר, אַז ער האָט אפילו

ספּעציעל גענומען אַ האָל, כּדי איינצושטודירען די פּיעסע מיט זיינע אַקטיאָרען.

און דעמאָלט, אגב, האָט פּאַסירט עפּעס, וואָס איז זעהר באַראַקטעריסטיש פאַר אונזערע אַקטיאָרען.

ווען מען האָט געדאַרפט איינטיילען די ראָלען פון דער פּיעסע, איז געווען אַ פראַגע, ווער עס זאָל שפּילען נאַטאַשאַ'ן.

צום גליק, איז אין זיין טעאַטער ניט געווען קיין איינע פון די קאַזיאָנע דראַמאַטיסטקעס.

פרעגט מיך דעמאָלט קעסלער, ווער, דענק איך, דאַרף שפּילען נאַטאַשאַ'ן.

זאָג איך: — בעסי וויסמאַן.

און איך ערקלער איהם, פאַרוואָס איך דענק אַזוי. אמת, זי איז אַ סוברעטין, זי האָט אָבער דעם געזונטען טאַלאַנט און דעם אמת'ן פייער.

באַקומט בעסי וויסמאַן די ראָל פון נאַטאַשאַ'ן און זי צואַ־ זיינט זיך.

זי טענה'ט:

עס איז דאָ אַ קאָמישע ראָל אין דער פּיעסע — פון חייקע'ן, גיט מען איהר גאָר אַ דראַמאַטישע ראָל צו שפּילען, וואָס איז ניט פאַר איהר.

און איהר שוועסטער דאָרא וויסמאַן קומט אויך צו מיר מיט טענות. און איהר פאָטער, דער אַלטער ראובן, מיט די אייגענע טענות.

— קיין אַנדער קרבן ווי בעסי'ן האָט איהר ניט געקאָנט גע־ פינען?... וואָס הייסט, זי זאָל שפּילען אַ דראַמאַטישע ראָל, ווען אין דער פּיעסע איז דאָ אַ קאָמישע?...

זאָג איך זיי, אַז לויט מיין מיינונג וועט זי מאַכען אַ פוראָר אין דער ראָל פון נאַטאַשאַ'ן. זיי אָבער זיינען געבליבען ביי זייערס.

אַ סך פון די לעזער געדענקען מסתמא דעם „היט", וואָס בעסי וויסמאַן האָט דערנאָך אין דער דאָזיגער ראָל געמאַכט...

קנאַפּע פיר וואָכען האָט דאַן קעסלער פּראָבע געמאַכט אויף „יאַנקעל בוילע". ער האָט זיין ראָל אויסגעלערענט אויף אויס־

ווייניג. איך גלויב, אז דאָס איז געווען דאָס איינציגע מאָל אין זיין גאַנצער קאַריערע אַלס שוישפּילער.

און ווי ער האָט אַכטונג געגעבען אויף די אַנדערע אַקטיאָרען, אַז זיי זאָלען שפּילען ווי געהעריג איז. האָט זיך איהם אויסגעוויזען, אַז אימיצער פון זיי מאַכט אַ פאַלשע באַטאָנונג, האָט ער ממש אויפגעציטערט.

איך דערמאָן זיך: איינער פון אונזערע אינגערע אַקטיאָרען, וועלכער האָט זיך זינט דאַמאָלסט גאַנץ היבש ענטוויקעלט אַלס שוישפּילער, האָט געמאַכט פּראָבע אויף יאַנקעל׳ס קראַנקען טאַטען. איינמאָל, בעת ער איז געלעגען אויפ׳ן בעט און האָט געזאָגט ווידוי, האָט קעסלער פּלוצלינג גענומען נערוועז זיך קנייפּען די באַקען און אויף איהם אָנגעשטעלט זיינע גרויסע אויגען, וועלכע האָבען ממש געשאָטען פייער. מיט אַמאָל האָט ער זיך צושריען:

— הער נאָר אַ קול, ער שלאָגט געלכלאך מיט זיין קול!...

איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסען די ערשטע פאָרשטעלונג פון „יאַנקעל בוילע" מיט קעסלער׳ן. זיין עהרענאָוועגט איז דאָס געווען.

סעקאָנד עווענױ טעאַטער איז געפּאַקט געווען.

איידער דער פאָרהאַנג האָט זיך אויפגעהויבען, בין איך אַריין צו איהם אין גאַרדעראָב־צימער. דער זעכציג־יאָהריגער קעסלער, גרימירט אַלס דער יונגער יאַנקעל, איז זעהר נערוועז געווען.

מיט אַן אויפגערעגטען קול און, צופּענדיג דאָס רויטע טיכעל אַרום האַלז מיט נערוועזע פינגער, האָט ער זיך אָנגערופען צו מיר:

— גאָט מיינער, וואָס פאַר אַ „לאָמפּען־פיבער" איך האָב היינט! ווי דענקט איהר, וועלען מיר?...

ער האָט ניט דערעדט, אַזוי ווי ער וואָלט מורא געהאַט אַרויסצורעדען זיך אין אַ בייזער שעה...

ער איז אויפגעטראָטען... צוערשט איז ער שטאַרק נערוועז געווען און עס האָבען זיך דעמאָלט אויך געפיהלט זיינע יאָהרען און זיינע אַלטע ביינער. נאָר ביסלעכוויין איז ער אין זיין ראָל

אריין, און ווען דער ערשטער אקט האָט זיך געענדיגט, איז קעסלער שוין געווען דער יונגער, געזונטער יאנקעל, וואָס אין אלע זיינע ביינער האָט געזונגען דאָס יוגענד־פייער...

יענע, וואָס האָבען איהם געזעהן דעם לעצטען יאָהר פאר זיין טויט אין דער דאָזיגער פיעסע, האָבען איהם נ י ט ג ע ז ע ה ן! אין דער ראָל פון „יאנקעל בוילע".

דעם לעצטען יאָהר פאר זיין טויט, זינט ער האָט פארלאָרען זיין טעאטער, איז ער ארומגעגאנגען א צובראָכענער, און דאָס האָט זיך אויך אפגערופען אויף זיין שפּילען.

אָבער דעמאָלט, מיט דריי יאָהר צוריק, ווען ער האָט די דאָזיגע פיעסע געשפּילט, האָט זיך גאָר ניט געפיהלט, אז אָט דער דאָזיגער בחור, מיט זיין שטומדיגער ליידענשאפט צו לעבען און מיט זיין נאָך מעהר שטורמדיגען פחד פאר דאָס מיסטישע, וואָס איז אויף יענער זייט פונם לעבען, אז אָט דער בחור, איז אַן אלטער זעכציג יאָהריגער מאַן.

ווי יונג ער האָט דאָס ארויסגעוויזען זיין ליבע צו נאטאשא'ן, ווי יונג ער האָט דאָס געטאנצט מיט די שקצים און שיקסעס!

זיין גרויסער טאלאנט האָט די לאַסט פון די יאָהרען אראָפּ־געווארפען און מיט שטורמדיגער יוגענד זיין גייסט אַנגעטרונקען.

ער שטעהט נאָך פאר מיר אין דער סצענע, ווען ער דער־צעהלט הירש־בער'ן (מאָרים שווארץ), אז זיין טאטע איז געקומען צו חלום צו זיין מאמע'ן און האָט זיך געקלאָגט אויף איהם, הלמאי ער איז ניט פרום.

ווי איינפאַך און נאאיוו און מיט וואָס פאר א שרעק ער האָט דאָס איהם דערצעהלט!

היינט די סצענע, ווען חאַצע דערצעהלט איהם וועגען לילית. ווי קעסלער־יאנקעל־בוילע האָט געקוקט אויף איהם. זיין פאר־צווייפעלטער געשריי: „ר' חאָצע, ר' חאָצע, גענוג, ישרעקט מיך ניט!" און זיין אימפּעטיגער ציה אויפ'ן אויווען ארויף, בשעת ער ווייסט ניט וואו אהינצוטאָן זיך פאר פחד, א ציה, ווי פון א

צוטומעלטער, איבערגעשראָקענער שלאנג, מיט אלע אברים, אזוי עלאסטיש און אזוי פול מיט שרעק — ווער קאָן דאָס פארגעסען ?!

אויך קאָן מען ניט פארגעסען, ווי אזוי ער האָט געשפּילט די סצענע אין דעם דריטען אקט, בעת ער דערוויסט זיך, אז נאטאשא דארף באלד ווערען מוטער. ווי אזוי ער טוט זי ווילד א שטויס און ווי ער פאלט צו צו איהר דערנאָך מיט א פארצווייפעלטען קושען און יאָמער:

— אך, נאטאשא, נאטאשא, פארוואס ביזטו ניט קיין אידישע שיקסע ?!...

און אין דעם לעצטען אקט, בשעת ער האָט זיך געזעגענט מיט איהר — נאָר איין קעסלער האָט געקאָנט אזוי שפּילען!

אין דער פּיעסע האָט ער דאן געהאט אזא ערפאָלג, אז איינמאָל ביי א פארשטעלונג איז ער ארויסגעטראָטען אויף דער ביהנע און האָט געהאלטען אומגעפעהר אזא רעדע:

— איך בין זיך מודה, ווערטעס פּובליקום, יו סי? חטא'נטי! איך טאָר ניט לעזען קאָברינ'ס פּיעסען, וויל, יו סי? איך האָב זיי ניט פארשטאנען, און אָט איהר זייט מיינע עדות, אז ווייטער וואָס ער וועט מיר ברענגען, וועל איך בלינדערהייד עס אָננעהמען און אויפפיהרען.

כמעט ביז זיין טויט האָט ער די פּיעסע געשפּילט. און נאָך עפּעס: די אקטיאָרען, וועלכע האָבען מיט איהם געשפּילט, וואָלטען געקאָנט דערצעהלען, ווי אזוי ער, קעסלער, וועלכער האָט זיך אזוי פיל ערלויבט מיט אנדערע פּיעסען, האָט אין דער פּיעסע אליין זיך ניט ערלויבט און קיין אנדערען ניט דערלאָזט צוצולייגען אָדער ארונטערצונעמען אפילו איין וואָרט...

די לעצטע צוויי סעזאָנען פאר זיין טויט האָט ער א סך געליטען, מחמת ער האָט אָנגעוואָרען זיין טעאטער און געמוזט שפּילען ביי אנדערע און דוקא אין אזעלכע פּיעסען, וועלכע ער האָט מיט זיין גאנצען הארצען געהאסט.

איך דערמאָן זיך: עטליכע חדשים פאר זיין טויט טרעף

איך איהם אין קלוב ביי די אידישע אקטיאָרען. ער איז געזעסען ביי אַ טיש און האָט געדויכערט אַ ציגאַר. ער האָט דאַן געשפּילט אין אַ געוויסען טעאַטער אין אַן אָפּערעטאַ.

זעץ איך זיך אַוועק נעבען איהם און מיר צושמועסען זיך. דאַן פרעג איך איהם:

— וואָס שפּילט איהר איצט, קעסלער?

קוקט ער מיך אָן מיט זיינע גרויסע, אויסדרוקספולע אויגען אויף זיין באַזונדערען שטייגער גוטמוטיג־קאָמיש און מאַכט:

— וואָס איך שפּיל? איך'ל אייך ווייזען.

ער נעמט אַ „טוט־פּיק" (ציין־העלצעל) פון'ם טיש, צעברעקעלט עס און לייגט אַ שטיקעלע אַוועק נעבען זיך; דערנאָך געפינט ער אַ ברעקעל ברויט אויפ'ן טישטוך און רוקט עס צו צום שטיקעל טוט־פּיק; דאַן וואַרפט ער נאָך צו צו דעם אַ גרייפּעלע פון אַ דערבייאיגען טעלער, אַ שטיקעל אויסגעשמירט פּאַפּיר, וואָס ער הויבט אויף פון'ם דיל, שיט צו צו דעם אַביסעלע זאַלץ, אַביסעלע פעפער, וואָס ער געפינט דאָ אויפ'ן טיש, שיט אויף דעם נאָך אַרויף אַש פון זיין סיגאַר, מישט דאָס אַלצדינג אויס מיט אַ פינגער, טוט אויף דעם, מחילה, אַ כראַקע מיט דער גאַנצער קראַפט, און מאַכט:

— דאָס שפּיל איך!

— וואָס איז דאָס?

— אונזערע אַן אָפּערעטע־טעניו!...

און האָט צוגעלייגט מיט האַס און מיט וועהטאָג:

— אי, קאָברין, איהר ווייסט ניט. אַ ראָלעניו שפּיל איך. איך וואָלט זיך בעסער אַוועקגעשטעלט אין מיטען גאַס און געהאַווקעט ווי אַ הונט. יאַשטשערקעס און שלאַנגען וואָלט איך איצינד אַרויסגעשפּיגען. אָט אַזוי פיהל איך, אין דר'ערד אַריין!...

אָט דאָס איז געווען קעסלער, דער נאַטור־מענש צווישען מענשען און דער ווילדער זשעני צווישען קינסטלער.